ע. קאָרמאַן

יידישע דיכטערינס

אַנטאָלאָגיע

פארלאג
ל. מ. שטיין
שיקאגא

ספריה עממית
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ע. קאַרמאַן

יידישע דיכטערינס
אַנטאָלאָגיע

גֶעזאַמלט, צונויפגעשטעלט און פֿאַרעפֿנטלעכט מיט
אַ פֿאָרוואָרט, ליטעראַטור - היסטאָרישן אַריינפֿיר,
ביאָגראַפֿיעס, ביבליאָגראַפֿישע נאָטיצן, טראַנסקריב-
ציעס און פֿאַטאָסטאַטן פֿון די ווערק פֿון דיכטערינס
אין דער אַלט - יידישער [XVI—XVIII יאָרה.]
און אין דער נייער [1888—1927] ליטעראַטור.

ע. קאָרמאַן

יידישע דיכטערינס

אַנטאָלאָגיע

פארלאג ל. מ. שטיין - שיקאגא

אויפשריפטן, הילע, שער־בלאַט
און פֿאָדער־בלעטער — געצייכנט
פֿון טאָדרעס געלער

Copyright 1928, By
E. KORMAN, DETROIT MICH.
Printed in the U. S. A.

אַרויסגעגעבן אין פֿאַרלאַג ל. מ. שטיין אין איין טויזנט פינף הונדערט פופציק עקזעמפלאַרן. געזעצט אין דער לינאָטיפּ־זעצעריי פֿון טש. קישי־נעווסקי. דרוקעריי פֿון „ליבאָר וואָרלד פּרעס“. בילדער און אילוס־טראַציעס אין דער צינקאָגראַפֿיע פֿון „אדווענס אינגרייווינג“. געבונדן אין דער בוכבינדעריי פֿון ברידער שטיין און קאָ. שיקאַגאָ. אין יאָר ניינצען צוואַנציק אַכט. תרפ״ח.

מיין מוטערס אנדענק

ספרית עממית
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

פֿאָרוואָרט

אין דער אַנטאָלאָגיע „יידישע דיכטערינס“ ווערן צום ערשטן מאָל צונויפֿגעזאַמלט און פֿאָרעפֿנטלעכט די ווערק פֿון אַ צאָלרייכער גרופּע דיכטערינס פֿון אונזער צייט און איר נישט ווייטן עבר פֿאַר אַ פּעריאָד פֿון קרוב צו פֿערציק יאָר שאַפֿן (1888—1927), און פֿון עטלעכע פֿאַרפֿאַסערינס, וואָס האָבן געשריבן אויף יידיש־טייטש, און וואָס די ערשטע דאַטע פֿון פֿאַרעפֿנטלעכן דאָס ליד פֿון איינער פֿון זיי פֿאַלט אויס כמעט מיט פֿערטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק (1586).

צונויפֿקלייבנדיק אַ גרויסע צאָל נעמען און לידער, וואָס זיינען אויפֿגעקומען אין דער נייער יידישער ליטעראַטור און וואָס אַ סך פֿון זיי זיינען געבליבן אין פֿאַרגעסנקייט אויף די עמודים פֿון צענדליגער און צענדליגער זשורנאַלן און זאַמלביכער, האָב איך אין זינען געהאַט דער עיקר די שאַפֿונג פֿון דעם נייעם און יונגן דור יידישע דיכטערינס, וועלכע זיינען אין זייער קינסטלערישקייט שטאַרק איבערגעוואַקסן די פּאָעזיע פֿון זייערע נאָענטע פֿאָרגייערינס, און אין דעם דראַנג פֿון אַ נייער תקופה, וואָס שיילט זיך אויס אין דער ליטעראַטור, האָבן זיי זיך דערנעענטערט און קומען צו דער נייער שאַפֿונג.

דער צונויפֿגעזאַמלטער מאַטעריאַל האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן צו זיין אַזוי גרויס, אַז ס׳איז אויסגעקומען צו בייטן די לכתחילהדיקע סכעמע און אויפֿגאַבעס. דאָס האָט זיך אויך געפֿאָדערט צוליב דעם, וואָס ביז איצט איז נאָך אין ערגעץ־נישט געגעבן געוואָרן קיין בילד פֿון אונזער פֿרויען־דיכטונג און אירע פֿאָרשטייערינס פֿון סוף לעצטן יאָרה. אַדאַנק זייערע שאַפֿונגען איז איצטער מעגלעך געוואָרן דער אויפֿקום פֿון אַ נייער פֿרויען־דיכטונג אין אונזער ליטעראַטור. אין פֿאַרגלייך מיט זייערע לידער זעט זיך אויך אָן בולטער די ירושהדיקייט און די ו ו י י ט ע נ ס י ע ה, וואָס אונזערע מאָדערנע פֿרויען־דיכטערינס האָבן דורכגעמאַכט אויף אַ וועג, וואָס איז פֿון עמיצן פֿריהער שוין צוגעגרייט און אויסגעטראָטן געוואָרן.

געבן אַ בילד פֿון דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פֿון אונזער פֿרויען־דיכטונג, איר צושטאַנד און כאַראַקטער אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, און פֿון די פּאָעטישע דערגרייכונגען אין דער נייער צייט, איז אין פּראָצעס פֿון דער זאַמל־אַרבעט געוואָרן די אייגנטלעכע אויפֿגאַבע פֿון דער אַנטאָלאָגיע.

דאָס בוך האָב איך איינגעטיילט לויט תקופות און פּעריאָדן אין פֿינף טיילן.

אין דעם ערשטן טייל קומען די ווערק פֿון פֿרויען־פֿאַרפֿאַסערינס, וואָס געהערן צו דער עלטערער יידישער ליטעראַטור (XVIII-XVI יאָרה.), ווען די

ייִדישע פרוי איז געווען די לעבעדיקסטע אינספּיראַציע פאַרן געבוירן פון אַ נייִער ליטעראַטור ביי ייִדן. זייערע שאַפונגען אויף ייִדיש־טייטש, וואָס ווערן דאָ איבערגעדרוקט, טראָגן אַ רעליגיעז־עטישן כאַראַקטער.

דער צווייטער טייל איז געווידמעט דער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער און טענדענציעזער פּאָעזיע, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין רוסלאַנד סוף נייַנצענטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרה., ווען עס האָבן מיטן אויפבלי פון דער ייִדיש־וועלטלעכער ליטעראַטור און דיכטונג זיך באַוויזן אויך די ערשטע מאָדערנע ייִדישע שריפטשטעלערינס און דיכטערינס.

דער דריטער טייל נעמט אַרום אַן איבערגאַנגס־צייט, וואָס האָט געהערשט אין אונזער ליטעראַטור, און וואָס ציט זיך אין משך פון כמעט ביידע יאָרצענדלינגען אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרה. דאָס איז די צייט לערך פון נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע און ביז דער עפּאָכע פון דער וועלט־מלחמה און איר אָנהויב, ווען דאָס אַלגעמיינע אייראָפּעאישע, ווי דאָס רוסלענדישע און ייִדישע לעבן, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט געזעלשאַפטלעכער רעאַקציע און אין דער לעטעראַטור און פּאָעזיע האָבן געוועלטיקט שטימונגען און געפילן פון ירידה. דאָ ווערן געגעבן די ווערק פון דיכטערינס, וואָס זיינען אויפגעקומען אין אַלטן רוסלאַנד און פוילן, און אייניקע, וואָס האָבן פאָרגעזעצט זייער שאַפונג אין אַמעריקע. אויך אַ שפּעטערדיקע גרופּע פון פוילן און אַנדערע לענדער פון פאַר און בעת דער וועלט־מלחמה.

אין דעם פערטן און פינפטן טייל זיינען פאַרטראָטן די נייִע דיכטערינס פון אַמעריקע און אַנדערע לענדער און די שאַפונגען פון די יונגע דיכטערינס אין דעם באַנייטן רוסלאַנד. די לעצטע זיינען, אַדאַנק די באַזונדערקייטן פון זייערע מאָטיוון און געזעלשאַפטלעכע אימפּולסן פון זייער פּאָעזיע, פאָרגעשטעלט אין דעם פינפטן טייל פון דער אַנטאָלאָגיע.

לויט דעם, ווי דאָס בוך איז איינגעטיילט, פילט זיך געוויס אַ בלויז צווישן דעם ערשטן און צווייטן טייל. דאָס וואָלט נעמלעך געדאַרפט זיין אַן אָפּטיילונג פון פאָלקסלידער, וואָס אין זייער שאַפונג האָט די ייִדישע פרוי געהאַט אַ גרויסן חלק, און וועלכע האָבן געווירקט אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער נייִער ייִדישער ליטעראַטור. ס׳איז אָבער אוממעגלעך געווען צו פאַרברייטערן אַזוי ווייט די ראַמען פון דער אַנטאָלאָגיע, וואָס איז אַזוי אויך אויסגעוואַקסן, בעת מיר פאַרמאָגן אַ צאָל זאַמלונגען פון פאָלקסלידער און אַרבעטן, וואָס ענטפערן דירעקט אָט דער אויפגאַבע.

די קלאַסיפיקאַציע פון די תקופות איז אַנטשטאַנען, געוויינטלעך, אויפן גרונט פון דער פאָרשונג און באַקאַנטשאַפט מיט דעם צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל.

אין פאָרשטעלן די שאַפונג פון די דיכטערינס האָב איך אָנגעווענדט דעם מעטאָד פון אַ כראָנאָלאָגישן סדר, וואו, אָנשטאָט דעם וועג פון איינטיילן די לידער לויט די דאַטעס פון געבוירן־יאָר פון די דיכטערינס, האָב איך זיי געגעבן לויט די יאָרן, ווען זיי זיינען צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן, און

אויף וויפיל, פאַרשטייט זיך, געניי אָדער לערך, מיר האָט זיך איינגעגעבֿן פעסטצושטעלן די ריכטיקע דאַטע פון זייער פאַרעפנטלעכן אין אונזער ליטע־ראַטור. דער דאָזיקער מעטאָד דערלויבט אויך, אַז די קלאַסיפיקאַציע זאָל נישט דורכגעפירט ווערן אין קיין אַבסאָלוטער שטרענגקייט, און אַז באַשטימטע דער־שיינונגען און יחידים, וואָס שטייען נאָענט צו צוויי תקופות, זאָלן קאָנען באַלאַנגען צום סוף פון איינער, אַזוי גוט ווי צום אָנהייב פון דער אַנדערער נעבן־תקופה. אויסער דעם גיט אָט דער וועג אויך אַ גאַנצער בילד, וואו, לויט די פאַרשיידענע פאַזעס און ריכטונגען, איז צו זען, ווי אַזוי ס'האָט זיך געביטן די פאָרם און ס'זיינען באַרייכערט געוואָרן די מאָטיוון און סיו־זשעטן פון דער דיכטונג.

מיטן אויסוואַל פון די לידער האָב איך געשטרעבט צו געבֿן אין דער אַנטאָלאָגיע אַ מעגלעך ברייטער בילד, וואו די פאַרשיידענע תקופות און ריכטונגען זאָלן קאָנען ווי געהעריק אָפּגעשפּיגלט ווערן. באַזונדערן אַכט האָב איך, דעריבער, צוגעגעבֿן דעם צונויפזאַמלען אין איין אָרט די לידער פון די עלטערע דיכטערינס, וואָס קומען אין דעם צווייטן טייל, כדי זיי זאָלן באַקומען אַ תיקון כאָטש צוליב ליטעראַטור־היסטאָרישע טעמים. די נייע דיכ־טערינס האָב איך אָפּגעטיילט אַ גרויס פּלאַץ, רעכענענדיק זיך מיטן פאַרנעם, אינדיווידועלן ביטראַג און פאַרשיידנקייטן פון די מאָטיוון פון יעדערער. נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, טיילוויז, האָב איך אָנגעווענדט אָט דעם פּרינציפּ בנוגע די יונגע יידישע דיכטערינס פון רוסלאַנד (אייגנטלעך — אוקראַינע), וואָס זיינען צום מערסטן אינגאַנצן נישט באַקאַנט דעם ברייטן לייענער־עולם, וואָס געפינט זיך אויסער די רוסלענדישע גרעניצן, און, פאַרשטייט זיך, נאָך מער צוליב דער נייקייט און פרישקייט פון זייער פּאָעזיע. בקיצור — געבנדיק אָפּט אַ גרעסערער פּלאַץ דער אָדער יענער דיכטערין האָב איך אין זינען געהאַט דער עיקר און זיך מער גערעכנט מיטן בילד פונם כלל, דער גאַנצער גרופּע, אָדער תקופה, ווי מיטן פּרט.

אַ רייי לידער ווערן אין דער אַנטאָלאָגיע געדרוקט פון כתב־ידן, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן פאַר דער אויסגאַבע. איינציקע זאַכן אויך פון מאַ־נוסקריפּטן, וואָס זיינען גרייט צום דרוק און דערווייל אין בוכפאָרם נאָך נישט פאַרעפנטלעכט, ווי מרים אולינאָווערס נייער בוך „שבת", ראָזע יאַקובאָוויטשס „לידער צו גאָט", און אַנד.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן אגב־אורחא, אַז אַ צאָל לידער זיינען אין בוך נישט געגעבֿן געוואָרן צוליב רעדאַקציאָנעלע טעמים. אָט די לידער זיינען אָדער אָפּגעשטאַנען אין זייער תוך און פאָרם, אָדער זייערע אויטאָרינס עקס־פּערימענטירן מיט זיי לויט דער לעצטער מאָדע און די לידער זיינען רוי און שוואַך אין אויסדרוק. די נעמען פון זייערע פאַרפאַסערינס, ווי פון די אויס־נאַבעס, זיינען אָבער פאַרצייכנט אין דער ביבליאָגראַפישער רשימה.

אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן פאַר אַ גרופּע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין פּוילן בעת דער מלחמה און פאַר אַ פּאָר אין דרום־אַפריקע. אָפּגעריסן פון

גרויסע ליטעראַרישע צענטערס האָבן זיי נישט באַוויזן זיך צו אַנטוויקלען און די מערסטע פון זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. זייערע לידער זיינען בלייך און אָרים און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער איבערגאַנגס־צייט אין דער דיכטונג. צו איינצלנע לידער פון אָט דער גרופּע ווערט געגעבן אין דעם דריטן טייל פון דער אַנטאָלאָגיע.

די ווערק פון די פאַרפאַסערינס פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, וואָס ווערן, ווי פריהער דערמאָנט, צום ערשטן מאָל איבערגעדרוקט און פאַרעפנטלעכט אין דער אַנטאָלאָגיע, ווי אין אונזער ליטעראַטור בכלל, פון דעם אַזוי גערופענעם „ווייבער־טייטש“, אָדער „משקט“, דעם ספּעציעלן שריפט, מיט וועלכן מ׳פלעגט אַמאָליקע צייטן דרוקן ספרים אויף יידיש־טייטש און באַזונדערס פאַר פרויען, זיינען קאָפּירט אות־באות פון פאָטאָגראַפישע אָפּדרוקן פון די אָריגינאַלן, וואָס געפינען זיך אין רשות פון דער באָדלעיאנא־ביבליאָטעק אין אָקספאָרד, ענגלאַנד. זיי זיינען געבראַכט מיט דעם אויסלעג פון יענער צייט, אָבער אין דעם מאָדערנעם יידישן אלף־בית, כדי צו פאַרגרינגערן דאָס לייענען פון די טעקסטן. ווען מ׳באַקענט זיך מיט די גראַמאַטיקאַלישע כללים פון יידיש־טייטש, וואָס זיינען אין דער לעצטער צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ ריי אויסגאַבעס פון אונזערע פילאָלאָגן, קומט אָן דאָס לייענען פון די טעקסטן נישט שווער.

אין דער אַנטאָלאָגיע זיינען אויך ניט פאַרטייטשט געוואָרן די אַלט־יידישע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס באַגעגענען זיך אין די דערמאָנטע טעקסטן. דאָס קאָן מען גרינג ממלא זיין מיט דער הילף פון דעם קליינעם ווערטערבוך פאַר יידיש־טייטשע ווערטער, וואָס ב. באָראָכאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אין סוף פון באַנד א׳ פון באַסינס אַנטאָלאָגיע. מחמת דוחק אין פּלאַץ, און צוליב דעם, וואָס דאָס דערמאָנטע ווערטערבוך איז גרויס גענוג אויף צו באַפרידיקן די נויט ביים לייענען אויך אונזערע טעקסטן, איז נישט צוגעגעבן געוואָרן קיין באַזונדער ווערטערביכל צו אונזער אַנטאָלאָגיע. נייע ווערטער און אויסדרוקן פון אונזערע טעקסטן, וואָס פעלן ביי באָראָכאָוון, וועלן, צו האָפן, פאַרטייטשט און דערקלערט ווערן פון אונזערע קאָמפּעטענטע קענער און פאָרשער פון אַלט־יידיש.

די דערמאָנטע שאַפונגען אויף יידיש־טייטש ווערן אין בוך געבראַכט אויך אין פאָטאָגראַפישע איבערדרוקן פון זייער אורפאָרם. צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות ווערן געגעבן נאָר איניקע זייטן פון די פאָטאָסטאַטן, נעמלעך: די שער־בלעטער, און די ערשטע און לעצטע זייטן פון די טעקסטן (אין איין פאַל אויך פון אַ וואַריאַנט), וואָס טראָגן צום מערסטן אויך אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער.

אַלע לידער אין בוך זיינען געדרוקט מיט דער אָרטאָגראַפיע פון זייער צייט. די לידער פון די נייע דיכטערינס אין רוסלאַנד, ווי פון איניקע אַמעריקאַנערינס, ווערן געגעבן מיט דער פאַריידישונג פון די העבראַישע עלעמענטן אין אונזער שפּראַך, וואָס ס׳האָבן אָנגענומען אויך אַ טייל יידיש־אַמע־

ריקאנישע פאעטן. מחמת אט די אלע סיבות איז די ארטאגראפיע אין בוך נישט קיין איינהייטלעכע, אבער אן אויסגעהאלטענע. און ס'וואלט געווען א חסרון, אז צוליב דער איינהייטלעכקייט זאלן אפגעווישט ווערן די פארשיידנקייטן פון די אויסלעגן, וואס זיינען אויך סימנים און דענקמעלער פון ענגערן ליטע־ראטור־היסטארישן ווערט.

צום סוף פון בוך ווערן צוגעגעבן ביאגראפיעס פון די דיכטערינס און א ביבליאגראפישע רשימה פון מקורים. מיט דעם גרעסטן טייל פון די מקורים האט דעם צוזאמענשטעלער זיך איינגעגעבן צו באקענען זיך אליין. די לידער פון אונזערע דיכטערינס זיינען צעזייט, אויסער זשורנאלן, אויך איבער א גרויסער צאל צייטונגען און אומפעריאדישע אויסגאבעס, ווי פארשיידענע זאמלהעפטן פון יונגע, וועלכע ס'איז איצט שוין שווער צו געפינען. אויך נאר א קליינע צאל דיכטערינס האבן אפגעדרוקט זייערע לידער אין בוכפארם. די וויכטיקסטע פעריאדישע אויסגאבעס זיינען אבער פארנאטירט געווארן אין דער געבראכטער רשימה, און זיי האט זיך איינגעגעבן צו קריגן טיילווייז פון די גרויסע ארכיוון פון די צענטראלע יידישע ביבליאטעקן אין ניו־יארק, און פון פריוואטע זאמלונגען און קאלעקציעס, צו וועלכע דער צוזאמענשטעלער האט געפונען א צוטריט פאר דער צייט פון זיין זאמל־ארבעט, וואס האט געדויערט ארום דריי יאר.

ביים צונויפשטעלן די אנטאלאגיע האבן מיר פיל ארויסגעהאלפן די ווערט־פולע ביבליאגראפישע אנווייזונגען בנוגע דער עלטערער און נייער יידישער ליטעראטור פון מיין פריינט דעם יידיש־העברעאישן שריפטשטעלער און פאר־שער יצחק ריבקינד, ביבליאטעקער פון דעם יידישן טעאלאגישן סעמינאר פון אמעריקע, ניו־יארק (Library of the Jewish Theological Seminary of America, New York). אדאנק זיינע באמיאונגען און פארבינדונגען, וואס ער האט פאר מיר געשאפן, האט זיך איינגעגעבן צו קריגן דורך פראפ. ישראל דא־ווידזאן, ניו־יארק, פון דעם פראפ. א. קאולי, אקספארד, לאנדאן, הויפט־ביב־ליאטעקער פון דער באדלעיאנא, די פאטאגראפישע אפדרוקן פון די ווערק אויף יידיש־טייטש. פריינט ריבקינד האט פערזענלעך אויך באזארגט פארן בוך א טייל מאטעריאלן, ווי געמלעך, א ריי אויסגאבעס פון פוילן און דרום־אפריקע.

ס'איז פאר מיר אן אנגענעמער חוב אויסצודריקן דא מיין דאנק די אלע דערמאנטע פאר זייער הילף און אקטיווער סימפאטיע, און באזונדערס פריינט ריבקינד פאר זיין שטענדיקער גרייטקייט צו קומען צו הילף און פאר די גוטע עצה'ס און פלענער, מיט וועלכע כ'האב זיך באנוצט ביים צונויפשטעלן דאס בוך, און בכלל פאר זעלטענער ליבע און זארג, וואס ער האט ארויסגעוויזן צו מיין ארבעט.

איך דאנק אויך דר. יהושע בלאך, פארוואלטער און הויפט־ביבליאטעקער פון דער יידישער אפטיילונג ביי דער צענטראלער שטאטישער ביבליאטעק אין ניו־יארק (Jewish Division of the New York Public Library) פאר דער

יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH ... TORONTO

פּרייזנטלעכער אויפמערקזאַמקייט מיט איבערשרייבן און צושיקן אייניקע וויכטיקע מאַטעריאַלן.

פאַר דער דערלויבעניש צו באַניצן זיך מיט די אַרכיוון און קאָלעקציעס פון אַלטע יידישע זשורנאַלן און זאַמלביכער קומט אַ דאַנק משה צעשינסקי, שיקאַגאָ, און מ. דאַמבי, דעטראָיט.

כ'בין אויך שולדיק אַ דאַנק זלמן רייזען פאַר מיטגעטיילטע ביאָגראַפישע ידיעות פון די מאַטעריאַלן פון דעם 3־טן באַנד פון זיין לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז צו יענער צייט נאָך נישט געווען פאַרעפנטלעכט.

אַ באַזונדערן דאַנק דריק איך אויס דאָ די דיכטער: דוד האָפשטיין, קיעוו, פאַר צוגעשיקטע און נאָך אין ערגעץ נישט־געדרוקטע לידער פון דער קיעווער גרופּע דיכטערינס; ל. מילער, דעטראָיט; י. ה. ראַדאָשיצקי, ניו־יאָרק; מלך ראַוויטש, וואַרשע; יוסף ראָלניק, ניו־יאָרק. אויך — אי. וו. בידערמאַן, ניו־יאָרק און ל. מאַטעס, לאָס־אַנזשעלעס, קאַליפ. — פאַר אייניקע מאַטעריאַלן.

ס'פרייט מיך אויך צו אַרויסזאָגן דאָ מיין דאַנק צו מיין פריינט דעם אי־בערגעגעבענעם און באַגייסטערטן טוער פון דער נייער יידישער קולטור, דעם פאַרלעגער ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ, וואָס האָט ניט געשפּאָרט קיין מי און צייט און זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שוועריקייטן און הוצאות, כדי וואָס פול־קומער און רייכער אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

און איינעם וויל איך דאָ דערמאָנען, וואָס האָט אויך געהאָלפן און געוואַרט אויפן דערשיינען פון דער אַנטאָלאָגיע, און מיר קומט אויס שוין נאָך זיין טויט צו שרייבן אָט די שורות — דר. חיים ספּיוואַק, תנצב"ה.

פון מיין פרוי, אנא הערשנהאָרן־קאַרמאַן, האָב איך באַקומען אומפאַר־ביטנדע הילף און דערמוטיקונג בעת דער זאַמל־אַרבעט און צונויפשטעלן דאָס בוך.

ע. ס.

אינהאַלט

לויטן כראָנאָלאָגישן סדר

פאָרוואָרט — VII

אריינפיר — XXVII

בוך א׳ — 3

רויזל פישלס (1586)

מיט הוילף גוטס ית׳ — 5

טויבה פאַן (17 יאָרה. ?)

איין שין ליד ניא גימאכט — 7

געלה (1710)

תפילת — 18

חנה כ״ץ (17 — 18 יאָרה.)

תפלה לשבת — 20

איין היפשה דרשה

א. הערט צו איר ליבן מאנין אונ׳ ווייבר — 22

ב. איינש האב איך גיאכט — 25

ג. איך וויל נאָך איין מאל מיין פען רייבן — 30

ד. איר ליבה פרומה ווייברן — 36

בוך ב׳ — 39

ראָזא גאָלדשטיין (1888)

זכרונות של פסח — 41

צו מיין פאָלק — 43

נור טרעהרען — 44

דיא יודישע מוזע — 45

דאָס שלאָפענדע קינד — 46

אננא ראפפאָרט (1893)

די זון געהט אויף — 47

תחית המתים — 48

אָ, לאָ׳מיר געניעסען — 49

זעלדע קניזשניק (1900)

כפרות — 51

ביים פענסטער — 52

ווינטער — 53

אַ שפעטיגע רויז — 54

וואָלקענס — 55

אונטער שלאָס — 55
מיין לעצטע ליכט — 55
מאָרגען — 56
און ווען דיין נשמה — 56
אָ, הייליגער בורא — 57
מיין מאַן איז אין אַמעריקע — 57

פּאַולאַ ר. (1906)
קום! — 59
ווער ביסטו? — 60
א בריוועל — 61

יהודית (1907)
אין א ווינקעל פון מיין האַרצען — 62
ברייטע הימלען — 63
די נאַכט — 64
איך ענדיג מיין וועבען — 65
איך שלאָף שוין לאַנג — 65
צום דיכטער — 66
פּאָעמא פאַר דער יוגענד — 67

ראָזאַליא יאַקובסאָן (1908)
איך ברויך נישט קיין פריהלינג — 71

בוך ג׳ — 73

שרה רייזען (1910)
ס׳האָט דער ערשטער פריהלינגס־טאָג — 75
קלאַפּ ניט אָן אין מיין טיר — 76
גענוג — 77
און שטיל איז געוואָרען — 77
עס איז אַ שניי שטילער — 78
דו ביסט אין מיין נעכטען — 78
די טאָפּאָלען ווייסע — 79
וועט דער מזל וועלען — 79
שנעל בליט אָפּ דאָס פעלד — 80
איך רו שוין לאַנג — 80
איך טרינק פון מזלס בעכער — 81
איך ליג אין שטויב — 81
הבל הבלים — 82
איר, מיין לידער־קראַנץ — 82

ראָזא יאַקובאָוויטש (1910)
פון כלה־סדור — 84
כ׳האָב געמיינט — 85
אָן אַ סטאַנציע — 86
די נאַכט־וואַנדלערין — 87

די עקרה — 87
צו מיין מאַטען — 88
ביבלישע מאָטיווען
א. רחל — 89
ב. הגר — 90
פון בוך „לידער צו גאָט“ — גורל
א. כ'האָב געזוואויגען און געמאָסטען — 91
ב. ווי קאָן עס זיין — 91
ג. וואָס אַרט מיך — 92
פּראַדעל שטאָק (1910)
סערענאַדע — 93
א ווינטער־עכאָ — 94
פלאַטערט אַ ווינטעל — 95
ביים ים — 95
פאַרנאַכטען
א. אינ'ם שטילען אָבענד־ווינד — 96
ב. פליהסט אום, דו בין — 97
ציים־מאָטיוו — 97
סאָנעטען
א. ווי בייז דו ביזט, מיין פריינד — 98
ב. דו טראָגסט דאָס האַרץ — 98
ג. מיט גוטסקיים שטראָפסטו — 99
ד. צי זאָל איך מיך פערבאָרגען — 100
ה. דער פאַרהאַנג אין שטיבעל אין מיינעם — 100
רבקה ראָזענטהאל (1912)
די לעבענספרייד — 102
מרים־שמ״ר־צונזער (1912)
פון צפון־זיים האָט זיך אַ ווינטעל — 104
אסתר זיידלער (1913)
ווי אַ פויגעלע — 105
אביגיל (1915)
כ'האָב געטרונקען — 106
פינגער — 107
בערטאַ בענקענשטאדט (1917)
עס געהט זיך אַ סאָלדאַטעל — 108
חנה גערסאָן־ראבינאָוויטש (1918)
פון דעם ציקל: „מזרח“
א. די מואב־בערג — 109
ב. אין לבנון־וואַלד — 110
ג. גיחון — 111
ד. לעגענדע — 111

שושנה טשענסטאָכאָווסקא (1918)
112 געה איך מיר אין גערטענדעל
113 שטיפערדיגע אינגעלעך
114 געלעבט האָט זיך אַ ווייבעלע
116 צו דער זון
מירעל ערדבערג (1918)
116 אין מאָרגען־באַגינען
116 צו דער זון
יוכבד שענפעלד (1919)
117 שרייען וואָלט איך
מרים וואָהלמאַן־שעראָטשעק (1919)
118 מיין פריהלינג
פייגע באָרנשטיין (1919)
119 בוים זון־אונטערגאנג
שרה בוים (1919)
120 מיינע אָרעמס
120 געבענשט זיי!
מאַליע ביילין (1919)
121 פרעג נישט
שרה'טשע זילבערבערג (1919)
122 קום!
לאה ק. האָפמאַן (1919)
123 די פערבלאָנדזשעטע
קינדער־לידער
124 א. דער זייגער
125 ב. דאָס פערדעלע
126 ג. גאָט'ס שפּיעלצייג
127 ד. א שיכפּוצערס חלום
דזשעני ראטנער־בערקאָוויטש (1920)
128 אין ווייטן האָריזאָנט
129 אַ ווינטערפרימאָרגן אין די קאָלאָראַדער בערג
אננא בלאָך (1921)
131 איינזאַם
מרים לייב (1922)
133 גרוי
מרים אולינאָווער (1922)
134 אַנטיקעלעך
134 דאָס יחוס־ברייוועלע
135 דאָס קאַרשעלע
136 דער באָבעס זעהונג
138 צום „בעשוי“
139 די אַלטע זאַג
140 די צואה

פון בוך „שבת“

א. שבת 141
ב. שטערען 142
ג. א חומש־נאַכט 143
ד. צומאָרגענס 144
ה. א שליחות 145
ו. דער זיידעשי 145

בוך ד׳ 147

רבקה גאלין (1915)

אויפ׳ן ראַנד 149
אין שאָטען 150
בערג־שטילקייט 150
מיין דאָקטאָר 151
ווען מיך טרעפט דיין קינדעריש בליק 152
מיין מיידעלע 153

בערטא קלינג (1916)

און — עס קאָן זיין 155
מיין טיש 156
ווען עס הויבט זיך אָן דער טאָג 157
טאָמער וועט דאָס לעבן 158
קום צו מיר 158
אז איך וויים ניט דעם וועג 159
שוועסטער מיינע 159
איך וואָלט וועלן 160
דו האָסט מיך צוגעדריקט צו זיך 160
דו דערמאָנסט מיר 161
ווי אַ גישטגעטראָגן קלייד 161

ציליע דראַפּקין (1917)

מיין מאַמע 162
מיינע הענט 163
איך בין אַ צירקוס־דאַמע 163
איך ליג אין האַמאַק 164
וואָס איך זאָג און טו 165
דו דערנידעריקסט מיך היינט 165
דו קוועלסט, איך קוועל 166
איך האָב דיך נאָך נישט געזען 167
איך בין אַ דערטרונקענע 167
איך וועל אַנטלויפן 168

ראשעל וועפּרינסקי (1918)

איך בין ווי מיין קלייד 169
דאָס ליד 169

א טאָג — 170
שניו — 170
איך ווייס ניט פאַרוואָס — 171
גערן אומגערן — 171
איך וועל אַרומנעמען מיינע אַקסל — 171
אָ, מיין שפּראַך — 172
פון מיינע שלאַנקע גלידער — 173
ווען איך זאָל קינדערלעך געבוירן — 173

אידא גלאַזער (1918)
פליסט אַ שטראָם — 175
דער לעצטער קלאַנג — 176
טרוקענער געוויין — 176
אין לאַבירינט — 177
אויפן וואַסער־זילבערשיין — 178

פעסי הערשפעלד (1918)
נאָקטורן — 179
טויערן — 180
צווייגלעך נאָך פּאַרטריקנטע — 180
ווייסע גענז — 181
אַליעסקא און מיקאָלא — 181
ציגיינערקעס — 182
מיין שטעטל — 184

איידא טילעס (1918)
צום וואַגאַבונד — 185
א בלום — 186
טאָג — 188

אסתר פעוזנער (1919)
די שליסל מיינע — 189

קאדיע מאָלאָדאָווסקי (1919)
פרויען־לידער
א. עס וועלן די פרויען פון אונזער משפחה — 190
ב. צו דעם וועל איך קומען — 191
ג. אַמאָל איז אַ שטיינערנער טרעפּ — 192
ד. פאַר כלות אָרעמע — 192
ה. ס'איז נעכט אַזוינע פרילינגדיקע דאָ — 193
ו. אין נעכט ווען איך בין וואַך — 194
אָפּגעשיטע בלעטער — 195
אַמוואָצק — 196
ניט לאָז מיך אונטערגיין — 197
ס'איז גוט דעם קאָפּ באַהאַלטן — 197
א מצבה — 198

רחל ה. קאָרן (1919)
דיר — 199
זומערדיקער רעגן — 200
פּרימאָרגן אין דאָרף — 200
חשון — 202
ווינטער — 202
31 קעמלען — 203

ליבע בורשטין (1919)
יונג יאָר — 204
וואונדער — 206
דער רוף — 206
שעה׳ן — 206
מאַנבלום — 207
ביידע — 207
יונגער שרעק — 207
וואוהין — 208
אין אָנדענק — 208

פּערל וואָלפינגער (1920)
גאַס
א. חויקער — 209
ב. פּים — 210

אנא מאַרגאָלין (1920)
פינפטע עוועניו פאַרנאַכט
א. ס׳איז אַפּריל — 212
ב. איבער דער אונטיקער עווענין — 212
אין קאַפע
א. איצט אַליין אין קאַפע — 213
ב. און אַלע פּנימער אין רויך — 214
ג. מיטן פּראָסטיקן שיין פון די לאָמפּן — 214
בראָדוועי אָוונט — 215
דער גענגסטער — 215
מוטער ערד — 216
האַרבסט — 216
יאָרן — 217
מיין היים — 217

אסתר סיגאל (1922)
צום בלויען ווינגל — 219
מיין גערטנער — 220
פריהאַרבסט — 221
מיין פּרינץ — דער בעקער — 222

אַ ליד — 223
שניטער — 224

אסתר שומיאטשער (1922)
אַלבאַטראָס — 225
זעאונגען — 226
ווייען
א. פרוי, איך הער צום מאַן דיין רוף — 227
ב. חלומות איינגעפלאָכטן אין כלה־צעפּ — 227
ג. האָט זיך לייב געריסן — 228
שעלט ניט — 228
ביים לאָדן אַ שיף
א. אָרעמס, וואָס שלײדערן אַנקער — 229
ב. איר ווישט מיט רויער האַנט דעם שווייס — 230

יודיקא (1922)
העי, ליבער, זאָג — 231
אין ווינטן — 232
מיין זיין — 233
ביי פאַרמאַכטע וועגן — 234
איך אַנטלויף פון דיר, צייט — 235
צום ליבן — 236
פרימאָרגן — 237

שפרה ווייס (1923)
דורותדיקע בריק — 238
צום מאַן — 239
מיינע טעג — 240
וועגן — 240
לעבן מיינס — 241

ראָזא גוטמאַן (1923)
וואָס ווייסטו? — 242
דו בעטסט מיך — 243
איך צעפלעכט מיינע האָר — 243
איך ליב אַ דערוואַקסענעם — 244
איך האָב דיך ליב — 244
לידעלעך פאַר דיר
א. אין דער בלויקייט בליען בלומען בלאַסע — 244
ב. טונק זיי איין אין מיינע האָר — 245
ג. זאָג מיר עפּעס — 245

מלכה לי (1923)
היינט ביינאַכט — 247
באַליידיקט — 248
פאַרטאָג — 248

קינדער מיינע — 249
גוים שלאָפן — 250
קויפט פּאַפּיראָסן — 251
רוימע פאַרנאַכטן
א. אין זיין איינגן גאָלד צעגאַנגען — 252
ב. אויפן בוידעם אין ווייכן היי — 253
דערוואַכונג — 253

ריקודה פאַטאַש־פוקס (1923)
דיין וואַליזע — 255
ווען צוגן גייען אָפּ — 256
דאָס דינסטמיידל — 257
פּראָסטיקע פלימערלעך — 258

פריידל ס. טשאַרני (1923)
קומט אומרו אין נאַכטיקע שעה'ן — 260
ווי דאָס ווילדגראָז — 261
יאָרן — 261
לעבן, לאָז מיך ניט פאַרגיין — 261
ווען איך וועל איינשלאָפן — 262
עס פאַלט אַראָפּ — 262
איך ווייס — 263
זיי פרוכטבאַר ווי די ערד — 263
עס פלאַמט און לעשט זיך — 264
וואָס זיינען אַלע מיינע לידער — 265

ברכה קודלי (1924)
פרילינג — 266
מאַראַנצן — 267
שטיפמוטערלעך — 267
צום נזיר — 269
אין דער דינקיים — 269

אידא מאַזע (1925)
אין שמאָלן וועג
א. צוליב טאַטע־מאַמע — 271
ב. שווער צו גיין — 272
מיין טאַטע — 272
מוטער־ליד — 273
קינדער
א. וויינען קינדער דורך די נעכט — 273
ב. ס'האָבן קינדער אין זאַמד היינט געשפּילט — 274
אַ מאַמע זיין — 274
מיין קינדס קבר — 275
לידער אין ווינט — 275

כאַסיע קופּערמאַן (1925)
דער קאַטעדראַל — 276
דער בּריק — 277
סאָנעט — 278

רבקה רויזנבּלאַט (1925)
איך האָבּ געטראַכט פון דיר — 279
וועלכער גוטער חלום — 279
ווי אַ טויבּ — 280

עטל גאָלדבּערג (1926)
דורך אַלע מיינע טואונגען — 281

ראָזע לאַקס־פּרץ (1926)
אויפן היימישן בּרעג — 282
מאַרגנפרי — 283
כ׳גיי נעבּן פּלויט — 284

גימל מייזל (1927)
דיין קאָפּ — 285
מיין געשאַנק — 285
דו זאָגסט — 286
פאַראַן אַזאַ מין שטאָט — 286
דיין בּליק — 287
פאַרלאָזטע פרויען — 288

בּוך ה׳ — 289

דוואָירע כאַראַל (1922)
טשאַדרע
א. ווען אַ בּאָרוויסע — 291
בּ. אוי, ווייטן, צעוויגט זיך — 296
ג. לעשן זיך שייטערס — 292
ד. ניטאָ קיין וואַסער שוין אין קרוג — 292
ה. אַרוף אַף פעלזיקן שטיין — 293
ו. אין מידבּער מיין מאַמע — 293
ז. שטעקעלעך, רינגעלעך — 294
פון ציקל „היום“
א. גראַוּוע כאַלעמען שטיבּלעך — 294
בּ. און ענג איז מיין שטיבּל — 295
ג. פאַרבּיי אונזער שטוב — 295
בּיים יאַם
א. גרינע קוועלנדע כוואַליעס — 296
בּ. אוי, ווייטן, צעוויגט זיך — 296
ג. אוי, דורך דיר כ׳האָבּ אַ שפּאַן געטאָן — 297
אַ מאַיסע — 297
אוי, ניט קיין שוועבּעלעך — 299

שיפרע באלאָדענקאָ (1922)
עס וועט אין מיר וואַקסן — 300
אַלע כּוידעש — 300
איך בין פול — 301
מיין בלום — 301
אַז מיינע פריידן — 302
צעוויקלען זיך קנאָספּען — 302

עסטער כּאַסים (1923)
סע מרוקעט אין מיר אַ בעהיימע — 303

דינע ליבקעס (1923)
מעג
א. פּרי — 305
ב. געסט — 306
ג. ערב — 306
ד. אין יאָך — 307
פון יענער זייט וואַנט — 307
באַ הימלען — 308
אין אַ לויטערן באַגינען — 309

מירע כּענקין (1925)
יוגנט — 310
נויג איך זיך צום בוים — 311
ערגעץ רופט מען — 311
האַרבסט — 312
שטילע גאַסן — 312
ערשטער מאַי
א. האָט ווידער זון — 312
ב. מיט פרישׁ האָט אויפגעקאָכט — 313
איך און מיין כאַווערטע — 314

סאָניע טוטשינסקי (1925)
ווערעטענעס
א. העי, איר הערט מיך אַלע — 315
ב. אַ זינג טון וועגן שטערנדלעך — 316
ג. שווימט אָן אַ וואָלקענדל — 316
ד. זון, האָסט דאָ צעהאַנגען — 317
ה. עך, זאָל זיין, אַז אַליין — 318

כּאַנע לעווין (1925)
צו שטייער — 319
הוינט לעכינס בילד — 320
תימל — קאָרנבלויט אַ קראַיעץ — 321

גאָסן קינדער
א. אין פּאָנים שפּרינגען כוצפּעדיקע בליקן — 322
ב. באַ אַ בירגערין אַזאַ מין וואוילע — 323

אַניוטאַ פּיאַטיגאָרסקאַיאַ (1925)
ציגיינערין — 325
ניט באַהאַלטן זיך וויל איך — 326
דיינע טריט — 326
פון ציקל „געבוירן“
א. ווי אַ דינינקע גרעזעלע — 326
ב. זאָלן ווערן ווייס, ווי זילבער — 327
אין גאָרטן
א. ערד האָט אָפּגעאָטעמט — 328
ב. שמעקט די ערד מיט פרילינג — 328
ג. באַלאָדן מיט מאַסע פון עפּל — 329
ד. תיינט וועלן בוימער — 330

הינדע רויטבלאַט (1927)
אָ, טעג — 331
מיין אויג האָט פאַרלוירן — 331
באָם שוואַרצן יאַם — 332
מיר שפּאַנען — 332
סניטקאָוו — 333

ליובע טשערניאַק (1927)
אויב וועסט קומען צו מיר — 334

פאַטאָסטאַטן:
ערשטע זייט פון טויבה פאַנס פּאָעמע — LXVII
לעצטע " " " " " — LXIX
ערשטע " " וואַריאַנט " " — LXXI
לעצטע " " " " " — LXXIII
שער־בלאַט פון חנה כ״צס דרשה — LXXV
ערשע זייט " " " " — LXXVII
לעצטע " " " " " — LXXIX
תפלה לשבת " " " — LXXXI
גלהס ליד — I
ביאָגראַפיעס — 339
שער־בלעטער פון לידער־זאַמלונגען — 357
ביבּיאָגראַפישע רשימה — 359
אינהאַלט לויט די אויטאָרן — 377
פּסיידאָנימען — 378
אינהאַלט פון די לידער — 379

דיכטערינס

אַריינפיר

I

ס׳איז געווען די באַזונדערע כוונה פון דעם צוזאַמענשטעלער צו געבן אין דער אַנטאָלאָגיע אײנאײנעם מיט דער מאָדערנער פּרויען־דיכטונג אויך אייניקע מוסטערן פון די ווערק פון פּרויען־פּאַרפאַסערינס, וואָס האָבן געשאַפן אויף יידיש־טייטש.

איז דאָך די שאַפונג אויף יידיש־טייטש נישט נאָר דער אָנהויב פון אַ נייער ליטעראַטור ביי יידן, נאָר אויך פון אַ נייער עפּאָכע אין דעם יידישן לעבן, ווען דער פאָלקסמענטש און דער עיקר די פרוי, וואָס האָבן קיין לשון הקודש נישט פאַרשטאַנען, זיינען צום ערשטן מאָל אין דער יידישע געשיכטע געקומען צום וואָרט און אַרויסגעוויזן פרישע שאַפונגס־כוחות און נייע שעפערישע מעגלעכקייטן.

אין אָט דער עפּאָכע, וואָס לאַנגע יאָרהונדערטער טיילן זי אָפּ פון אונזער צייט, איז אויסגעשמידט געוואָרן דאָס נייע גייסטיקע געווער אין יידישן לעבן, און ס׳איז געלעגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור.

די שעפער פון דער עלטערער, ווי די ערשטע שריפטשטעלער פון דער יידיש־וועלטלעכער ליטעראַטור אין אָנהויב און מיט 19־טן יאָרה., האָבן נישט נאָר אַפּעלירט צו דער פרוי, צו די „ווייבער און מיידליך“, און שפּעטער—צו דער „טייערער לעזערין“, נאָר אויך זיך צוגעפּאַסט צו זייער פּסיכאָלאָגיע, אויף אַ באַזונדערן אופן באַאַרבעט דעם שטאָף פון זייערע ווערק, און באַשאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס איז „גרעסטענטיילס בעשטימט געווען פאַר אַ לעזערין, נישט פאַר אַ לעזער.“ [1]

1) זע: ש. ניגער — שטודיעס צו דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור — א. די יודישער ליטעראַטור — און די לעזערין. אין „דער פנקס“ תרע״ב. ווילנער פ״ג פון ב. א. קלעצקין, ווילנא, תרע״ג. (פאַראַן אויך אַ באַזונדערע אויסגאַבע: ווילנע, 1919, 80 ז.)

די יידישע פרוי, ווי באוואוסט, האָט געשפּילט זעהר א גרויסע ראָלע אין דעם שאַפן און אויסבילדן פון דער דאָזיקער ליטעראַטור. אין שפּראַך און סטיל, אין אינהאַלט און פאָרם ליגט איר ווירקונג, דער שטעמפּל פון איר גייסט און כאַראַקטער. זי איז אויך געווען איר הויפּט-לייענערין אַמאָל און כמעט נאָך ביז דער לעצטער צייט. אין דער עלטערער ליטע-ראַטור האָט די מער געבילדעטע פרוי, די למדנטע, גענומען אַליין אויך א דירעקטן אַנטייל מיט אירע אייגענע ווערק.

דורך אירע תחינות, תפילות און בקשות האָט די יידישע פרוי נערעדט נישט נאָר צו „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב“, נאָר אויך צום נעמיט, צום הארץ און מוח פון אירע מיטמענטשן. דורך דעם אינסטינקט, וואָס האָט געדרעמלט אין איר, ווי אין דעם גאַנצן פאָלק, האָט זי מיט דער באַהאַרצטער שפּראַך פון אירע שאַפונגען אויס-נעדריקט דעם טרוים פון א דור. די היסטאָרישע מיסיע פון אָט דעם דור איז געווען די שאַפונג פון א נייער ליטעראַטור ביי א פאָלק, וואָס האָט שוין אַמאָל באוויזן צו געבן וועלט-מוסטערן פון א ליטעראַטור, נאָר וועלכע איז אין גאַנג פון היסטאָרישע געשעהענישן קאָנסערווירט און פארגלי-ווערט געוואָרן אין א שפּראַך, וואָס איז שוין מער נישט צונעגלעך געווען פארן גאַנצן פאָלק.

נישט צו פארגלייכן דעם איינפלוס פון דער פרוי און אירע ווערק אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור מיט דעם פון דער מאָדערנער פרויען-שאַפונג איז אונזער נטיה. דער ערשטער איז אָן אן ערך גרויס און אָן א פארגלייך. מיר האָבן נאָר געהאַט ברעה צו דערמאַנען אָן דער ירושה און אָנווייזן אויף דעם גרויסן אָנהויב פון אַמאָל. מ׳דאַרף אויך נישט איבעריק באַטאָנען: אויב מען זאָל קוקן אויף דעם אַנטשטיין פון אונזער מאָדערנער פרויען-שאַפונג ווי אויף א המשך פון יענער, וואָס האָט אַמאָל עקזיסטירט, איז דער נייער אָנהויב דערוויילֿ א דינער פאָדים (אין דעם המשך), די ירושהדיקייט—נאָך קוים אָנצוזען, און אויף די אייגענע כוחות — זיך קנאַפּ פארמאָסטן. וואָרן, אונזער מאָדערנע פרויען־שאַפונג ווערט דערוויילֿ נאָך באווירקט פ ו ן דער ליטעראַטור, און האָט נאָך ביז איצט נישט ארויסגערוקט פון איר סביבה קיין איין גרויסע פערזענלעכקייט, וואָס זאָל געווען שטאַרקער ווירקן א י ן איר, אויב נישט האָבן קיין השפעה א ו י ף דער גאַנצער ליטעראַטור.

דאָך, א נייער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן, א געוויסע שטרעקע דורכגעגאַנגען, נייע און פרישע כוחות האַלטן אין צוקומען, איז עס א סימן

פון וואוקס,—און ווער קאָן נביאות זאָגן וואָס אונזער צוקינפטיקע פרויען־שאַפונג טראָגט מיט זיך און פאַר דער ליטעראַטור? זי איז אַ צווייג, ווי אַלע אַנדערע, אין דער גרויסער יידישער ליטעראַטור, און אַלס אַזעלכער פאַרדינט זי ערנסטע באַהאַנדלונג און איר אָרט אין איר.

און ווען זי וועט זיך נעענטער אָנשלאָגן אָן די וואָרצלען פון דער אייגענער שאַפונג, וועט אָן ספק אויסוואַקסן און דערהויבן ווערן איר ווערט און נייער בייטראָג, און זי וועט ווידער באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור, ווי דאָס האָבן געטאָן אירע ווייטע פאָרגייערינס.

די ליטעראַטור אויף יידיש־טייטש אין דעם טייל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר און פון דער יידישער פרוי, איז פאַר זיך גענוג גרויס און רייך, לגבי דער אַלגעמיינער עלטערער ליטעראַטור, וואָס פאַרמאָגט פאַרשיידענע ווערק, ווי דער „ספר מדות" (איזנא ש"ב—1542), דער באַרימטער „מעשה־בוך" (ערשטע אויסגאַבע—באַזעל שס"ב—1602) און אנד. רעליגיעזע און וועלטלעכע ווערק, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט זיי אויסצורעכענען און אויף זיי זיך אָפּצושטעלן. דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע ווערק, אגב, ווי פון דער פרויען־ליטעראַטור, איז נאָך ביז דער לעצטער צייט פאַרגראָבן אין דעם שטויב פון אַרכיוו־ביבליאָטעקן, נישט צוגענגלעך, דעריבער, פאַרן לייענער־עולם, און אָפּט אפילו צו ווייט פון דעם ליטעראַטור-פאָרשער און היסטאָריקער. אַ סך זאַכן זיינען אויך פאַרפאַלן געגאַנגען, און די, וואָס אויפגעהיט, זיינען נאָך נישט אַלע באַוואוסט, און נאָך אין אונזערע טעג ווערן געמאַכט אַנטדעקונגען פון ספרים און מאַנוסקריפּטן, וועלכע זיינען פריהער נישט באַקאַנט געוועזן אונזערע גרעסטע ביבליאָגראַפן.

אויף דעם געביט פון דער פרויען-ליטעראַטור פאַרמאָגן מיר אויסער דעם „טייטש-חומש" (פּראָג — 1608), „צאינה וראינה" (ערשטע אויסגאַבעס: לובלין-קראָקע, אָנהויב 17-טן יאָרה.; די ערשטע באַקאַנטע: באַזעל שפ"ב—1622) און די תחינות, נאָך אַנדערע ווערק, וואָס די יידישע פרוי האָט אַליין געשאַפן, ווי מוסר-ספרים, פאַרפאַסט און איבערגעזעצט דורך פרויען, תפילות און דרשות, צומאָל אין גראַמען (ס'זיינען באַקאַנט

אויך אייניקע תחינות אין גראמען), און אפילו לידער און פּאָעמעס, וואָס נעהערן דער פּעדער פון פרויען.

וועגן תחינות, למשל, האָבן מיר נישט אויף יידיש קיין איין אַרבעט, וואָס זאָל זיין געווידמעט אינגאַנצן אָט דעם אייגנאַרטיקן ליטעראַטור-געביט [2], מיט דעם איינציקן אויסנעם, ווען זיי ווערן באַהאַנדלט ביי ש. ניגערן אין זיין פריהער דערמאַנטער שטודיע. אויך וועגן „טייטש־חומש“ און „צאינה וראינה“ (אָפּגערעדט וועגן די איבעריקע ווערק איז זעהר ווייניק געשריבן געוואָרן [3], אין דער צייט, ווען זיי האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם לעבן פון דער יידישער פרוי, און נעהאַט נאָך אַ גרעסערע ווירקונג אויף דער אויסבילדונג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

ס'איז נישט די אויפגאַבע און נישט פאַר די ראַמען פון דעם אַריינפיר צו אָפּשטעלן זיך מער און באַריכות אויף דער און אַנדערע דערשיינונגען און בלויזן אין אונזער ליטעראַטור-געשיכטע און פאָרשונג. וויכטיק איז אָבער יאָ דאָ צו באַמערקן, אויף ווי ווייט אפשר דאָס אינטערעסאַנטסטע בלאַט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און

---

2) אינטערעסאַנט איז, אַז אין דער לעצטער צייט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ שטודיע אויף ענגליש (נאָך ניט דערווייל אויף יידיש), וואָס איז געווידמעט אויסשליסלעך דער תחינות־ליטעראַטור. איר מחבר איז: Solomon B. Freehof—Devotional Literature in the Vernacular. Reprinted from Yearbook, Vol. XXXIII. Central Conference of American Rabbis, 1923. און ער באַקלאָגט זיך אין זיין ווערק מיט רעכט, אַז „די תחינות אויף יידיש־טייטש זיינען קיינמאָל נישט באַהאַנדלט געוואָרן ווי געהעריק; פאַקטיש, ווען מ'זאָל אורטיילן לויט דעם ווי ווייניק ס'איז געשריבן געוואָרן וועגן זיי, וואָלט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען כמעט פולשטענדיק פאַרנאַכלאַזיקט געוואָרן מצד די פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור“ (ז. 3)

ס'איז נישט איבעריק דאָ צו באַמערקן, אַז ה' פריהאָף, אַלס מחבר, וואָס שרייבט אויף ענגליש, איז, ווי ס'ווייזט אויס, אליין ווייניק באַקאַנט מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור, איר קריטיק און פאָרשונג. אַזוי דערמאָנט ער גאָרנישט ניגערס שטודיע, וואו די תחינות ווערן אויך באַהאַנדלט, אויך נישט שולמאַנ'ס „שפת יהודית־אשכנזית וספרותה“, וואו ס'רעדט זיך אויך וועגן תחינות (זז. 67־71).

3) בּיסלעכווייס, אמת, הויבט זיך אָן צו דערוועקן דער אינטערעס צו אונזער פרויען־ליטעראַטור אויף יידיש־טייטש, אַדאַנק דעם וואוקס פון דער ליטעראַטור־היסטאָרישער פאָרשונג אויף יידיש אין אונזערע טעג. אַזוי האָט מאַקס עריק נישט לאַנג צוריק אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן „בראַנטשפּיגל—די ענציקלאָפּעדיע פון דער יידישער פרוי אין 17־טן יאָרהונדערט“ (זע: „צייטשריפט“, בּוך 1, מינסק, 1926. מ. עריק—בּלעטער צו דער געשיכטע פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור און קולטור).

קולטור, אין שייכות מיט דער שעפערישער ראָלע פון דער יידישער פרוי — אין איר, איז נאָך עד־היום נים אָנגעשריבן געוואָרן פון דעם יידישן ליטעראַטור־פאָרשער און היסטאָריקער.

ניגער, וואָס איז דער ערשטער און אַלס יידישער קריטיקער צוגע־גאַנגען נאָענט אין זיין ארומנעמענדיקער שטודיע צו אונזער פרויען־שאַפונג אמאָל און אירע פראָבלעמען, וועלכע זיינען פון באַזונדערן אינטערעס און גרויסן ווערט פאַר אונזער ליטעראַטור־דערקענטעניש, איז געקומען צו אַזאַ וויכטיקן אויספיר, אַז „אמאָל זענען די טאָן־געבערס און סטיל־שאַפערס אין דער ליטעראַטור אויף עברי־טייטש געווען לע־זערינס און פערפאַסערינס.“[4]

די ווערק פון די יידישע פרויען פון 16—18טן יאָרה., וואָס ווערן פאָרעפּנטלעכט אין דער אַנטאָלאָגיע, האָבן שוין אַ שטיקל געשיכטע אויך אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס מיר וועלן דאָ דערמאָנען צוזאַמען מיט דער פאַרצייכענונג פון די ביבליאָגראַפישע ידיעות וועגן זיי.

אין זיין אַנטאָלאָגיע „פינף הונדערט יאָהר אידישע פּאָעזיע“ האָט מ. באַסין אין סוף פון באַנד ב׳ אָפּגעדרוקט „נאָטיצען“, וואו ער האָט געלאָזט וויסן, אַז ער זוכט אַ ריי אויסגאַבעס פון עלטערע יידישע דיכ־טערס, דערין אויך—פון דיכטעריגס, נעמלעך: טויבע פאַנס ליד און חנה כ"צס דרשה און אנד. ווערק. ער האָט דאָרטן אויך אָנגעוויזן, אַז „די מעהרסטע פון די אויסגערעכענטע דיכטער און אויסגאַבען זיינען גענומען פון דעם ביבליאָגראַפישען אָנווייזער פון ס. ע. וויענער.“[5]

ב. באָראָכאָוו, וואָס האָט צוגעגעבן לינגוויסטישע און ביבליאָגראַ־פישע אָנמערקונגען צו די לידער (פון דער עלטערער ליטעראַטור) פון

---

4) זע: ניגער — ז. 131 (ניגערס קורסיוו — ע. ק.)

5) פינף הונדערט יאָר אידישע פּאָעזיע—אַנטאָלאָגיע געזאַמעלט און צו־נויפגעשטעלט פון מ. באַסין. פאָרוואָרט און לינגוויסטישע אָנמערקונגען פון ב. באָראָכאָוו. 2־טע אויפלאַגע. אַרויסגעגעבן פון פ"ג „דאָס בוך“. נ. י., 1917.

באַנד א׳ פון באַסינס אַנטאָלאָגיע, איז, ניכר, נישט געווען באַקאַנט מיטן אינהאַלט פון די דערמאַנטע „נאָטיצען“, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געווען אויף דער לעצטער זייט פון באַנד ב׳.

טויבע פּאַנס און חנה כ״צס שאַפונגען האָט מען נישט געדאַרפט זוכן ערגעץ-וואו ביים עולם על פּי וויענערס אָנווייזער—ערשטנס, ווייל ביים עולם קאָן מען זיי נישט געפינען, און — צווייטנס (און וואָס איז נאָך וויכטיקער), ווייל — באָראָכאָוו האָט דעם גרעסטן טייל ווערק, וואָס געהערן צו דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, פאַרצייכנט (און באַ-זאָרגט מיט זייערע קאַטאַלאָג-נומערן) אין זיין „ביבליאָטעיק פון יידישן פילאָלאָג“ 6). דאָרט אויף די זז. 39־38 ווערן אויסגערעכנט לויט אָפּ-טיילונגען די ווערק, ווי: „חומש-און-תנ״ך-איבערזעצונגען“, „תחינות“, „לידער“ און „מעשיות און מעשה-ביכער“. אמת, באָראָכאָוו האָט דאָרט נישט אָנגערופן די באַזונדערע מחברים און נעמען פון די ספרים, דעריבער איז פון די דאָזיקע פאַרצייכענישן נאָך שווער צו וויסן וואָס און ווער, ווען ער זאָל אָבער געווען באַקאַנט זיין מיט באַסינס „נאָטיצען“, וואָלט ער אים געוויס אָנגעוויזן דעם וועג וואו צו געפינען די ווערק, וועלכע ער האָט אומזיסט ארומגעזוכט.

אין אונזער אַנטאָלאָגיע זיינען די פּרויען-ווערק פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור צום מערסטן געדרוקט, ווי דערמאַנט אין פאָרוואָרט, פון די אָריגינאַלן, וואָס געפינען זיך אין דער באָדלעיאַנא-ביבליאָטעק. באַסין האָט איבערגעדרוקט איין ליד, די „תפילה“ פון געלה (אויך נישט פון אָריגינאַל), וועלן מיר פון איר אָנהויבן.

אין שטיינשניידערס קאַטאַלאָג פון דער באָדלעיאַנא-ביבליאָטעק 7) אויף ז. 345 נומ. 2290 איז פאַרצייכנט, אז דער סידור „תפלת משה“ (וואו ס׳איז פאַרעפנטלעכט געלה׳ס ליד — די טאָכטער פונם סידור-איבערזעצער) איז געדרוקט אין האַללע ת״ע 1710. אויף ז. 350 נומ. 2328 איז די אויסגאַבע פון דעם זעלבן סידור אין 1714 געשטעלט אונ-טער א פרעגצייכן. דער ביבליאָטעק-נומ. פון דער באָדלעיאַנא, וואָס דער סידור טראָגט, איז: Opp. 4 ,1153

---

6) ב. באָראָכאָוו—ביבליאָטעיק פון יידישן פילאָלאָג. אין „דער פנקס“, ווילנע, תרע״ג.

7) Moritz Steinschneider—Catalogus Librorum Hebraeorum in Bibliotheca Bodleiana, 2 Bde. Berlin, 1852-60, CXXXII-|-3104 (col.) -|-Cpp.

צום ערשטן מאָל אין דער ניי־יידישער ליטעראַטור איז נעלה'ס ליד פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביי זלמן רייזען אין זיין לעקסיקאָן [8] אין דער ביבליאָגראַפיע פון איר פּאָטער משה בן אברהם אבינו גר־צדק (זז. 398־400). רייזען ווייזט נישט אָן פון וואַנען ער האָט טראַנס־קריבירט אָט דאָס ליד. ער גיט נאָר אָן אין דער ביבליאָגראַפיע צווישן אַנדערע מקורים שולמאַנס בוך, וואו דאָס ליד איז פריהער געבראַכט [9], באַשטימטער רעדט רייזען, אז „אין 1714 האָט משה בן אברהם אַרויסגעגעבן אַ יודישע איבערזעצונג פון סדור אונטערן נאָמען „תפלת משה" מיט אַ זעלטענעם שיר אַלס פּ אָ ר ר ע ד ע (מיין קורסיוו—ע. ק.) פון זיין טאָכטער געלע." ווי דערמאָנט, שטעלט שטיינשניידער, דער גרויסער יידישער ביבליאָגראַף, די אויסגאַבע 1714 אונטער אַ פרעג־צייכן. פון אונזער פאָטאָגראַפיע פון אָריגינאַל איז אויך צו זען, אַז דאָס ליד איז געדרוקט נישט אַלס פּאָררעדע, נאָר צום ס ו ף פון סדור, נאָך דעם נוסח: „תם ונשלם" א. א. וו. שולמאַן דערמאַנט אויך, אז דאָס ליד קומט אַלס פּאָררעדע צום סדור [10]. דער מקור, פון וואַנען שולמאַן און אַנד. האָבן גענומען, איז קאַיזערלינגס בוך „דיע יודישע פראַאוענ" [11]. דאָרט געפינט זיך אַ קאַפּיטל „זעטצערינגנע אונד דרוקערינגנע" (זז. 146־149) און אויף ז. 148 שרייבט ער: "In einem zu Halle in Jahre 1710 gedruckten Gebetbuch" און דאָ קומט נעלה'ס ליד אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע, דורכגעמישט מיט העברעאישע ווער־טער (וואָס ווערן פאַרטייטשט אונטערן טעקסט). דאָס ליד פאַרמאָגט אין אונזער איבערדרוק מיט פיר יידישע שורות מער צום סוף (אויסער צוויי העברעאישע, וואָס געהערן, לויט זייער נוסח, צום גאַנצן סדור, און זיינען, דעריבער, נישט קאָפּירט געוואָרן). ביי קאַיזערלינג פעלן אויס די פיר יידישע שורות צום סוף, זיינען זיי אויך נישטאָ ביי שול־מאַנען און רייזענען. אין די טראַסקריפּציעס ביי די לעצטע זיינען אויך פאַראַן גרייזן (צו איין גראַמאַטיקאַלישער פאָרם: „האָבן ג י ט ו ן (?) קלאָגן" האָט רייזען, אגב, צוגעגעבן דעם פרעגצייכן. ביי שולמאַנען שטייט „האָבן א ו ה נ ן קלאָגן". אין אונזער אָריגינאַל איז די פאָרם: „האָבן ט ו ן קלאָגן").

---

8) ז. רייזען—לעקסיקאָן פון דער יודישער ליטעראַטור און פרעסע. רעדאַקטירט פון ש. ניגער. אַרויסג. פון דער פ"גס־געז. „צענטראַל", וואַרשוי, תרע"ד, 1914.

9) אלעזר שולמאַן—שפת יהודית־אשכנזית וספרותה. מקץ המאה הט"ו עד קץ שנות המואה הי"ח, יצא לאור ע"י בני משפחתו של המחבר המנוח בהשגחת י. ח. טביוב, ריגא, תר"עג. (ז. 59).

פון רייזענס לעקסיקאָן האָט באַסין איבערגעדרוקט געלה'ס ליד אין זיין אַנטאָלאָגיע (באַנד א' ז. 79), מיט אַלע גרייזן (דעם פרעגנצייכן האָט ער אַרויסגעוואָרפן) און אין דעם נייעם איבערדרוק זיינען צוגעקומען נאָך פרישערע.

געלה'ס ליד ווערט נישט דערמאָנט ביי ניגערן אין זיין רשימה פון די פרויען־פאַרפאַסערינס, וואָס ער ברענגט אין זיין שטודיע 12), אויך נישט ביי באָראָכאָוון אין זיין „ביבליאָטעק" (ס'פעלן דאָרט די נומערן 2290 און 2328). אין זיינע „לינגוויסטישע און ביבליאָגראַפישע אָנ־מערקונגען" פאַרטייטשט באָראָכאָוו אויף ז. 11 די העברעאישע ווער־טער און אויסדרוקן פון געלה'ס ליד: „המדפיס" און „הרכה והענוגה". אין אונזער פאַקסטאַט שטייט: „הרכה והענוכה," אַזוי אויך ביי קאַיזערלינג, וואו ס'ווערט אונטן אויסגעבעסערט אויף „והענוגה". („הרכה בך והענוגה"—דברים כח' פסוק נו'). 13)

אָבער דאָס אַלץ איז קיין חידוש נישט. אַמאָליקע צייטן האָט מען ביי אונז נאָך נישט געוואוסט פון אַזלעכע עלעמענטאַרע זאַכן, ווי נאָכ־צוקוקן אַ קאַטאַלאָג, אָדער קאָפּירן פון אָריגינאַל, און פאַרלאָזנדיק זיך אויף שוין געמאַכטע קאָפּיעס (דערצו נאָך פון דייטשע אויסגאַבעס,

10) זע: דאָרט — זז. 10 און 59.

11) Kayserling—Die juedischen Frauen in der Geschichte, Literatur und Kunst, Leipzig, 1879.

12) זע: ניגער—זז. 131—135.

13) וועגן געלה און אַנדערע פאַרפאַסערינס, ווי טויבה פאַן, חנה כ"ץ און רבקה טיקטינער ווערט אויך דערציילט אין נאהידא רעמי'ס בוך „די יידישע פרוי". (פאַר אונז ליגט אַן ענגלישע איבערזעצונג פון דעם דאָזיקן בוך אין דייטש: Nahida Remy—The Jewish Woman. Authorized translation by Louise Mannheimer with a preface by Prof. Dr. Lazarus. Fourth Edition, New York, Bloch Publishing Co., 1923.) אין די קאַפּיטלעך „פּראַקטישע קולטור אַרבעט" און „יידישע אויטאָרינס" (זז. 121־2־124 און 213). דאָרט ווערט דערמאָנט, אַז „משה בן אברהמ'ס טעכטער עלא און געלא זיינען געווען פּראָפעסיאָנעלע דרוקערינס. געלא האָט אויסגעזעצט אַליין אַ גאַנצן געבעט־בוך" (ז. 121). ווי מיר ווייסן, איז געלה „צווישן צעהן קינדער שי' געבאָרן" (אגב. ביי שולמאַנען איז דער „שי" פאַרפעלט, וואָס מיינט: שיחיו, זאָלן לעבן.) ביי קאַיזערלינג, ז. 148 און צום סוף אין די אָנמערקונגען, ז. 353, ווערט געבראַכט אַ קאַלאָפאָן פון גמרא „נידה", וואָס „עלה בת כהר"ר משה האָט געהאָלפן אויסזעצן." (די לעצטע און אַנד. ידיעות פון קאַיזערלינגס בוך, וואָס איז א יקר־המציאות, האָט מיר געפעליקסט מיטגעטיילט פריינט יצחק ריבקינד). ע. ק.

וואו די יידיש-טייטשע טעקסטן זיינען געבראַכט מיט לאַטיינישע אותיות) האָט מען נישט ווילנדיק געגרייזט[14].

טויבה פאַנס ליד איז פאַרצייכנט אין צוויי וואַריאַנטן אין שטיינ-שניידערס קאַטאַלאָג אויף ז. 574 נומ. 3706 און 3707 (ביי באַראַכאָוון פעלט דער נומ. 3706). אונטער דעם נומ. 3706 איז אָנגעגעבן פאַנס ליד בניגין אדיר איום ונורא' און באַצייכנט אַזוי: 8. s. l. e. a. און אין קלאַמערן: (Prag. Saec. XVII?) וואָס מיינט: אכטל-פאָרמאַט אָן דרוק-אָרט און יאָר. אין די קלאַמערן: (פּראָג. זיבעצענטן יאָרה.?). אין „סעראַפעאום“[15] איז דאָס ליד פאַרצייכנט אויף ז. 351 נומ. 103. דאָרט איז צוגעגעבן:
"Wahrscheinlich in Prag, wo die Familie „Pan" noch jetzt existiert".
דער ביבליאָטעק נומ. פון דעם ליד איז: M. S. Opp. 460(51) אונטער דעם נומ. 3707 איז אָנגעגעבן דער וואַריאַנט „בניגין עקידה“ און דאָס זעלבע: 8 s. l. e. a. (Prag. Saec. XVII?) דער „סעראַפעאום-נומ. איז 102, ז. 351. דער ביבליאָטעק נומ. MS. Opp. 1103 (34) a. b.[16]

ביי ניגערן און רייזען ווערן געבראַכט די צוויי קאָפּן-שורות פון פאַנס ליד און די פיר אויטאָביאָגראַפישע שורות, וואָס קומען צום סוף פון דער פּאָעמע. די טראַנסקריבציע פון די עטלעכע שורות זיינען גע-נומען פון קאַיזערלינג. ניגער ווייזט אָן, אַז דאָרטן זיינען זיי „געבראַכט מיט לאַטיינישע בוכשטאַבען, דערפאַר איז די פאַרצייטיגע אָרטאָגראַפיע נישט אויפגעהיט.“

חנה כ"צס דרשה אין גראַמען, „תפלה לשבת“, איבערזעצונג פון „מה טובו“ און „תחינה אויף ראש-חדש אלול“ ווערט געבראַכט אין שטיינשניידערס קאַטאַלאָג אויף ז. 837 נומ. 4723 און איז באַצייכנט:

---

14) אגב, נאָכצוקוקן דעם באָדלעיאַנא-קאַטאַלאָג איז שווער, מחמת ער איז געדרוקט אין לאַטיין, און אין דעם פאַל האָט עס פאַר מיר געטאָן מיין פריינד יצחק ריבקינד. ס'איז כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז די גאַנצע שטיינשניידער-ביבליאָטעק און אַלע זיינע אייגנהענטיקע קאָרעגירטע אייגענע ווערק געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, ניו-יאָרק.

15) Moritz Steinschneider — Juedisch-deutsche Literatur — in: Serapeum—Zeitschrift fuer Bibliotekswissenschaft, Handschriftenkunde und aeltere Literatur. Leipzig, 1848-9.

16) אונטער דעם זעלבן ביבליאָטעק-נומ. MS. Opp. 1103 (34) c. געפינט זיך, ווי צו זען פון דעם פאַטאָסטאַט, און איז געבונדן (אָדער געדרוקט) אינאיינעם מיט טויבה פאַנס ליד, אַ מעשה: „שטייאר מרק—איין שין נייא ליד פון איינם ריטר אויז דר שטייאר מרק.“ א. א. וו. אונטן אויף דעם שער-בלאַט שטייט: „נדפס פה פראג.“

8. Amst. s. a. (Saec. XVII-XVIII), וואָס מיינט — אכטל-פאָרמאַט. אמסטערדאַם, אָן דרוק-יאָר. אין די קלאַמערן: (אָן ערך זיבעצענטן-אכטצענטן יאָרה.) פארנאָטירט אויך אין „סעראפעאום" אויף ז. 329 נומ. 49 און ז. 366 נומ. 141 (דער לעצטער נומ. איז פאַר „מה טובו"). דער ביבליאָטעק-נומ. פאַר אַלע זאַכן איז: Opp. 8 ,124 ניגער און רייזען דערמאָנען, אַז כצ"ס דרשה איז אַרויס אין אמסטערדאַם אַרום 1700. זייערע ידיעות נעמען זיי פון בן יעקב „אוצר הספרים". אויפן שער-בלאַט פון דעם אָריגינאַל שטייט: פה ק"ק, אמשטרדם, איע"ס. דאָס איז א „נוטריקון". זיין באַטייט: „אלהים יכוננה עולם סלה" (גאָט זאָל אַמסטערדאַם, הייסט עס, אויפריכטן אויף אייביק). אַזוי פלעגט מען נעווײנלעך שרייבן אויף אַלטע וויכטיקע שטעט ביי יידן, וועלכע זיינען געווען צענטערס פון תורה און חכמה.

רויזל פישלס ליד—די געגראַמטע הקדמה צו דער תהלים-איבער-זעצונג פון משה שטענדאַל, ווערט ביי אונז געבראַכט לויט דעם טעקסט, וואָס איז איבערגעדרוקט דורך שולמאַנען (ז. 24). דאָס תהלים-בוך איז פאַרצייכנט דורך שטיינשניידער אין באָדלעיאַנא-קאַטאַלאָג אויף ז. 189 נומ. 1280. דאָרט ברענגט ער איר נאָמען: „רויזל ר' פישלש, וישלש" 17). דאָס בוך איז דערשינען אין קראָקע אין יאָר 1586. שולמאַן ברענגט דעם טעקסט פון שער-בלאַט, וואו ס'איז אָנגעוויזן די דאַטע פון דערשיינען פון ספר: „דש תהלים בוך וואול ור טויטשט אין טויטשער שפראך גאר שין אין בשיידליך אונ' גאר קורץ וויליג דרין צו לייאן פר ווייבר אונ' פאר מיידליך גידרוקט אים יאר דאש מיר צילן דרייא הונ-דרט זעקש אונ' פירציג אונטר דעם גוואלטיגן מעכטיגן קייניג שטעפהאן יר"ה (ירום הודו) אין דער הובט שטאט קראקא." שולמאַן גיט אויך צו אין א הערה (אויף ז. 25) זעקס שורות, וואָס ווייזן אָן אויף דעם אָפּ-שטאַם פון רויזל פישלס. דאָרט ווערט געזאָגט: „בתוך השיר יבואו גם איזה דברים על יחושה." לויט דער קאָנסטרוקציע פונם ליד קאָנען די דאָזיקע שורות ניט קומען אין מיטן פונם שיר, און מען מוז אָננעמען, אַז דער „בתוך" איז א גרייז (אָנשטאָט „בסוף"). מיר האָבן צוגעגעבן די שורות צום סוף פונם ליד.

17) מחמת דוחק אין צייט האָט זיך אונז נישט איינגעגעבן צו באַזאָרגן קיין פאָטאָגראַפישן אָפּדרוק פון רויזל פישלס ליד. ביי — Staerk-Leitzman Juedisch-deutsche Bibeluebersetzungen, Frankfurt 1923, pp. 207-213 ווערן אויך געבראַכט מוסטערן פון דער תהלים-איבערזעצונג און הקדמה.

חוץ די אויסגערעכנטע פיר פאַרפאַסערינס, דאַרף דאָ נאָך דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון רבקה טיקטינר. זי האָט פאַרפאַסט אַ מוסר-ספר „מינקת רבקה“ (רבקהס אַם) און אַ „שמחת-תורה-ליד“ 18).

טויבה פאַנס ליד איז אָנגעשריבן אויפן פאַל פון אַ מגפה אין איר שטאָט. ס'איז אייגנטלעך אַ היסטאָרישע פּאָעמע, וואָס זייער צאָל, ווי ס'דערציילט דר. מ. ווײַנרײַך, איז זעהר רײַך אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור 19). „דאָס רוב דערציילן זיי (די פּאָעמעס) וועגן עפּעס אַ גזירה, אַ גירוש, אַ שרפה, און אַזעלכע טעמעס האָבן, דאָך, קיינמאָל נישט געפעלט.“ 20) פאַנס פּאָעמע איז אויסגעהאַלטן, לויט יענע צייטן, אין רעליגיעזן גייסט, און טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ תפילה, אָדער אַ תחינה, ווי די פאַרפאַסערין דריקט זיך אויס אַליין: „איין שין ליד נייא גימאַכט בלשון תחינה איז וואַרדין אויז גיטראַכט.“ בלשון תחינה, הייסט אינם נוסח און גייסט פון תחינות. די פּאָעמע איז געבויט צום מערסטן אין פירפערזיקע סטראָפעס, וואָס לאָזן זיך אויס אין יעדערער מיט אַ געבעט צו גאָט און אַ רעפרען: „פאַטר קיניג.“ אין דעם וואַריאַנט „בניגון עקידה“ איז איבערגעאַנדערשט דער אָנהויב פון דער ערשטער שורה. אָנשטאָט „הער גאָט“ שטייט דאָרט: „פאַטר קיניג אלמכטיגר“, און דער רעפרען קומט אָנשטאָט צום סוף, אין אָנהויב פון יעדער סטראָפע (דאָס איז געטאָן הן צוליב דעם נייעם אָנהויב, הן דער טעכנישער אויסשטאַטונג פון זאַץ, אויף וואָס מ'האָט אַמאָליקע צייטן, ווי צו זען, נישט וועניק אַכטונג געגעבן).

---

18) דאָס „שמחת-תורה-ליד“ איז פאַרצייכנט אין באָדלעיאַנא-קאַטאַלאָג נומ. 3637, 3696 און נומ. 3, 6817. צום באַדויערן האָבן מיר נישט געקאָנט קריגן דעם טעקסט פון דעם דאָזיקן ליד פאַר דער אויפלאַגע. די ערשטע אויסגאַבע פון „מינקת רבקה“ (פּראָג. 1609) איז אינגאַנצן נישט צו געפינען, און פון דער צווייטער (קראָקע, 1618) איז פאַראַן אַ דעפעקטער עקז. אין דער ביבליאָטעק פון דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, נ. י. — דער איין און איינציק באַקאַנטער. רבקה טיקטינר ווערט אויך דערמאָנט ביי פינעס: — די געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור ביז'ן יאָהר 1890. פ"ג ב. שימין. וואַרשע. תרע"ב. 1911, ז. 42.

19) דר. מ. ווײַנרײַך — „מגילת ווינץ“ — אַ יידישע היסטאָרישע פּאָעמע פון אָנהייב 17־טן יאָרהונדערט. אין זיין בוך: „שטאַפּלען“ — פיר עטיודן צו דער שפּראַכוויסנשאַפט און ליטעראַטורגעשיכטע. פ"ג. „וואָסטאָק“. בערלין, 1923.

אין דער פּאָעמע באַקלאָגט זיך די פאַרפאַסערין, אַז די מגפה רוובּט אַוועק אַ סך מענטשן אין איר שטאָט. און שרעקלעך איז נישט אַזוי דער פאַקט, וואָס די קראַנקע טיילט מען אָפּ פון די געזונטע ביים לעבּן, נאָר וואָס אויך די טויטע באַגראָבּט מען נישט אויפן אַלגעמיינעם בּית-עולם. „אונ' דאז איז ליידר די גרעשטי פּיין, אַז ער (דער מת) ניט אויף דען בּית חיים זאָל ביגרבן זיין", בּאַדויערט די פאַרפאַסערין. ווייל דאָס איז דאָך קעגן דעם יידישן דין. אַ ייד דאַרף קומען צו „קבר ישראל". נאָך גרויזאַמער איז, וואָס קליינע קינדער שטאַרבּן אויס פון דער מגפה. אָבּער צו דעם, און וואָס די קראַנקע ווערן איזאָלירט, איז דאָך פאַראַן אַ שטיקל טרייסט—זיי ווערן כאָטש ביים לעבּן נישט פאַרלאָזט. ס'איז דאָ אין שטאָט אַ חברה יידן פון „חמשה אנשים", ווי זי דערציילט, און „פּרומה ווייבר" און „פּיל חברותת", וואָס גייען-אַרום אַרום די קראַנקע און „טונן פּיל גוטץ די קרנקן לייט" און „זעהן אום טום (אומעטום) אונ' לאזן קיינם נישט אב גין." אויך „עשירים חשובים טונן זעלבר אַרום גין, אונ' טונן וואש דוא טוט מיגלך זיין." דאָס פיינלעכסטע אָבּער איז דער בּאַוואוסטזיין, וואָס בּשעת מגפה וואַרפט מען נאָך די שולד פאַר דער מגפה אויף יידן. און דאָ איז גראָד פאַר פּסח. און ס'קאָן שמעקן מיט אַן איבּעריקן בלבול און אפשר נאָך מיט אַ גזירה פון קיסר. בּעט זיך דעריבּער די פרומע פאַרפאַסערין ביי גאָט:

„ליבר הער גוט (גאָט) טוא אן זעהן.
דיא תורה מעשים טובים וואש טוט גישעהן.
אז מיר זאָלן גיפינן חן וחסד אין קיסר אויגין.
אלי דיא ביז אויף אונז רידן זאָל ערש ניט גלויבן:

פאטר קיניג."

ווייל—דערציילט זי ווייטער:

„אודר (אדר) איז דאך אן גרייט.
פון ערשטן איז גיוועזן איין גרושה צרה.
דער נאָך איז דרויז גיווארן איין גרושה פרייד. 21)
זאָלשטו היצונדרט אין דער צייט אך (אויך) גידענקן
אונ' לאזן אויף הערן אלי קרענקן:

פאטר קיניג."

---

20) זע: דאָרט—ז. 143.

21) פון ערשטן אדר—מיינט פון המנס צייטן.

דערצו האָט זיך נאָך געטראָפן, אַז:

„ווייל הייאר איז עיבר (עיבור)
איז ליידר גישטארבן אונזר שליח ציבור.
זינד אונזר ליבר רבי איז גישטארבן
זענן מיר ח"ו (חס־ושלום) שיר פר דארבן.
פיל גוטץ זאלין מיר דער ווערבן:

פאטר קיניג."

איז נישטאָ ווער ס'זאָל ממליץ זיין פאַר כל ישראל. און די עדה יידן פילט זיך ווי אַ סטאַרע פאַרלאָזענע שעפעלעך, און די איינציקע האָפענונג איז נאָר אויפן רבונו של עולם. אָט דעם צושטאַנד און געפילן דריקט אויס די דיכטערין אין דער ווייטערדיקער סטראָפע:

„בעטן וועלן מיר טאג אונ' נכט.
אויף דיין ארמה שעפלך זאלשטו האבן גרושי אכט.
דו ביש' (ביסט) אונזר הרט[22] מיר זיינן דייני שאף.
ליב הר גוט טו פון אונז אב די שטראף:

פאטר קיניג."

טויבה פאַן איז אָן ספק געווען אַ באַגאַבטע דיכטערין. מ'דאַרף נעמען אין אַכט, פאַרשטייט זיך, יענע צייט, און ווי אַזוי מ'האָט דעמאָלט געשריבן. איר פּאָעמע מאַכט דעם איינדרוקט פון אַ זעלבשטענדיק־דורכגעטראַכטער און שטאַרק־דורכגעפילטער זאַך[23]. זי איז אין איר אָפּט בילדעריש אויפן שענסטן אופן און ווייזט אַרויס אַ פיינעם חוש ביים איבערזעצן און איבערדיכטן שורות פון תפילות און פסוקים, וואָס טרעפן זיך אָפּט אין איר פּאָעמע, ווי די פריהער געבראַכטע: „דו ביש' אונזר הרט מיר זיינן דייני שאף" (פון—„אנו צאנך ואתה רוענו"), אָדער אין אַן אַנדער אָרט—„אלי טארן (טויערן) זענן צו אן (חוץ) דיא טארן פון טרערן" פון—„מיום שחרב בית המקדש ננעלו שערי תפלה... ואעפ"י ששערי תפלה ננעלו שערי דמעה לא ננעלו" (ברכות דף ל"ב, עמוד ב').

---

22) הרט—פּאַסטוך.

23) כדאי דאָ צו באַמערקן, אַז די אַלגעמיינע אייראָפּעאישע פּאָעזיע פון יענער צייט איז אויך נישט געשטאַנען אויף קיין איבעריק־גרויסער הויך. „די פּאָעטן פון אָט דעם פּעריאָד"—, שרייבט פּראָפּ. דזשאָדסאָן אין זיין ערשט דערשינענעם בוך וועגן דער ענגלישער דיכטונג פון 17־טן יאָרה.— Seventeenth Century Lyrics—Edited with short biographies, bibliographies, and notes by Alexander Corbin Judson, Professor of English in Indiana University. The University of Chicago-Press. Chicago, Illinois, Dec., 1927 (p. V)

אין דער פּאָעמע, קאָן זיך אויסדאַכטן, פאַרנעמען אַ צו גרויסן אָרט די איבערחזרונגען אין דער פאָרם פון די תפילהדיקע ווענדונגען. אָבער דאָ דאַרף מען נישט פאַרגעסן, ערשטנס, אַז די פּאָעמע איז געשריבן אין דעם נוסח און גייסט פון תחינות, און, צווייטנס, פרישט אָפּ די איינאַרטיקייט פון די דאָזיקע איבערחזרונגען דער איינגעפירטער רעפרען, וואָס איז שוין אַ ריין־פּאָעטישער מיטל, און ער שליסט אָפּ די אינהאַלטלעך צונויפגעבונדענע סטראָפעס.

און, אויב די פאָרמעלע קאָנסטרוקציע פון דער פּאָעמע איז שוואַכער, איז דער אינעווייניקסטער געבוי שטאַרקער און ס'פילט זיך אָן אָנוואוקס, אַ שטייגן אין דער גאַנצער אינטערפּרעטאַציע. שוין אין אָנהויב פון דער פּאָעמע איז פאַראַן אַן אָנדייט אויף דעם ווייטערדיקן, וואָס איז שרעקלעכער פון דער מגפה:

„ווען דוא ווישט וויא מיר אזו עלנט זיין.

אונ' שטעקין היצונדרט אין איין צרה אונ' אין איין פיין.

זאלשטו ליבר הר גאט אונזרה תפילה אן זעהן.

אונ' אונז קיין ביז לאָזן גישעהן:

פאטר קיניג.“

דער מאָטיוו פון עלנטקייט איז די פּרעלודיע, זי גרייט צו צום ווייטערדיקן, און, ווייל דאָס ווייטערדיקע, ווי מיר האָבן געזען, קאָן זיין נאָך שרעקלעכער, דערפאַר איז נויטיק, אַז די הילף זאָל קומען באַצייטנס:

„ברענג הילף אויף אונז ביצייטן.

ליבר הר גוט טוא פר אונז שטרייטן.

לאז אונז פון דער מגיפה אנטרינן.

לאז אונז חן וחסד גיפינן:

פאטר קיניג.“

געוויינטלעך ענדיקט זיך די פּאָעמע, ווי אַלע ווערק אין יענער צייט, מיט אַ האָפענונג אויף דער גאולה. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער

„זיינען מאָדנע באַאײנפלוסט איינס פון אַנדערן און פון דער פריהערדיקער ליטעראַטור, א סך פון זיי אימיטירנדיק און אפילו פּאַראַפראַזירנדיק זי מיט עניוותדיקער און מחיהדיקער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט.“ און וואָס שייך דער פרויען־פּאָעזיע, וועלן מיר דאָ זיך באַנוצן מיט דעם עדות־זאָגן פון אַ צוזאַמענשטעלער פון אַן ענגלישער פרויען־אַנטאָלאָגיע A book of Women's Verse-Edited with a Prefatory Essay by J. C. Squire. Oxford University Press, 1921. וועלכער באַהויפּט, אַז „אין 16־טן און אָנהויב 17־טן יאָרה. איז געווען זעהר וועניק פּאָעזיע, געשריבן פון פרויען“ (ז. 14.)

פרויאישער דירעקטקייט איז, אז די אויסלייזונג זאָל קומען „בלד“ (באַלד). איר פּאָעמע רופט פאַן אָן א „געטליך ליד“—ליד צו גאָט:

„מיט מיין געטליך ליד וויל איך אויף הערן.
אלי אונזר גיבעט זאל אונז הש“י גיווערין.
אונ׳ זאל אונז בהיטן פר אלין פיין.
אונ׳ זאל אונז בלד פירן אין הייליגן לנד אניין.“

חנה כ״ץ איז א פּאַרפאַסערין א מאָראַל-פּרעדיגערן, וואָס ווידמעט אירע ווערק אויף צו פאַרשטאַרקן די זיטן-ריינקייט צווישן פרויען אין פרום-יידישן גייסט. נישט נאָר אין איר „דרשה“, נאָר אויך אין איר ליד „תפלה לשבת“, וואו זי וויל נאָר גאָטס „לוב (לויב) דער ציילן (דערציילן),“ איז זי אויך דידאַקטיש:

„דער דעם ליבן (שבת קדש) טוט אין ערין האלטן.
דער וועדט (זוכה) זיין מיט מאן אונ׳ קינדר
אין (עושר אונ׳ כבוד) צו ווערן אלטן.“

איר דרשה באַשטייט, ווי ס׳ווייזט זיך אַרויס, פון פיר טיילן — פיר דרשות, וועלכע זי האָט טעכניש פאַראייניקט (ביז איצט האָט מען אין אונזער ליטעראַטור גערעדט נאָר וועגן איין דרשה כ״צס, ווייל מ׳איז נישט באַקאַנט געווען מיטן טעקסט). מיר האָבן, דעריבער, אין אונזער איבערדרוק איינגעטיילט די דרשה אין פיר טיילן, ווי זי איז געבויט. יעדער טייל איז לויט דער קאָנסטרוקציע א פאַרענדיקטע זאַך, און לאָזט זיך אוים מיטן קאַנאָניזירטן נוסח פון, אז „משיח וועט קומען“, „אַז מיר וועלן קומען אין הייליגן לאַנד“ און גלאַט מיט א „לעתיד לבא“, ווי אין דער דרשה ב׳.

די ערשטע דריי דרשות זיינען געווענדעט קעגן דער עברה פון רעדן לשון הרע. דער עיקר, ווי די פּאַרפאַסערין דערמאַנט, זאָלן די פרויען עס נישט טון „בפרט אויף חתונות, ברית מילות אונ׳ אין דער שול (דאָרט) זיין דיא זינד נאך אזו גרעסר.“ (24). די פערטע דרשה וואָרנט קעגן אַנדערע ווייבערשע שוואַכקייטן, ווי: קוקן אין שפּיגל, גיין מיט די איינענע האָר, און נאָך אַזעלכע חטאים.

(24 אינטערעסאַנט איז, אַז אויך דער ווילנער גאון האָט אין זיין באַ־רימטן בריוו „עלים לתרופה“, געשריבן צו זיין פרוי און קינדער, אָנגעזאָגט

חנה כ״ץ איז אַ למדנטע. זי ברענגט און פאַרטייטשט פּסוקים, דערציילט מעשיות און לעגענדעס, וועלכע ווי זי ווייזט אָן (אין אָנהויב פון דער ערשטער און אין דער צווייטער דרשה) האָט זי „אויז גמרות אונ׳ מדרשים ארויז גיקליבן, וויא עש אין אונזר ספרים שטיט גישריבן.“ דאָך, נישט קוקנדיק אויף דער אייגענער באַלערנטקייט, טרעט זי צו נישט גאָר דרייסט צו אירע דרשות און פאַרענטפערט זיך פאַרוואָס זי טוט עס: „אוב איר וועלט זאגן וויא קומט דיא פרויא הער אונש צו שטראפין. אבר (אָבער) זייט ווישן מיין ליבה לייט איך האב איבר די דרשה ניט קענן רואין אודר שלאפין.“ די מעשה איז, אז מיט אירע דרשות מיינט זי נישט נאָר יענעם, „איך טוא מיך זעלברט דער מיט מיינען“, שרייבט זי ווייטער. זי איז אַ פרומע יידענע, און ווען זי ווענדט אָן אַלע מיטלען פון אַ בעל-דרשנטע צו ווירקן אויף יענעם און רעדט וועגן זיך עניוותדיק: „וואש בין איך וואש איז מיין לעבין, דש איך מיך האב אין זוא איין (דרשה) דר געבן“.—איילט זי זיך צו דער-קלערן, אַז שרייבנדיק די דרשות טוט זי אַ הייליקע זאַך, אַ מצוה: „איך האב אין מיין זין גינומן, דש איך זאל דר דורך פון מיין זינד קומן“. (צו מערקן—דאָס פיינע וואָרטשפּיל: „זין—זינד“).

די דרשות אירע שרייבט זי. די ערשטע דרשה רופט זי אָן „ליד“: „טוט מיין ליד פר נעמן עבן“. אין דער צווייטער דערמאָנט זי: „דש שרייב איך מיט מיין אייגנה הענד“ און אַ ביסל ווייטער—„דש ביט איך שפלה שרייבערן“. די דריטע הויבט זי אָן: „איך וויל נאָך איין מאָל מיין פען רייבן“ („רייבן—שאַרפן, אַן אויסדרוק, וואָס האָט זיך זעהר געפּאַסט פאַר אַ גענזענער פעדער, מיט וועלכער מ׳פלעגט אַמאָליקע צייטן שרייבן). די פערטע דרשה האָט נאָך אַ שענערן, אַ פּאָעטישן אָנהויב: „איר ליבה פרומה ווייברן, דאש ביט איך זינדיגה שפלה שרייברן“.

———

זיי זאָלן ניט מאַכן קיין גרויסע שהיות אין שול: „ויותר טוב להתפלל בבית, כי בבית הכנסת אי אפשר להנצל מקנאה ולשמוע דברים בטלים ולשון הרע“ („בעסער צו דאַוונען אין הויז, ווייל אין שול קאָן מען ניט נצול ווערן פון קנאה, הערן דברים בטלים און לשון הרע“). ס׳זיינען פאַראַן אויך פאַרשיי-דענע אויסגאַבעס אין יידיש-טייטש. דידאָזיקע מיטטיילונג איז פון אַ העב-רעאישער אויסגאַבע, וואָס פריינט יצחק ריבקינד האָט געהאַט אונטער דער האַנט, און מיר צוגעשיקט. ע. ק.

אלע דרשות זיינען געבויט לויט איין פרינציפ. לכתחילה גייט די ווענדונג, דערנאָך באַשרייבט זי זיך אַליין, ברענגט ביישפּילן, דער־ציילט מעשיות, ציטירט פסוקים, און פאַרענדיקט מיט אַ מוסר־השכל, מיט אַ מאָראַל.

חנה כ"ץ פאַרמאָגט אַ רייכע שפּראַך און אַזעלכע אויסדרוקן, ווי „סערן אונ' וועגדן", „אין עושר אונ' כבוד צו ווערן אלטן (זיך עלטערן)" זיינען נאָך עד היום פאַרבליבן אין אונזער יידיש. אויף איין אָרט געפי־נען מיר ביי איר די פאָרם „פּראַג" פאַר דעם זאַכוואָרט „פּראַגע", וואָס מענדעלי האָט געפּרואווט צוריק איינפירן אין יידיש 25). פאַרשטייט זיך, אַז ווערליק פאַר אַ פרומער יידענע און לויט יענער צייט איז אין די דרשות פאַראַן אַ היפש ביסל איבערגלויבעניש, נאָר צי דאַרף מען אויף דעם זיך אָפּשטעלן? אין איר שפּראַך איז די פאַרפאַסערין אָפט אויך שאַרף און אַפאָריסטיש. ווי דערמאָנט, ברענגט זי און זעצט אי־בער פסוקים און אויך ערטער פון גמרות. אַזוי באַגעגענען מיר ביי איר: „דען דר מענש איז גלייך אַז איין צו בראכנר שארבן" (פון—„משל כחרם הנשבר"), אָדער: „דען (לשון הרע) שנייט ערגר אַז איין מעסר" —פון „יש בוטה כמדקרות חרב" (משלי יב', יח') און: „דז דיא אורין (אויערן) פון מענשן זיינן הארט גאר, אונ' דש לעפיל איז וייך, דז ער זאל שטומן אין אור"—פון „מפני מה אוזן כולה קשה והאליה רכה שאם ישמע אדם דבר שאינו הגון יכוף אליה לתוכה" (כתובות, דף ה', עמוד ב').

רויזל פישלס הקדמה צו דער תהלים־איבערזעצונג און געלה'ס „תפילה" זיינען ליטעראַרישע און היסטאָרישע דאָקומענטן פון קלענערן ווערט. זייערע מערקווירדיקייטן זיינען שוין פאַרצייכנט געוואָרן, אַז דער ערשטערס ליד איז פאַרפאַסט אין יאָר 1586 און אַז די צווייטע האָט איר „תפילה" אָנגעשריבן און „גיזעצט אלי אותיות מיט (אירע) אייגני הענד", אין עלטער, ווי זי דערציילט, „נאָך עטוואַש אונטר צוועלף יארן".

---

25) אין „פּישקע דער קרומער" (ז. 69 אין דער אויסגאַבע פון יאָר 1888): „אַלטער שטעלט אויס די אויגען, קוקט אויף מיר מיט אַ פּ ר ע ג:" (זע: „די יידישע שפּראַך"—זשורנאַל פאַר פּראַקטיש יידיש שפּראַכוויסן. אַרויסג. פון דער „קאַטעדער פאַר יידישער קולטור באַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע"—קאַפּ. פ"ג „קולטור־ליגע", 1־טער יאָרג. נומ. 3—4, יולי־אויגוסט קיעוו, 1927 — נאָטיצן: אַ „פּראַגע" אָדער אַ „פרעג").

אין פרט פון שרייבערישער זעלבשטענדיקייט איז אינטערעסאַנט צו ברענגען דאָ אַ פּאָר שטעלן פון דעם שער און הקדמה פון טיקנטינרס מוסר־ספר „מנקת רבקה“, פון וועלכע ס׳איז צו זען, ווי די יידישע פרוי פון יענער צייט האָט נישט נאָר גוט באַנומען און ריכטיק אָפּגעשאַצט, נאָר אויך ערנסט געדעדט וועגן איר אָנטייל און בייטראָג אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט אין משך פון דורות נישט געהאַט צו זיך קיין ביישפּיל.

אָט ווי רבקה טיקנטינר, אַליין אַ למדנטע („הרבנית הדרשנית מרת רבקה“) און אַ טאַלאַנטפולע דיכטערין, וואָס האָט אויך פּאַרפאַסט אַ העברעאישן שיר אַלס הקדמה צו איר ספר, דריקט זיך דאָרט אויס אויף אַזאַ הויך־פּאָעטישן אופן וועגן דעם באַרוף און שרייבערישער מיסיע, וואָס זי האָט אין זיך אַנטפּלעקט: „ראה ראיתי, בלבבי הגיתי, קולי הרימותי וקראתי, הנה עתה באתי, והיום יצאתי, ובאר מים מצאתי, והאבן הגדולה מן הבאר גליתי, וממנו שתיתי, ועוד צמיתי, ואמרתי בלבבי, אלכה ואביא, לקרובי וקרובתי, ותגלני עצמותי, שישתו לימים אורך, לקיים מה שנאמר שתה מים מבורך, ומברכך מבורך“ א. א. וו. (שער הראשון — הקדמת הרבנית מנקת רבקה).

אין דער יידישער ווענדונג ווערן אונטערגעשטראָכן (פון די אַרויס־געבער) נאָך בולטער און אָפענער די מאָמענטן פון דער נייער פרויען־שאַפונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין יענע צייטן: „ווייל איר האָט דער קענט די אשה החשובה הרבנית הדרשנית מרת רבקה זל׳ בת הגאון מהרר מאיר טיקנטינר זל׳ דיא דאש ספר האט גיטרכט, אונ׳ גימכט אונ׳ איר כוונה אויף אייטל ירא שמים גיוועשט טאג אונ׳ נכט, אונ׳ איר מחשבה לגמרי ניט גיוועזן אויף פרכט. אודר ווער האט דאש חידוש מין גיהערט אודר גיזעהן. דז אין איביגן יארן איז מין גישעהן. דז איין אשה העט אויש אירן קאפ וואש מחבר גי־וועזן. אונ׳ העט פסוקים אונ׳ מדרשים צוא הויף גילעזן. דרום האב איך עש לאזן דרוקן“ א. א. וו. [26].

---

26) די טעקסטן פון דעם שער און הקדמה האָט ליבנסווירדיק קאָפּירט פאַר מיר פון דעם ספר, וועלכער געפינט זיך, ווי דערמאָנט פריהער, אין דער ביב־ליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, נ. י., מיין פריינט יצחק ריבקינד. (דער קורסיוו אין דעם טעקסט איז מיינער). ע. ס.

אין גאנצן גענומען, האָט דער אָנהויב, וואָס איז געמאכט געוואָרן מיט דערנעענטערן די יידישע פּרוי צום אָפענעם, כאָטש רעליגיעזן, בוך, געבראכט גרעסערע רעזולטאטן, ווי ס'איז אפשר געווען די בפירושע כוונה פון די אינספּיראטאָרס פון דער דאָזיקער באַוועגונג. די יידישע פרוי האָט אָנגעהויבן קוקן אויף דעם בוך, וואָס איז פאַר איר געעפנט געוואָרן, נישט נאָר ווי אויף א מיטל צו עפּעס, נאָר אויף א צוועק פאַר זיך אליין. זי האָט דורך אים אויך דערקענט זיך און אירע אייגענע שעפערישע מעגלעכקייטן, וואָס האָבן פון „איביגן יאָרן" (אייביקע יאָרן) אין איר געדרעמלט.

אין דער אנטוויקלונג פון דער אלגעמיינער יידישער ליטעראטור האָט דאָס געשפּילט א גרויסע ראָלע, און די ווירקונג פון דער יידישער פרוי אויף איר אויסבילדונג האָט געהאַט נאָך א גרעסערע פּעולה.

פון דעם געדאנק, וואָס איז לכתחילה געווען צו שאַפן נאָר א הילף־ליטעראטור פאַר די ברייטע פאָלקשיכטן און דער פרוי, איז אין גאנג פון היסטאָרישער אנטוויקלונג אויסגעוואקסן א רייכע און פאַרצווייגטע ליטעראטור. זי האָט אין משך פון דורות זיך ארויסגעשלאָגן אויף א זעלבשטענדיקן וועג, און איז געוואָרן א באַטייטנדער ענין פאַר זיך אליין, ווייט אריבערשפּרייזנדיק די גרעניצן, וואָס זיינען אין אָנהויב פאַר איר אָנגעצייכנט געוואָרן.

דאָס 16 און 17־טע יאָרה. זיינען געווען דער אויפבלי־פּעריאָד אין דער עלטערער יידישער ליטעראטור. ס'זיינען דאַן געשאַפן געוואָרן די באַטייטנסטע און גרעסטע צאָל ווערק.

דאָס 18־טע יאָרה. איז באַקאנט אלס תקופה, ווען די יידישע לי־טעראטור האָט איבערגעלעבט א ירידה. קיין נייע גרויסע ווערק ווערן אין דער דאָזיקער צייט נישט געשאַפן, אויסער דער רעליגיעזער ליטעראַ־טור פון חסידות [27].

ערשט פון דער צווייטער העלפט 19־טן יאָרה. הויבט זיך אָן א נייע עפּאָכע אין דער יידישער ליטעראטור, ווען ס'דערשיינען צוערשט די

27) די „ספורי מעשיות למהר"ן (1815) פון נחמן בראַצלאַווער (1772־1811), — זאָגט ניגער, — (זע: זיין שטודיע אין: „צוקונפט", נ. י., 1921) — איז איינער פון די שענסטע רינגען, וואָס פאַרבינדען די עלטערע רעליגיעזע ליטעראַטור אויף יודיש מיט דער נייער, וועלטלעכער.

שריפטן פון א. מ. דיק און דערנאָך די קלאַסישע ווערק פון דעם זיידן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור—מענדעלי מוכר ספרים.

ס'נעמט נישט לאַנג און שוין אין דער דאָזיקער תקופה, אין סוף אכטציקער יאָרן פון 19-טן יאָרה., מאכן די ערשטע שריט אין דער יידיש-וועלטלעכער ליטעראַטור די ערשטע מאָדערנע יידישע שריפשטעלערין און דיכטערין. און נאָך זיי קומט א גאנצע פּלעיאַדע, וואָס באַצייכענען מיט זייערע שאַפונגען די ווייטע נסיעה פון דער מאָדערנער יידישער פרויען-שאַפונג.

זייער דערשיינען געהערט אָבער שוין צו אנדערע צייטן און אַן אנדער סביבה. די עפּאָכע—ערב און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס איז פול מיט שטורעם און דראַנג אין לעבן, ווי אין דער ליטעראַטור.

II

אין דער תקופה פון לעצטן האַלב-הונדערט האָט דער נאָמען פון דער יידישער פרוי זיך געלאָזט הערן אַלץ אָפטער און שטאַרקער אין יידישן לעבן.

מיט איין תקופה פריהער, אין דער השכלה-עפּאָכע, ווען אין דעם יידישן לעבן האָבן גענומען בלאָזן נייע און פרישע ווינטן, און ס'איז אָנגע-פירט געוואָרן א העפטיקער קאַמף פאַר דער הערשאַפט פון פרייען געדאַנק,—האָט די יידישע פרוי נאָך אַלץ זיך געפונען אויף דער זעלבער שטופע פון אָפּגעזונדערטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט, ווי ביזן „שטורעם און דראַנג" פון דער השכלה, וואָס האָט צערודערט די מוחות און אויפ-געטרייסלט די יסודות פון דעם יידישן גייסטיקן לעבן און לעבנס-שטייגער. דאָס לעבן פון דער יידישער פרוי האָט די השכלה-באַוועגונג ווי נישט אָנגערירט, און זי איז געבליבן ווי א שטומער עדות, אז די השכלה האָט געבראַכט מיט זיך נאָר א האַלבע באַפרייאונג, און אז די אמתע באַ-פרייאונג פון דעם גאַנצן פאָלק דאַרף ערשט קומען.

אין דער ווייטערדיקער תקופה, נאָך דער השכלה, קומט א צייט, ווען עס ווערן רייף די אידעען און טענדענצן פון סעקולאַריזירן, פאַר-וועלטלעכן דאָס גאַנצע יידישע לעבן. אָט די צייט ווערט אויך א באַדייטנע עפּאָכע פאַר דער יידישער פרוי, ווען זי באַפרייט זיך סוף-כל-סוף פון די רעשטלעך פון דעם ביז איצט אָפּגעשטאַנענעם לעבנס-שטייגער, און טרעט אַרויס אַלס גלייכע מיט אַנדערע אויף דער אַרענע פון יידישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די לעצטע יאָרצענדלינגן פון 19-טן יאָרה. אין רוסלאַנד, וואו ס'האָט געלעבט דער רוב פון יידישן פאָלק, און וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער רוסלענדערשער באַפרייאונגס-באַוועגונג, האָבן געבראַכט אויך די באַ-פרייאונג פון דער יידישער פרוי. זי רוקט דאַן אַרויס פון איר סביבה א ריי טוערינס און קעמפערינס און אַזעלכע אַנטשלאָסענע פיגורן, ווי העסיע

העלפמאן אין אָנהויב נײַנציקער יאָרן, וועמענס נאָמעז און טעטיקייט זײַנען, אמת, פֿאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער באַפּרייאונגס-באַוועגונג, אָבער איר שריט און טאַטן זײַנען אין דער זעלבער צײַט אויך אַן אָנזאָג אויף דער פּאַקטישער עמאַנסיפּאַציע, וואָס האָט זיך פֿון דאַן אָן אָנגעהויבן אַלץ מער פֿילן אין דעם יידישן לעבן.

אויך אויף אַנדערע געביטן הויבן זיך אָן ארויסצובאַווייזן די טע-טיקייטן און טאַטפּייאיקייט פֿון דער יידישער פֿרוי. דאָס איז צו מערקן דער עיקר אין דער ספֿערע פֿון דעם יידישן טעאַטער, וואוהין זי האָט ביז דאַן צוליב די געבאָטן און פֿאַרבאָטן, וואָס האָבן פֿון דורות געהערשט אין דעם יידישן לעבן, נישט געהאַט קיין צוטריט, נישט געטאָרט ווייזן אַפֿילו קיין דריסת הרגל.

פֿון דעם פּורים-שפּיל — דעם אָנהויב פֿון יידישן טעאַטער —, וואו ס׳האָבן אַנטייל גענומען נאָר מענער, און ביזן אַנטשטיין פֿון דעם מאָדערנעם יידישן טעאַטער, אין וועלכנס ערשטער תּקופֿה ס׳האָבן אַלץ נאָך געפֿעלט פֿרויען אַפֿילו פֿאַר „באָבע-יאַכנע“-ראָלעס,—איז ערשט מיטן אַרויפֿטרעטן פֿון דער יידישער פֿרוי אויף דער בינע געבראָכן גע-וואָרן די אַלטע טראַדיציע, און איר דערשיינען אויף די טעאַטראַלע ברעטער האָט געווירקט נישט ווייניקער רעוואָלוציאָניזירנדיק, ווי איר אַרויסטרעטן אויף דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרענע.

דער נאָמען פֿון דער יידישער פֿרוי דער געזעלשאַפֿטלעכער טוערין און קעמפֿערין, ווי פֿון דער שוישפּילערין, האָט ווייט אָפּגעקלונגען און זיך וואַרים אָפּגערופֿן אין די הערצער איבער די אומצאָליקע שטעט און שטעטלעך, און איז אפֿשר אַזוי באַליבט געוואָרן ביים פֿאָלק, ווי די אַנדערע נעמען, וואָס האָבן מיט אַ צײַט פֿריהער נאָך באַצוואונגען די געמיטער פֿון די אַלע פֿרומע און שווערמוטיקע יידישע פֿרויען, וועלכע האָבן אין דער שפּראַך פֿון די תּחינות געזוכט אויסצוגיסן זייערע געפֿילן און טרערן. מיט נישט ווייניקער האַרץ און געפֿיל האָט די וועלטלעכע יידישע פֿרוי אויפֿגענומען און צוגעהערט די רייד פֿון די מיידלעך, פֿרויען און מוטערס, וואָס האָבן גענומען רעדן צו איר אין דער לעבעדיקער שפּראַך פֿון איר שבת און וואָך. אדאַנק אָט די מיידלעך, פֿרויען און מוטערס האָבן, אמת, אָנגעהויבן פֿאַרטונקלט ווערן און אַוועקניין אין שאָטן די געשטאַלטן פֿון די פֿאַרצײַטיקע אמהות פֿון די תּחינות, איז

אָבער דערפאַר דער נייוועלטיקער יידישער פּרוי צוגעקומען, אַ חוץ זיפצן און טרערן, אויך עפּעס פון אַזאַ פרייד, וואָס איז איר ביז איצט געווען פרעמד, ווי די פרעמדקייט פון אַן עבודה זרה.

אין סוף אַכטציקער יאָרן פון 19-טן יאָרה. מאַכן די ערשטע שריט אין דער נייער יידישער ליטעראַטור די דערציילערין איזאַבעללאַ [28] און די דיכטערין ראָזאַ גאָלדשטיין [29]. זייערע נעמען זיינען פאַרצייכנט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון דעם זעלבן יאָרה. [30]

ראָזאַ גאָלדשטיין האָט אָנגעהויבן שרייבן אין דער צייט, ווען אין דעם יידישן לעבן האָבן נאָך ניט פאַרלוירן זייער שליטה די שפּורן פון דער השכלה-עפּאָכע, און סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכע טענדענציעס און טעמעס האָבן געוועלטיקט אין דער ליטעראַטור און דיכטונג.

אין דעם זעלבן יאָרצענדלינג האָבן אין דער יידישער דיכטונג שוין געווירקט: דוד עדעלשטאַדט אין אַמעריקע, מאָרים ווינטשעווסקי אין ענגלאַנד, ש. פרוג אין רוסלאַנד, און מאָרים ראָזענפעלד, וואָס האָט זיך ערשט באַוויזן און שפּעטער עמיגרירט קיין אַמעריקע.

דאָס יאָר 1888 אין דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד איז אַ באַדייטענדע דאַטע, ווען ס'הויבט זיך אָן די ליטעראַרישע אויפלעבונג. אין דעם דאָזיקן יאָר דערשיינען: שלום-עליכמס „יידישע פאָלקס-ביבליאָטהעק" און ספּעקטאָרס „דער הויז-פריינד", וואָס מאַכן אַ גרויסן רושם אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

אין דעם זעלבן יאָר האָט ראָזאַ גאָלדשטיין אָפּגעדרוקט איר ערשט ליד „זכרונות של פּסח" אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע צום „יודישען פאָלקס-בלאַטט". אָט דאָס ליד, ווי די איבעריקע, וואָס זי האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט אין דער „יודישער ביבליאָטהעק" (1891—1892) אונטער

---

28) אין „הויזפריינד" — זמ"ב. 1 ב. רעד. פון מ. ספּעקטאָר. וואַרשע. 1888

29) אין „יודישעם פאָלקס-בלאַטט" — ליטעראַרישע ביילאַגע. רעד. פון דר. ל. א. קאַנטאָר. סט.-פּעטערבורג. 1888

30) זע: The History of Yiddish Literature in the nineteenth century by Leo Wiener, London, John C. Nimmo. MDCCCXCIX. pp. 116, 187—189.

פרצס רעדאקציע [31]), שטייען נישט העכער און ניט נידעריקער פון דעם אלגעמיינעם ניוואָ פון דער יידישער פּאָעזיע אין יענער צייט. דאָס זיינען לידער מיט נאַציאָנאַל-געזעלשאפטלעכן אונטערשלאָס, טענדענציעזע לויט זייער תוך און גרויע לויט זייער אינהאלט און קאָלאָרים. לידער, וואָס קלאָגן אויפן גלות, און טרוימען וועגן „פרייהייט“, „מענשען-ליעבע“, „מענשען-בונד“ א. א. וו. ס'איז דאן די צייט נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאנד, ווען דאָס גאנצע יידישע לעבן איז דערשיטערט און ארויסגעשטויסן געוואָרן פון זיינע ברעגן. אין אלע לאַגערן און שיכטן פון דער געזעלשאפט האָבן געהערשט מוראדיקע פארלאָזנקייט און געפאלנקייט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אנטוישונג אין דעם פריערדיקן גלויבן צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך ביז דאן ארומגעטראָגן מיט אסימילאַציע-אידעען. אונטער דעם דרוק פון די גרויזאמע געשעהענישן און דער סטיכישער עמיגראציע פון אומגעהייערע יידישע מאסן, האָט ביי דער פאָלקס-אינטעליגענץ ביסלעכוויים גענומען אויפוואכן אַן אנדער באוואוסטזיין, און ס'זיינען געבוירן געוואָרן די באוועגונגען פון „בילוי“ און „חובבי-ציון“. דאָס איז געווען די געזעלשאפטלעכע רעאקציע פון יענער צייט קעגן די געפערלעכע שטימונגען און געפילן פון יאוש און ירידה, וואָס האָבן ארומגענומען כמעט דאָס גאנצע יידישע לעבן.

דאָס אנטוישטע גלויבן אין די פריהערדיקע „גאטטער“ (געטער) און דער אומקער פון דער אינטעליגענץ צום פאָלק, נאָך דעם באנקראָט פון אירע אסימילאַציע-אידעען, דאָס זיינען די טעמעס און מאָטיוון פון דער יידישער פּאָעזיע אין יענעם פעריאָד. אויך ראָזא גאָלדשטיין דריקט אויס אין אירע לידער די זעלבע שטימונגען:

„איך האָב דיך דערקענט! מיט טרערין, מיט שמערץ
האָב איך דיין געשיכטע געלעזען,
פערוואונדערט, ערשטוינט איז געוואָרען מיין הערץ
פון דעם, וואָס מיט דיר איז געוועזען.“
(„צו מיין פאָלק“)

אין אַן אנדער ליד גיט איבער די דיכטערין אירע און די אלגעמיינע געפילן פון הילפלאָזיקייט און אָפּהענטיקייט, וואָס האָבן געהערשט אין דער

---

31) רייזען און באַסין ווייזן אָן, אַז ראָזאַ גאָלדשטיין האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין פרצס „יודישע ביבליאָטהעק“. ווי צו זען, האָט זי דעבויטירט נאָך מיט דריי יאָר פריהער.

נעזעלשאפט. דאָס זיינען צוגלייך אויך די שטימונגען, וואָס האָבן ארומ־גענומען די יידישע דיכטונג, וואו ש. פרוג איז געוועז „דער חזן אָהן אַן עמוד“, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק. אַזוי ווי פרוג, דער גייסטיקער ברודער פון דעם סענטימענטאַלן רוסישן פּאָעט נאַדסאָן, וואָס האָט פאַר־גאָסן ימען מיט טרערן אויף דעם גורל פון זיין פאָלק, אַזוי האָט „נור טרעהרען און טרעהרען“ אויך אונזער דיכטערין:

„איך בין דיין קינד נור! פולל ליעבע אין הערצען...
איך קאָנן דיר נור ליעבען אונ עהרען,
איך בין דיין קינד נור, פאַר דיינע שמערצען
האָב איך נור טרעהרען און טרעהרען!“
(„נור טרעהרען“)

אין איר ליד „דיא יודישע מוזע“, וואו גאָלדשטיין פּערזאָניפיצירט אין דער „מוזע“ דאָס יידישע פאָלק, מאָלט זי אַ בילד, וואָס איז אונז אַזוי באַקאַנט פון די לייוונטן פון די שפּעטערדיקע יידישע מאָלער, ווי ליליען, הירשענבערג און אַנד., וואו דאָס פאָלק—דער אייביקער וואַנדערער—איז פאָרגעשטעלט מיט:

„אַ שטעקען אין האַנד, אויפ'ען פּלייצע — אַ קלימעק,
איהר קארפּער — אין דרייען געבויגען.
דער שטערען מיט קנייטשען פון שמערצען אונ דאגות,
דאָס פּנים איז דאַאר, אויסגעצויגען!....
— — — — — — — — — — — — — — —
נור ביי'ן איהר אין ד'אויגען.... עס ברענט דאָרט אַ פייער,
אַ פייער פון לעבען און מאַכט!...[32]
אָט דאכט זיך — פערלאָשען, עס פלאַקערט שוין ווידער,
אונ לייכט אין דער פינסטערער נאַכט!....“

אין די לידער פון זעלדע קניזשניק, וואָס קומט נאָך ראָזא גאָלד־שטיין, פילט זיך שוין דער איינפלוס פון אַ נייער דיכטונג, וועלכע האָט

---

32) אין פרט פון שפּראַך איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין אָט דעם ליד גאָלדשטיינס פאַרטייטשט די רעדאַקציע פון דער „יודישער ביבליאָטהעק“ אין אַ הערה אונטערן ליד דאָס וואָרט „מאַכט“, וואָס אין יידיש פון יענער צייט האָט מען דאַן, ניכר, נישט געוואוסט פון אים אַלס זאַכוואָרט און נאָר אַלס ווערב אין דער זעלבער פאָרם אין דער דריטער פערזאָן. ווי ווייט אונזער שפּראַך האָט פּראָגרעסירט זינט דעמאָלט, קאָן מען זען אויך דערפון, אַז אַזוינע ווערטער זיינען דאַן נאָך געוועז „נעאָלאָגיזמען“. לזכר איז די הערה אויך געבראַכט אין אונזער איבערדרוק אין דער אַנטאָלאָגיע.

זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין דער יידישער ליטעראַטור. זיי זיינען אָנגעשריבן אַ צייט שפּעטער נאָך דעם, ווי פּרץ האָט פּאַרעפנטלעכט זיין באַלאַדע „מאָניש“ (1888), וואָס האָט אַוועקגעשטעלט אַ נייע מאָס אין דער יידישער פּאָעזיע. דאָך, זיינען נאָך אויך די ראָזיקע לידער װעניק זעלבשטענדיק. איינאַרטיקייט אין די סיוזשעטן און מאָטיוון און איבערחזרונגען אין געפילן און שטימונגען, וואָס זיינען פריהער קאַנאָניזירט און שאַבלאָניזירט געוואָרן אין דער דיכטונג, צייכענען אויס אויך אָט די לידער. אויף זיי ליגט נאָך אַלץ אויסגעגאָסן דער אומעט און טרויער, און נאָר זעלטן רייסט זיך דורך אַ דורכשיין. ס'גילט נאָך אַלץ, ווי אַ געזעץ, אַז נאָך דעם „ווינטער“, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף דעם יידישן לעבן פון יענער צייט, זאָל די דיכטערין פאַר אַ בילד פון פּשוטן ווינטער פון דער נאַטור, וואָס זי דערזעט, זיצן און טראַכטן אירע (און אַלעמענס) אומעטיקע געדאַנקען:

„איך זיץ איצט ביים פענסטער
און קוק אויף דעם גאָרטען,
וואו ס'האָבען די בלומען געבליהט.
אַרום און אַרום איז
אַלץ טויט און פערגליווערט,
עס פלאַטערט דער שניי נור און שיט.

און קעלטער און קעלטער
ווערט אַלץ אין מיין הארצען,
דער יאוש רק שטאַרקער זיך וועבט.
וואו איז ער, אַך, יענער,
דער גאָלדענער פריהלינג,
ווען אַלץ האָט געלעבט און געשטרעבט?“
(„ביים פענסטער“)

ווי אין דעם ליד, אַזוי אויך אין אַנדערע, ווי: „ווינטער“, „מאָרגען“, „און ווען דיין נשמה“, איז דער ווינטער נאָר אַן אַלעגאָרישער, וואו ס'ווערן אויסגעדריקט און געשילדערט נישט קיין פּערזענלעכע געפילן, נאָר דאָס אויסגעמאָלענע בילד איז אויך אַ רמז אויף אַ געזעלשאַפטלעכער ספערע און צושטאַנד. אָט די רמזימדיקייט האָט אויך געהערשט אין דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס האָט תמיד אָפּגעשפּיגלט געוויסע געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע אומשטאַנדן, און וואָס אונטער איר השפעה האָבן זיך געפונען אַ סך יידישע שרייבער און דיכטער פון יענער צייט (און אויך שפּעטער).

אנא ראפפּאָרט, וואָס האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע, און דאָרט אָנגעהויבן שרייבן, שפּיגלט אָפּ אין אירע לידער אַ צושטאַנד, וואָס איז אייגן געווען אַ סך פון אירע צייט-גענאָסן, ווען אין דעם יידישן לעבן האָבן געווירקט צוויי מחנות פון די צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן געהאַלטן פון דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע, און די, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר פּאַלעסטינע, אַלס רעטונגס-לענדער, וואו אַלע פּראָבלעמען פון דעם יידישן פאָלק וועלן פאַרענטפערט ווערן. אין ראַפּפּאָרטס לידער באַגעגענען מיר, דעריבער, גאָר אַן אַנדער טאָן, ווי אין ראָזאַ גאָלדשטיינס און אַנד. ראַפּפּאָרט איז ערשט אָנגעקומען קיין אַמעריקע, אָט דעם לאַנד און טרוים פון אירע ברידער. אירע לידער זיינען מונטערע און לעבעדיקע, וואָס איז צו זען אפילו פון זייערע נעמען: „די זון געהט אויף", „תחית המתים", „אָ, לאָ'מיר געניסען". דאָס זיינען לידער פון דעם מין פון „אָז ישיר", וואָס ווערן געזונגען, ווען מ'גייט איבער דעם ים (און די יידישע עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט דאַן דורכגעמאַכט אַן אמתן „קריעת ים-סוף"). אין קעגנזאַץ צו איר קאָלעגע גאָלדשטיין, וואָס האָט „אויף יענער זייט ים" אין איר ליד „זכרונות של פּסח" אַרויסגערופן דאָס געשטאַלט פון „אונזער רעטטער משה" און דערמאָנט, אַז ער, ווי אַמאָל אין מצרים, „קוקט אויף די שלעכטע קאַר-טינע, ווי דער יוד מוטשעט זיך אָהן אַ ציעל. מיט ליעבע איז פאָלל זיין הערץ צו זיינע ברידער, די קנעכט. ער טרויערט אויף זייער שמערץ, וואָס זיי איז, נעביך, זעהר שלעכט" און—„ער קוקט אויף פּאַלעסטינע"... וויל ראַפּפּאָרט, פאַרקערט, זיין די מאָדערנע דבורה, וואָס באַזינגט אַמע-ריקע, וועלכע האָט זיך געעפנט פאַר די יידן, און וואו זי האָט דערזען, ווי:

„עס הויבט זיך און הויבט זיך אַלץ העכער און העכער
דער רוקען פון אונזערע ברידער;
און גלייכער, און שטאַרקער און שטראָמער אַלץ ווערען
דעם יודענס צובויגענע גליעדער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פאַר זיינע פערפאָלגער, און פיינדע, און דריקער,
בויגט ער זיך ניט מער יעצט אין דרייען;
ער שטעלט זיך ענטגעגען אַלס מיטגליעד דער מענשהייט
און לאָזט ניט אין פּנים זיך שפּייען.

ער נוצט אוים זיין קראַפט און זיין מאַכט, וואו ס'איז מעגליך,
און שרעקט זיך ניט אָב פאַר דעם טוידט;

ער קעמפפט געגען פינסטערניש, קעמפפט פאַר דער פרייהייט,
קעמפפט געגען דלות און נויטה.

און דאָרט, וואו ער קאָן זיך נור פרייער בעוועגען,
דאָ לאָזט ער זיך הערען און זעהן.
און העלפט דעם פראָגרעס אויף פערשיעדענע וועגען.
דער יוד איז ניט דאָס, וואָס געוועןָ.״
(„תחית המתים״)

אַט דאָס ליד ראַפּפּאָרטס און אַנדערע זיינען דיקטירט פון דעם גלויבן אין דעם סאָציאַליזם, וואָס איז אין אָנהויב נײַנציקער יאָרן פון פאַבריקן יאָרהונדערט געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, און מיט דער עמיגראַציע איבערגעטראָגן קיין אַמעריקע. די אימפּאָרטירטע געדאַנקען און שטימונגען האָבן אָבער דאָ, אויפן נייעם און פרעמדן באָדן, נישט לאַנג געדויערט. אַנגאַ ראַפּפּאָרטס „התפעלותדיקע״ מוזע איז אין אַמעריקע גיך אַנטשוויגן געוואָרן, ווי ס'האָט זיך איינגיכן אויסגעלאָשן דאָס אומעטיקע געזאַנג פון אירע קאָלעגינס און צייט-גענאָסינס אין רוסלאַנד, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין ברכה פאַר זייער לאַנד, פון וואַנען זייערע ברידער און שוועסטער האָבן געהאַלטן אין אויסוואַנדערן. צונויפשטויסנדיק זיך מיט דער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט, איז ראַפּפּאָרט לסוף איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדער לאַגער, און גענומען שרייבן אויף ענגליש.

מער ווי פאַר אַ צענדלינג יאָר נאָך דעם דאָזיקן פעריאָד קומען נישט צו אין דער יידישער ליטעראַטור קיין נייע נעמען פון דיכטערינס. ערשט נאָך דער ערשטער רוסלענדערשער רעוואָלוציע באַווייזן זיך פּאַאולאַ ר. (1906) און יהודית (1907).

אַזוי ווי זעלדע קניזשניק, וואָס האָט פאַרמאָגט שוין אַן איידעלערע שפּראַך און פאַרבן (ווי ראָזאַ גאָלדשטיין), און איז פּייאיק געווען אויף אַ פּאָעטישערן אופן אויסצודריקן אירע און אַלגעמיינע געפילן און שטימונגען, אַזוי קומט אויך (נאָך קניזשניק) יהודית מיט אַ גרעסערער מאָס דיכטערישע שפּירונגען. יהודית שרייבט אירע לידער נאָך דעם דורכפאַל פון דער רוסלענדערשער רעוואָלוציע און דער צווייטער כוואַליע פּאָגראָ-

מען, וואָס דאָס רוסלענדערישע יידנטום האָט איבערגעלעבט. הערשט דערפאַר אויך אומעט און נאַכט אין אירע לידער:

„די נאַכט איז טיעף, די נאַכט איז שוואַרץ...
עס רייסט זיך, ס'רייסט אַזוי מיין האַרץ..."
(„די נאַכט")

ס'איז נאָך אויך נישט די געוויינטלעכע נאַטור-נאַכט, געזען פון א דיכ-טערין, נאָר די אַלעגאָרישע, ווי דער „ווינטער" ביי קניזשניק. ס'איז א רמז אויף דער פינסטערניש—דעם יאוש און ירידה-שטימונגען, וואָס האָבן געוועלטיקט נאָך דער רעוואָלוציע און פּאָגראָמען אין דער יידישער געזעלשאַפט. יהודית רעדט אויך נישט אין אירע לידער וועגן זיך אַליין, נאָר בלשון רבים:

„בריינטע הימלען, ערד אַ גרויסע
און אַ שיינע זון אַ הייסע—
אַלע אייביג שטום...

און פערמאַטערטע, פערוויעגטע,
ווי די ווערים האַלב־צודריקטע,
קריכען מיר אַרום...

קריכען... ווי אַ וואָרים פיהלען,
מיט אַ טרעהר דעם צאָרן שטילען...
צאָרנען ווי אַ פליג..." א. א. וו.
(„בריינטע הימלען")

אין דעם זעלבן ליד ווייטער פּרוואווט זי אפילו א געשריי טון, אָבער דער געשריי פאַרטויבט נישט די הכנעה, וואָס זי האָט אָט ערשט געמאָלט. דאָס גאַנצע ליד איז אויך נישט אָן איינפלוס פון ביאַליקס „אין שחיטה-שטאָט", וואָס איז דאַן געווען אָנגעשריבן, און וואָס האָט אויף א סך געמיטער און דיכטערישע פעדער אין יענער צייט געהאַט א שטאַר-קע ווירקונג.

דאָך זיינען אין יהודית' שורות און צומאָל א ליד פאַראַן מער אייגנס, ווי ביי אירע פאַרגייערינס. ס'רייסן זיך שוין דורך לירישע טענער, און אויך א גאַנץ ליריש ליד, ווי „אין א ווינקעל פון מיין האַרצען", „איך ענדיג מיין וועבען" און אנד. אין דעם ליד „צום דיכטער" פירט זי שוין אויך אונטער ווי א סך-הכל פון א תקופה, וואָס האָט זיך אויסגעשעפּט און גייט אונטער אין דער דיכטונג:

„גענוג! נישט ווידערהאָל די אַלטע ליעדער, —
ס'איז נישט דיינ'ס... — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
עס איז געווען אַ מאָל!... צווויימאָל וועט עס נישט לעבען!
דיין ליעד קלינגט איצט נאָר פאַלש.“ — — — — — — — —

אויף אזא דיכטערישער רעוויזיע ווערט שוין פייאיק יהודית, ווייל אין איר צייט הויבן אָן די יידישע ליטעראַטור און דיכטונג שפּאַנען מיט גרויסע טריט. ס'קומט אָן א נייע עפּאָכע פון פּארטיפּטע אינדיווידועלע שטימונגען. נאָך מאָרים ראָזענפעלדן טרעטן ארויס יהואש, א. ליעסין (א. וואַלט) און אברהם רייזען, וואָס טראָגן אריין דאס אינדיווידועל-לירישע און אינטעלעקטועל-יחידישע אין דער יידישער פּאָעזיע.

פּאַאולא ר., וואָס באַווייזט זיך כמעט אין דער זעלבער צייט מיט דער דיכטערין יהודית, קומט שוין מיט א נייעם טאָן אין אירע לידער. אמת, איר אייגענע שטים לאָזט זי נאָך נישט הערן. זי שרייבט לידער פאָלקס-מאָטיוון, און אין דער פּארשטעלטקייט און באַשיידנקייט פון פאָלקס-לשון קאָן מען זיך שוין פּארגינען צו רעדן צו דער וועלט וועגן אייגענע געפילן און איבערלעבונגען, און מיט דער פּאָלקסטימלעכער צניעות זיך פּארדעקן, ווי מיט א שלייער:

„קום צו מיר אין חדר'ל,
וועסט ניט זשאַלעווען, מיין קינד:
ריין וועסטו אַריינקומען,
און אַרויסגעהן אָהן אַ זינד.

ליכטיג איז מיין חדר'ל,
בלימלעך וואַקסען ביי דער טהיר,
וועסט זיך זעצען אויף דער שוועל,
און איך נאָהענט נעבען דיר...

אין אַ דעמבענ־קעסטעלע
ליגט ביי מיר אַ פיעדעלע, —
כ'וועל אויף איהם, מיין טייבעלע,
שפּיעלען דיר אַ ליעדעלע...“ א. אַ. וו.

איז דען נישט מלא-חן אָט די צניעות און דער פרום-כשרער „סגי-נוהר“-לשון, וואָס א יידישע טאָכטער פון פּוילן האָט זיך געקאָנט דאן פּארגינען! און, כאָטש דאָ זיינען שוין פּאראן כמו-פּערזענלעכע שטימונגען און מאָטיוון, איז עס דאָך נאָך א שוואכער אָנהויב פון

אייגענער אינדיווידועלער דיכטונג. אָבער, אַזעלכע שטילע גרעזעלעך האָבן פון דאַן אָן שוין געגומען פאַרשטעלטערהייט און אָפן, און אָפטער, אַרויסשלאָגן פון דעם פּרוכפּערדיקן באָדן פון דער יידישער פרויען-שאַפונג און פּאָעזיע.

פּאַאולאַ ר. און יהודית האָבן נישט באַוויזן צו אויסברייטערן און פאַרשטאַרקן זייערע באמת נייע מאָטיוון, און זיך געווענדעט צו אַנדערע פאָרמען פון שאַפונג. יהודית האָט פאַרפאַסט אייניקע נאָוועלן און דראַמאַטישע פראַגמענטען, און פּאַאולאַ ר. אַ ריי איינאַקטערס און דראַמען, וואו זיי האָבן ביידע געשילדערט צווישן אַנדערן די נייע וועלטלעכע יידישע פרוי און אין די קאָליזיעס פון דראַמאַטישע קאָנפליקטן געזוכט אַן אויסגאַנג און תיקון פאַר זייערע שעפערישע מעגלעכקייטן.

פון נאָך דער רוסלענדערשער רעוואָלוציע ביז דער עפּאָכע פון דער וועלט-מלחמה, און נאָך בעת דער לעצטער, קומט אַ צווייטער פּעריאָד אין דער יידישער פרויען-דיכטונג, וואָס איז נישט איבעריק רייך און פּרוכטבאַר. דער דאָזיקער פּעריאָד קאָן באַצייכנט ווערן ווי אַן איבערגאַנגס-צייט, ווען אויפן אָרט פון דער פּסיידאָ-פּאָעזיע, וואָס האָט צו טון מיט געזעלשאַפטלעכע טעמעס און אינספּיראַציעס, האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די לירישע דיכטונג.

לירישע דיכטונג און מאָטיוון זיינען דאַן, אמת, שוין נישט געווען קיין נייס אין דער אַלגעמיינער יידישער פּאָעזיע, אָבער די יידישע פרוי, אין איר לעבן, ווי אין איר שאַפן, איז געווען הינטערשטעלעיק נאָך פון דער השכלה-צייט. מ'דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז דאָס געפיל פון ליבע איז אין דער יידישער ליטעראַטור און לעבן געווען נאָך נישט ווייט פאַר יענער צייט צו ניי, און ווי פרעמד און אויסטערליש דעם יידישן קליין שטעטל.

ראָזאַ יאַקובאָוויטש, איינע פון די פאָרשטייערינס פון אָט דעם פּעריאָד, קומט אַרויס פון אַ יידיש-פּאַטריאַרכאַלישער סביבה פון פּוילן. ווי זי דערציילט אין איר ערשט ליד („צו מיין טאַטען" — פאַרעפנטלעכט אונטער פּרצס רעדאַקציע אין זאַמלבוך „יודיש") און אין איר אויטאָביאָגראַפיע (דאָס דערמאָנטע ליד טראָגט איינצייטיק אַ סימבאָלישן און אויך אַ ביאָגראַפישן כאַראַקטער), האָט זי זיך געפונען אונטער דער

השפעה פון איר פאָטער, וועלכער „האָט מיט באַגייסטערונג דערציילט די קינדער וועגן דער פאָלקס־פאַרגאַנגענהייט, און מיט שמערץ געשילדערט אַלץ, וואָס דאָס פאָלק האָט איבערגעלעבט אויף זיינע גלות־וועגן", און זי האָט זיך, דעריבער, „פרי אויסגעלערנט דענקען און פילן". אין דעם ליד גיט זי אַ פּאָעטיש בילד פון איר „גרויסן טאַטן", וואָס איז „אין פאַרטאָגיגען נעבעל איינגעהילט, איבער גאָטס וואָרט געבויגען". אין אָט דעם „נעבעל־פאַרטאָג" — „פלאַטערט, ליידענשאַפטליך פלאַטערט דער הארץ־רייסענדיגער טרויער־געזאַנג פון תורה־בענקשאַפט."

אַן אַנדער בענקשאַפט האָט שוין גענומען ציטערן אין דער נשמה פון דער דעמאָלטיקער יידישער טאָכטער, וואָס האָט נאָך געהאַט געננוג ליבע און אָפּשיי פאַר דער פּאַטריאַרכאַלער וועלט פון אירע עלטערן און סביבה. זי אַליין ציט שוין צו אַנדערע וועלטן. זי געפינט זיך שוין אין אַן אייגענעם „נעבעל־פאַרטאָג", וואו זי האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ נייער שענקייט, נאָך דעם ווי זי האָט אָט ערשט באַזונגען די אוועקגייענדיקע. אויף דער שענקייט, וואָס גייט נאָך נישט אוועק, קוקן מיר זיך דאָך נישט אום. אין אונזער טבע איז נישט צו באַמערקן די, וואָס רינגלט אונז אַרום.

אונטער דעם איינפלוס פון פּרצן, וואָס האָט אויפגעלעבט אין זיינע ווערק די ראָמאַנטישע שענקייט פון דעם פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן, איז אָנגעשריבן יאַקובאָוויטשס ערשט ליד. אין די ווייטערדיקע לידער מאָלט די דיכטערין איר אייגענעם „נעבעל־פאַרטאָג". זי ווייסט שוין, אַז כדי אים מקבל פּנים צו זיין, איז ווייניק צו אָנקליידן זיך אין פרומער צניעות, ווי דאָס האָט געטאָן פריהער פּאַאולאַ ר., נאָר אַז ס'איז נויטיק, פאַרקערט, שוין אַ שטיקל מרידה קעגן דער זעלבער פּאַטריאַרכאַלישקייט, וואָס זי האָט אַליין פאַרהערלעכט. און זי דערציילט וועגן אָט דער „מרידה" אירער, כאָטש נאָך אַלץ אין צו אַ מילדער שפּראַך:

„כ'האָב אויפגעריסן ס'ריגעלע
פון טאַטע־מאַמעס טיר,
און לייכט, ווי אויף אַ פליגעלע,
אַרויס אין פעלד צו דיר."
(„פון כלה־סדור")

אין דעם ליד „אַן אַ סטאַציע" באַטאָנט זי נאָך מער דעם ריס אירן מיט דער „טאַטע־מאַמעס' וועלט", און דעם שריט, וואָס זי האָט פאַר-

יידישע פאָלקס ביבליאָטעק

נענומען. זי טראָגט זיך מיטן אייזנבאַן, דערציילט זי, אויף אַ „זעע-גיש“ מיט איר נעליבטן, און האָט זיך געלאָזט צו דעם ציל „אויף גאָטס באַראָט“. גאָרנישט קאָן זי שוין ניט אָפּשטעלן אויף איר וועג, כאָטש זי פילט, אַז הינטער איר קאָן נאָך שטיין ווער און זי ווען אָפּהאַלטן:

„וואוהין ווילסטו, מיין קינד,
עס וועט נישט זיין קיין וועג שוין מער
צוריק צום הויזגעזינט.“

אָבער, זי פילט, אַז זי טאָר זיך ניט אָפּשטעלן, זי לעבט שוין אונטער אַ באַפעלנדן געפיל, וואָס זאָגט איר אונטער:

„אויב וועסט זיך אָפּשטעלן, וואו ס'איז
קיין סטאַציע נישט פאַראַן, —
צוליב דעם היילקסטן, וואָס דיין,
נישט וואַרטן וועט די באַן.

און וועסט דערנאָך זיך שלעפּן אַקס
איבער שטאָק און שטיין —
און בלייבן נעכטיקן ביינאַכט
אין ווילדן וואַלד אַליין!“

אין אַ סך אַנדערע לידער פון דעם אייגענעם פעריאָד, קאַנטיק (יאַקובאָוויטש האָט ערשט אַ לאַנגע צייט שפּעטער, אין 1924, צונויפ-געזאַמלט און אַרויסגעגעבן אירע לידער—אין בוך „מיינע געזאַנגען“), ווידערהאָלט די דיכטערין די זעלבע טעמע. אין דעם בוך האָט זי אויך פאַרעפנטלעכט נייערע שאַפונגען, און צונויפגעמישט מיט די עלטערע, ליידט דאָס בוך אירס פון נישט-איינהייטלעכקייט. אין די נייערע לידער ווייזט זי אַרויס מער עקספּרעסיע, דאָך גיט זיך איר נישט איין צו איינ-האַלטן זיך תמיד אויף דער דערגרייכטער הייך. אַזוי איז איר ליד „צו מיין טאַטען“ נישט ענלעך אויף די פריהער דערמאָנטע, און דאָס ליד „הגר“ פון אירע „ביבלישע מאָטיוון“ איז געראָטענער פון די איבעריקע פון דעם זעלבן ציקל, וואָס טראָגן אַ ריטאָרישן כאַראַקטער.

שרה רייזען, וואָס טרעט אַרויס אין איין צייט מיט ראָזאַ יאַקובאָ-וויטש, איז אַ לירישע דיכטערין. שטילער ליריזם דאָס איז איר מאָטיוו, הנם אפילו דער איינציקער ביי איר. אין דעם ליד „דער ערשטער פריה-לינגס-טאָג“ דערציילט זי וועגן אַ פרילינגס-דערוואַכונג:

„ס'האָט דער ערשטער פריהלינגס-טאָג
ליעב בעגריסט מיך היינט.
און האָט גלייך אַ פרעג געטהון
וועגען דיר, מיין פריינד.“

אמת, אויך דאָ רעדט זיך נאָך אין דער דריטער פּערזאָן, אין נאָמען פון פרילינג. אין די ווייטערדיקע לידער פיגורירט שוין דער דיכטערינס אייגענער „איך" אָן רמזים און באַפּוצעניש. שרה רייזענס לידער זיינען דעריבער נאָך א טריט ווייטער אין דער אנטוויקלונג פון דער יידישער פרויען-פּאָעזיע. די דיכטערין מאָלט זיך אליין אין אירע לידער ווי א שטארק עלנטע. שוין אין דעם ערשטן ליד ווערט דערציילט, אז „ער האָט גענארט". דער זעלבער מאָטיוו, ווי דער עלנט, חזרט זיך איבער אין איר גאנצן בוך. רייזען שילדערט דעם „צער פון ליעבע", וואָס זי האָט דערקענט, און די ערשטע ליבע, צו וועלכער זי בלייבט געטריי אויף אייביק:

„דו ביסט אין מיין נעכטן, דו ביסט אין מיין היינט,
דער מאָרגן אויך וועט מיר דיך ברענגען,
און טאָמער אַ צווייטער פארבייטן וועט דיך,
נאָך דיר אָבער וועל איך אַלץ בענקען.

און טאָמער אין קרייץ־צוג נאָך גליק און נאָך צער
די צייט וועט אונז פרעמדן און שיידן,
דו וועסט אָבער בלייבן פון מיין ליבע דער האַר,
און כ'וועל דורך מיין ליד מיט דיר ריידן."

אָט דאָס געפיל האָט איינגאַנצן פארנומען און פארשלונגען דער דיכטע-רינס געמיט. אין צושטאנד פון אייביקער בענקעניש נאָך דער „ערשטער ליבע" און עלנטקייט, ווערט זי פאטאליסטיש געשטימט. זי הויבט אָן גלויבן: „וועט דער מזל וועלן, וועט ער דיך מיר שיקן". וואָס ווייטער ווערן אַלץ געדיכטער און טרויעריקער אירע שטימונגען און געדאנקען, און לסוף קומט זי איינגאנצן צו דער רעזיגנאציע פון „הבל הבלים".

שרה רייזענס לידער זיינען שטילע נישט-פארוויקלטע פּאָעמעס, ווי שטיל און פּראָסט איז איר שפּראַך, בילדערישקייט, און די פּאָעטישע פארגלייכן. עס קויפט אָבער אונטער די אוממיטלבארקייט פון אויסגע-דריקטן געפיל, וואָס האָט זיך אין זיי פארטייעט. זיי ווירקן אויף אונז מיט דער טראַגישקייט פון א מענטשלעכן דאָקומענט, וואָס איז דער תוך פון איר פּאָעזיע:

„און שטיל איז געוואָרן אין האַרצן ביי מיר, —
אַ הויז אַ פארקלאַפּטע מיט לאָדן און טיר.
פינסטער און שוואַרץ און אַנטשוויגן
מיין וויי און די שמערצן דאָ ליגן."

אויך שרה רייזענס לידער זיינען פּאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוך-פאָרם נאָך אַ לאַנגן פּעריאָד, זינט זי האָט זיי אָנגעשריבן. זי האָט אין דער זעלבער צייט אויך געשריבן דערציילונגען און נאָוועלן, וואָס האָבן געצויגן אויף זיך אַ גרעסערן אויפמערק, ווי אירע לידער, וואָס זיינען בעצם נישט ניי געווען אין דער אַלגעמיינער יידישער דיכטונג.

פּראָדעל שטאָק, וואָס שטאַמט פון גאַליציע און האָט אָנגעהויבן שרייבן אין אַמעריקע, קומט שוין מיט העכערער קולטור אין דער פאָרם און אינהאַלט פון אירע לידער. זיי צייכענען זיך אויס מיט אַ רייכערער שפּראַך, טיפערן אויסדרוק, און גרעסערן שוואונג פון דיכטערישער פאַנ-טאַזיע. אין ניו-יאָרק האָט שוין דאַן אין די ליטעראַרישע קרייזן גע-ווירקט די גרופּע „יונגע“ פון דער נייער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע, און דער פּרינציפּ פון „ריינער דיכטונג“, וואָס איז אַ זאַך פאַר זיך, און וואָס די פאָרשטייער פון דער דאָזיקער גרופּע, ווי מאַני-לייב, משה-לייב האַלפּערן, ל. האַלפּער, (שפּעטער ה. לייוויק) און אַנד., האָבן ארויסגע-רוקט, האָט אויך געווירקט אויף דער שאַפנג פון פּראָדעל שטאָק.

פּראָדעל שטאָקס ליד „ביים ים“ איז אינדיווידועלע דיכטערישע וויזיע, וואָס האָט צו טון מיט דער נאַטור, דעם אייגענעם „איך“ (דער פאַנטאַזיע) און דער שענקייט, וואָס נאָר קינדער און פּאָעטיש-באַגאַבטע וועזנס קאָנען ארויסכשופן און דערמיט זיך פרייען. אַ זעגל פון אַ שיף, פאַרביי וועלכן הונדערטער און הונדערטער קאָנען דורכגיין גלייכגילטיק, ווירקט אויף דער איידעלער פילבאַרקייט און אויפנעם-פעאיקייט פון דעם דיכטערישן אויג און נשמה, און אָט ווערט אין וואָרט און בילד אויס-געוועבט אַ ניי לעבן, וואָס שטימט אַמאָל אינגאַנצן נישט מיט דעם לעבן פון דערווירקלעכער שיף. און, צו וואָס דאַרף עס שטימען גאָר? דאָס אויסגעחלומטע איז שענער און רייכער פון דער ווירקלעכקייט, ווי די פּאָעזיע בכלל, וואָס איז דער חלום און וואָר פון דעם דיכטער.

פּראָדעל שטאָק האָט אויך אָנגעשריבן אַ ציקל סאָנעטן. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ דערגרייכונג. די פאָרם פון דעם לאָקנדן און עלעגאַנטן סאָנעט האָט אין דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך און פּאָעזיע פון יידיש פאַראינטריגירט צום ערשטן די פעדער פון אַ דיכטערין.

ליבע-לייַדנשאַפט און עראָטישע מאָטיוון דאָס איז דער עיקר אינ-האַלט פון שטאָקס סאָנעטן. פאַר דער דיכטערין איז די ליבע, אין קאָנ-טראַסט צו אירע פאָרגייערינס, נישט מער קיין איינפאַך און איינציק

זים-סענטימענטאַל געפיל, נאָר אַ קאָמפּלעקס פון געפילן, וואו נשמה-אומרו, פרייד און לייד, ליבע און האַס, זינד און חרטה זיינען אויסגע-מישט און צונויפגעפלאָכטן אין אַ פּאַרוויקלטן קנויל, פון וועלכן איר איז שווער זיך אַרויסצופּלאָנטערן. פראַדעל שטאָק איז די ערשטע, וואָס האָט אין אירע לידער אָנגעקליידט אירע געפילן אין פלייש און בלוט פון דער ליבע, און אַזוי ליידנשאַפטלעך אַרויסגעאָטעמט:

„צי זאָל איך מיך אַ וואָרף טהון ווילד אַריין
אין מיטען גאַס, מיט אָנגעצונד'נע אויגען
און ברומען, ווי אַ טיגערין, פון פּיין,
די דוכענדיגע נאָזלעכער צעפלויגען."
(סאָנעט ד')

אין איר „קראַנקער אונרוה פון יאָגן זיך נאָך גליק" נעמט זי אויף די ליבע ווי אַן איבערוועלטיקנדע קראַפט, וואָס פאַר איר קאָן קיים געפונען ווערן אַ באַפרידיקונג, אויב אַ באַפרידיקונג איז בכלל מעגלעך, ווען די „זעעל איז אַזוי הונגעריג נאָך זינד" און קאָן נישט געזעטיקט ווערן, ווי דער תהום, וועלכן ס'איז אוממעגלעך צו פאַרפולן.

פראַדעל שטאָק האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ בוך טאַלאַנטפולע נאָ-וועלן און דערציילונגען, און דערנאָך אינגאַנצן אַנטשווינגן געוואָרן.

אין משך פון די לעצטע יאָרן פון דעם זעלבן פּעריאָד קאָן מען פון אַ פּאָר צענדלינג נעמען קוים זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע, וואָס פאַר-דינען אונזער אויפמערק. בכלל זיינען דאָס שוואַכע שטימען און איינצלנע לידער, אָפּגעדרוקט דאָ און דאָרט אין ספּאָראַדיש-אויפגעקומענע אויס-גאַבעס. אָט די נעמען זיינען ווי פאַרלוירענע צייכנס פון דער צייט, צעשטעלט אויף אַ וועג, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן דורכשלאָגן אין דער יידישער פרויען-דיכטונג. די לידער—שוואַכע עדות אויף אַ יורין אין דעם לעבן פון די אומצאָליקע יידישע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן גענומען אויפוואַכן און זיך באַהעפטן צו דער נייער יידיש-וועלטלעכער ליטעראַטור און קולטור.

פון אַ פּילצאָליקער גרופּע נעמען אין פּוילן איז ווערט צו אָפּשטעלן זיך אויף די לידער פון שושנה טשענסטאָכאָווסקאַ, געשריבן אין פיינעם פאָלקסטימלעכן זשאַנר, און אויסטיילן חנה גערסאָן-ראַבּינאָוויטש עלע-

גישקייט, וואָס ציט איר יניקה פון דער פּאַלעסטינישער נאַטור, און נישט פון דער פּוילישער ערד, וואו די דיכטערין איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן.[33]

אין אַמעריקע איז דאָן כדאי צו פאַרצייכענען די איינצלנע לידער פון אביגיל[34], אסתר זיידלער און רבקה ראָזענטהאַל, וואָס האָבן אריינגעטראָגן אייניקע ניואַנסן פאַר יענער צייט, און לאה ק. האָפּמאַן, די ערשטע דיכטערין פון קינדער-לידער אין דער יידישער ליטעראַטור.

ס'איז נישט נויטיק דאָ איבעריק צו באַטאָנען, אַז אָט די אַלע, ווי די פריהערדיקע דיכטערינס, האָבן נישט צוגעגעבן קיין באַזונדערס שטאַרקע שאַטירונג דער אַלגעמיינער יידישער דיכטונג. די מאָטיוון פון דער „בירגערלעכער פּאָעזיע" און לירישער דיכטונג זיינען געווען ניי, אויב גענומען אין דעם שטח און קרייז פון דער פרויען-דיכטונג אליין. אין דער אַלגעמיינער יידישער פּאָעזיע איז דאָס קיין נייס נישט געווען. פאַרקערט, די פרויען-דיכטונג איז געשטאַנען אין דירעקטן איינפלוס פון דער לעצטער, אירע מאָטיוון, אומבייט פון אַנטוויקלונגס-עטאַפּן, און פון אַנדערע ליטעראַטורן, ווי די רוסישע. בכלל, האָט די איבערגאַנגס-צייט, וואָס האָט געהערשט אין דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור, געהאַט אויך איר שליטה אויף דער פרויען-דיכטונג.

צום סוף פון דעם דאָזיקן פּעריאָד באַווייזט זיך אין דער יידישער ליטעראַטור די טאַלאַנטפולע דיכטערין מרים אולינאָווער, וואָס שטייט גאָר באַזונדער מיט איר אייגנאַרט אין דער דיכטונג, און איז אינגאַנצן ניי און זעלבשטענדיק אין איר שאַפונג.

אירע לידער, געשריבן אין פאָלקסטימלעך-ראָמאַנטישן טאָן, און איינגעוויקלט אין אַ דינעם שלייער פון נאַאיוון פאָלקס-מיסטיציזם, האָבן אין זייער צייט נישט געקראָגן דעם פאַרדינטן אויפנעם און רעזאָנאַנס אין דער וועלט פון דער יידישער ליטעראַטור און דיכטונג. אין יענער צייט, נאָך דער צווייטער רוסלענדערשער רעוואָלוציע און דער וועלט-מלחמה, האָט געברויזט און געכוואַליעט אין דער דיכטונג, און אַלטע פאָרמען און אינהאַלט זיינען איבערגעשאַצט, געבראָכן און פאַרלאָזט געוואָרן.

---

33) מרים וואהלמאן-שעראַטשעק און מירעל ערדבערג האָבן, אויסוואַנדערנדיק קיין פּאַלעסטינע און קאַנאַדע, דאָרט באַניַיט זייער שאַפונג. צום באַדויערן איז דעם צוזאַמענשטעלער אויסגעקומען שווין צו שפּעט פאַר דער דאָזיקער אויפלאַגע זיך אָנטרעפן מיט זייערע נייע לידער.

34) ווער ס'האָט געשריבן אונטער אָט דעם פּסידאָנים האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן פעסטצושטעלן.

איז קיין חידוש ניט, וואָס אויף מרים אולינאָווערס טאַלאַנט און לידער האָט מען זיך קוים אַרומגעקוקט.

אולינאָווערס בוך „דער באָבעס אוצר" איז אָבער נישט נאָר קיין לידער-בוך, נאָר אויך אַ ווערק, וואָס איז נאָענט צו אַ קלאַסישן, און וועט צוליב זיין עכטקייט, קינסטלערישקייט און פשטות, און אוצרות פון פאָלקס-טראַדיציע, וואָס זיינען אין אים פאַרקערפּערט, פאַר-בלייבן אויך אויף ווייטער אַלס דענקמאָל פון דעם לעבן פון דער פאַר-צייטיקער יידישער פרוי אין דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם דאָ-זיקן בוך אַנטפּלעקט די דיכטערין גאַנצע און פאַרענדיקטע געשטאַלטן פון אַ לעבן „פון איבער הונדערט יאָר" צוריק, וועמענס גלויבן און כאַראַק-טער, זיטן און מנהגים א. א. וו. זיינען פאַר אונז שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבן, אָבער באַלעבט אין דער קונסט פון דיכטונג, שיינען זיי צו אונז אַרויס אין דעם ליכט און שאָטן פון אַ לעבן, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט סטיל, ירושה און לאַנגיאָריקער קולטור.

די לידער פון דעם דאָזיקן בוך האָט די דיכטערין געשריבן, צוהערנ-דיק זיך צו די מעשיות, שפּרוכן און זאָגן פון איר „עלטער-באָבע פון איבער הונדערט יאָר", דער פּאָעטישער אינספּיראַציע פון דער ערשטער אייגנטימלעכער פרויען-דיכטערין אין דער נייער יידישער ליטעראַטור.

מרים אולינאָווער האָט איצט אָנגעשריבן אַ נייעם בוך לידער „שבת", וואָס איז ווי אַ המשך פון איר ערשטן בוך. די זעלבע פּאָעטישע עכטקייט און פאָלקסטימלעכקייט צייכענען אויס אירע נייע לידער, וואָס זיינען נעדרוקט אין דער אַנטאָלאָגיע. אין אולינאָווערס דיכטערישער קראַפט ליגט אָבער נישט די מעגלעכקייט צו אָביעקטיוויזירן די אינעווייניקסטע וועלט פון שענקייט, וואָס זי טראָגט אין זיך, און דערהויבן זי צו אַ מאָדערנעם קינסטלערישן סינטעז. איז זי, דעריבער, אָפּגעשלאָסן אין ראָמאַנטיש-מיסטישע שילדערונגען, וואָס שטערן איר צו געפינען די שפּראַך פון איר אייגענעם „איך" אין איינקלאַנג מיטן נייעם לעבן. די קונסט פון דיכטונג און שענקייט ווייסט אָבער נישט פון קיין אָפּגעשטאַ-נענקייטן אין זייערע גבולים. אמתע דיכטונג בלייבט אַלצאיינס אייביק אויב זי שעפּט אפילו נאָר פון עבר, און שאַפט נישט אין גייסט פון דער צייט, פון דער קעגנוואַרט.

אין דער לעצטער תקופה, וואָס הערשט איצט אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט די יידישע פּרויען-דיכטונג אַרויסגערוקט ווידער אַ גרויסע פּלעיאַדע דיכטערינס, וואָס באַצייכענען, אָן ספק, מיט זייער אויפקום אַ ליניע פון נייעם אויפשטייג. ס'האָבן זיך געביטן די פאָרמען און אינהאַלט פון דער נייער יידישער דיכטונג בכלל, און דער פרויען-דיכטונג בפרט. אַ ריין-קינסטלערישער צוגאַנג צו סיוזשעטן און מאָטיוון, פאַרשיידנקייט אין ריכטונגען און שטרעמונגען, דער וואוקס פון דער קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט אין דער מאָדערנער צייט, אוניווערסאַל-קאָסמישע טענדענצן און מאָטיוון—אָט דאָס אַלץ איז געוואָרן דער אויסגעבריטערטער און פאַרוויקלטער גרונד פון דער נייער יידישער דיכטונג און אויך פון דער פרויען-דיכטונג.

יונגע און פרישע אָפּצווייגן אין דער אַטמאָספער פון דעם באַנייטן רוסלאַנד האָבן פאַר די לעצטע יאָרן זיך אויך באַוויזן אין דער דאָרטיקער יידישער ליטעראַטור. די ראָד פון דער ליטעראַטור-געשיכטע האָט דאָרט אין אָנהויב ווי אַ רוק געטאָן זיך צוריק צו די מאָטיוון פון „בירגערלעכער פּאָעזיע". אָבער אין דער לעצטער צייט הויבט אָן אויך אין רוסלאַנד די ליטעראַטור און דיכטונג קומען צום נאַטירלעכן קינסטלערישן גאַנג נאָך דעם, ווי די אמתע דיכטערשע פּערזענלעכקייט האָט דאָרט דערפילט, ווי „ס'זינגט ערגעץ, אָן א י י נ ג ע ש פ א נ ט ע ר (מיין קורסיוו—ע. ק.) אין רייען, מיין אייגענער מיין שטילער גאַנג".

אין דעם געגעבענעם ליטעראַטור-היסטאָרישן אַריינפיר איז וויכטיק געווען צו אָנוואַרפן קאָנספּעקטיוו די אַנטוויקלונגס-עטאַפּן, וואָס די יידישע פרויען-דיכטונג האָט דורכגעמאַכט אויף אַ וועג, ביז זי איז געקומען צו דער שטופע, וואָס זי פאַרנעמט אין דער לעצטער צייט, און צו געבן לויפיקע פּאָרטרעטן און קאָנטורן פון די עלטערע דיכטערינס, וועלכע האָבן אויסגעטראָטן אָט דעם וועג פאַר דער נייער דיכטונג.

די נייע דיכטערינס געפינען זיך, אויסער דעם, דערווייל נאָך אין אָנהויב און קיינע פון זיי נאָך נישט אין זעניט פון זייער שאַפונג. האָבן מיר, דעריבער, נישט געהאַלטן פאַר נויטיק און מעגלעך צו שאַצן און אונטערפירן סך-הכלען דאָרט, וואו ס'ווערט נאָך געזוכט דער אייגענער גאַנג און ס'קאָנען נאָך קומען ווערק, וואָס זאָלן באַדייטנד דערהויבן, בולטער מאַכן און מער באַשטימען דעם מהות און כאַראַקטער פון דער נייער יידישער פרויען-דיכטונג.

ע. קאָרמאַן


איין שין ליד נייאה גימאכט כלשון תחינה
מיז ווארדין אויז גיטרכט
בניגון אדיר איום ונורא :

פאַטאָסטאַט פון דער ערשטער זייט פון טויבה פאַנס פאָעמע. (17־טן יאָרה.?) פאָרמאַט פאַרגרעסערט, ווי די איבעריקע, פון 3¼x5¼ אויף 3½x5¾



ליבר הער גָט פֿר דיר קאן קיין מענש אנטרינן · דאָס
קאנסטו מיינש עשׂוּו גיסינן · מיט פֿר מיין רעט קאן
ער תשובה טאן · הש״י זאל זעהן אונזרא תפילה אן · פ״ק
דאָס בגערטו דאך ניט דען רעשע טוט · יען ער תשובה
טוט האָט ער קיין נוט · מיט דען גדיק טויטן
אדקדק זיין · ליבר הער גָט האָלף אונז אויז אלי פיין: פ״ק
דרום ביטן מיר אן דיר מיט גנצן הרצן · דער לויז אונז אויז
דיזר שמערצן · אל טוש מב פֿון אונז דיט מגיפֿה ·
אל בהיט אונז ווייטר פֿר אלי טריפֿה : פֿאטר קיניג
אלי אלפֿיס מין היאל זאלין פֿר אונזר תפֿילה טאָן · אל
הש״י זאל נעמן דיט תפֿילה אן : זאל אונז אונזר גיבעט
גיוועדן זאל אלי קרעכן זאן מויך הערן : פֿאטר קיניג
מיט מיין געזעליר ליר ווילן זיך מויך הערן · אלי אונזר
גיבעט זאל אונז הש״י גיוועדן · אל זאל אונז בהיטן
פֿר אלין פיין · אל זאל אונז בלד פֿירן אין הייליגן לנד
אנין : פֿאטר קיניג
שמן נעז הלט אין ווער דאָס ליד האָט גיסלט · טאבה
מוטה כמהור״ר יעקב פאן האט עז דער דרלט · בת
כמהר״ר ליב מינקר ז״ל : הש״י זאל אונז ביהיטן אל :
פֿאטר קיניג

לעצטע זייט פון טובה פאַנס פּאָעמע

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO



פאַטאָסטאַט פון דער ערשטער זייט פון דעם וואַריאַנט פון טויבה
פּאַנס פּאָעמע (17־טן יאָרה.?)



לעצטע זייט פון דעם וואַריאַנט פון טויבה פּאַנס פּאָעמע

[illegible]


איין היפשה דרשה

פֿר אלן אונ׳ ווייבר יונגן אונ׳ אלטן · ואל
דורך איין מיטלכר ווערט (אול וברכה) פֿון
חסי׳ער האלטן · אזו וואול ארים אז רייך ·
גרוס אונ׳ קליין אלי צו גלייך · דער אן ריזי זאכן
ווערט (נזהר) זיין · דעם ווערט גאט יתברך
בהיטן פֿר יסורים אונ׳ פיין · דער דארין
ווערט לייאן · דעם ווערט זיין הערץ ער
פֿרייאן · איז אויש דעם (ספֿר האוסר)
אונ׳ אנדרי (אדרשים) אונ׳ גמרות גיקליבן ·
גלייך ווי אז עס אונזרי חכמים האבן גשריבן ·
אונ׳ דאריבר טאן אונ׳ נלט גיטראכט · אונ׳
האבן עס אין דיזא דרוק גיבראכט · דאז
איט (אוכה הרבים) צו זיין ·
(ובזכות זה) ווערן איר
(זוכה) זיין צו קומן אין
היילגן לנד אריין ·
אמן:

ע״י האלמנה חנה בת אוהר״ר יהודא ליב כ״ץ
אלמנת אוהר״ר יצחק מטכנו ז״ל:

פה ק״ק אמשטרדם אי״ע ס

פאָטאָסטאַט פון דעם שער־בלאַט פון חנה כ״צס דרשה אין פיר טוילן.
(17—18־טן יאָרה.)



דאש איז איין דרשה פר דיא ווייבר

הערט, צו מיר ליבן אמנין אונ' ווייבר · איך טוא אייך אלי
(אחיותי) בעטין · דש איך האב אין ווא איין דרשה
איין גטרעטן · אוב איר וועלט זאגן וויא קואט דיא פרויא הער
אונש צו שטראפן · אבר זייט וויסן איין ליבה לייט איך האב איבר
דיא דרשה ניט קענן רואן אודר שלאפן · איך טוא איך וועלברט
דער איט איינן · דש האט · זאל פון אונזרט וועגן רעדן (יצר הרע)
פר שטיינן · דש ווערט איר (גאט יתברך ערות) זאגן · דו איך
האב אויש גקליבן אויז (גמרות ומדרשים) איט ויפלן אונ'
קלאגן · איר וואלט וואש זאגן דיא וויל האבן איר זאלן קיין ביז טון ·
אונ' דיא איז זעלברט ניט (נזהר) דראן · הערט (רבותי) איך
בין ניט קואן אייך צו שטראפן · איך בין גלייך איין שיכור דער
דא טוט אויך וואכין פון זיין שלאפין · וואש בין איך וואש איז איין
לעבין · דש איך איך האב אין ווא איין (דרשה) דר געבן · איך
האב אין איין זין גנואן · דש איך זאל דר דורך פון איין זינר
קואן · אונ' וואש איך האב קעגין זיין היילגן נאמן גזינדגט זאל
איין פר גיבונג זיין · אונ' זאל אש טון רעדן (יצר הרע) פון אונזר
הערצן וויא איין שטיין · נון ווארום זאלן איר אונזר (נשאה)
פר דארבן · דר אערט איז גלייך איין צו בראכנר שארבן · דרום
זאל אונש אין דער זאכן ניט זיין טרעג אונ' פויל · אונ' לאשט אונש
גוטש גיווינן אויך אונזר צונג אונש אויז · דען אויך איין (בהאה
טמאה) טאר אן קיין ביזרידן · וויא אונש דז (ספר האוסר)
טוט בשיידן · צווייא (חסידים) זיינן גאר גאנגן אונטר וועגן ·
דא איז איין טוטר איזל גלעגן · זאגט איין (חסיד) קעגן דען
אנדרן וויא טוט דיא נבילה שטינקן · ענטפרט דר אנדר ווארום
זאלשטו ביז רידן אויך דיא נבילה ויכשט אבר ניט וויא זיא האט
אין איר אויל וויישי צעהן שטעקן · דרום זאל אן קיין ביז רידן
אויך ניקש אין דער גאנצי וועלט · זאל ליברשט אויש געבן אל זיין
גוט אונ' געלט · געלט אונ' גוט קן אן ווידר דער לאנגן · אבר
דש ·

פאַטאָסטאַט פון דער ערשטער זייט פון חנה כ"צס דרשה.

(17—18־טן יאָרה.)

דרשה

ברידר געאני · אונ׳ טוט זיא אזי טאג איר פלייש רייסן אונ׳
קעאן · אונ׳ אין (אלריק) אזו (בוכות) דער פרומי
ווייבר דיא (גאולה) גיוועזן · דו זיא זיינן פון דען טויערן ביטרן
(גלות) וואהרן גינעזין · דו זיא זיינן איט אירי קריג נוס וואסר
טעפן גיגאנגין · האבן זיא אין אירי קריג פיש גיפאנגן · אונ׳
האבן זיא גיקאכט דר היים · אונ׳ איט דעם וואראן וואסר הבן
זיא אירי אאנן טון אב וואטן דט לייק · דא איט האבן זיא אירי
אאנן טון דער קוויקן · אין איר (זכות) האט הש׳י טון דיא
(גאולה) שיקן · אונ׳ ווען איר ווערן אך ועלכי גוטי זאכן נאך
גין · ווערן איר (זוכה) זיין אין דען היילינן לאנד ביים (משיח)
צו שטין · אונ׳ לאזן איר דיא דרשה מיטלכר אין אונזר (תפלה)
אין בינדן · דא איט איר ניט זאלן זינדן · אונ׳ ווערן (חן וחסד)
אין גאטס אויגן געפינדן :

לעצטע זייט פון חנה כ״צס דרשה.


תפלה לשבת

ליבר גאט איך וויל דיין לוב דער צילן· דער בשעפֿר פֿון אלי
ווילן· דער פֿיר דאנקן איר דירי· דו דוא האסט אונש
צו מיין ליבן פֿאלק טון דער ווילן· דרום בריאן איר זיך מיט
דיר דו דוא ביסט אונזר גאט· דער היאל אונ׳ ערד בישאפֿן
האט· דער דעם ליבן (שבת קדש) גיגעבן האט· גוטי
שפייז צו עסין אונ׳ זיסי טראנק צו טרינקן· אונ׳ אלי תענוגים
אן צו טאן· דער דעם ליבן (שבת קדש) טוט אין ערן האלטן·
דער ווערט (זוכה) זיין מיט אמן אונ׳ קינדר אין (עושר) אונ׳
(כבוד) צו ווערן אלטן· היטן טוא איך דעם ליבן (שבת קדש)
מיט אלי פֿליס· מיט גוטי עסין אונ׳ זיסי שפייז· וואס איר
האבן געסטערן אן גיגרייט· ליבר גאט לאז אונש ביקומן הייט·
דען דער ליבר (שבת קדש) איז קעגן דען (גן עדן) געשטעלט·
דרום נאלן איר (זוכה) זיין צו האבן דיזה אונ׳ יענה וועלט
אונ׳ דער ליבר (משיח) זאל אונש פֿירן ביים דער
רעכטי האנט· אונ׳ זאל אונש ברענגן אין
דאס הייליגי לאנד· (אמן כן
יהי רצון):

פֿאַטאָסטאַט פֿון חנה כ"צס ליד „תפלה לשבת".
(17—18־טן יאָרה.)



תם ונשלם : שבח לאל בורא עולם :

דזאי טייטשי נייאי תפילה פון אן פֿאנג ביז צום ענדר : האב איך גיזעצט אלי אותיות מיט מייני אייגני הענד :
געלה בת הר"ר משה המדפיס ומאי ארת פֿריידה בת הר"ר ישראל כ"ץ ז"ל דיזעס איך לווייטן זעהן
קינדר זי גיבארן זיך בין איין בתולה נאך צוואנציג אונטר צוואלף יארן : נייאט נייך קיין
(חידוש) דז איך אוז ארבייטן (הרבה והענוכה בת ישראל) דאז מין גלות לנגי לייטן : מין יאר גיט ר"מ ה"ן
אונ' דאס מאנדרי יאר טוט קומן · אונ' איר האבן פֿון קיינר (גאולה) נאך ניקס פֿר נומן : ווער טרייאן אונ' איר
בעטן זאלט איז אלי יארי · ווער וואלט דז אונזרי תפילות בייא השם יתברך זאלטן קומן פֿאר · וויא וואל איך אוז
טוויגן ווייל · איך אונ' איין פֿאטער האט טאן ניט פֿירן פֿייל : וויא עס כל ישראל ווערט דר גין : אין ואל
אונש אויך גישעהן · ריכטר פסוק טוט זאגן · עס ווערן זיך פֿרייאן אלי וויט ריא מיט ר"מ (הרבה) פֿון
(ירושלים) הייבן טון קלאגן · אונ' רימזוך דאס (גלות) האבן פֿר טריבן גרוש לייד · ריא ווערן איין רער
(גאולה) ווירד האבן גרושי פֿרייד · אמן וכן יהי רצון · (אהובי רבותי) קויפט דיזא תפילה פֿאר איין גרינג
געלט · דיגן איר האבן געשטן קיין פֿ.דרי(מחילה) ווען דער וועלט · וויל עס השם יתברך היווא וואו גיב...

וזה חלקינו מכל עמלינו : ויי אלהי ישראל ירחיב ארת גבולינו : ויתן רינה להם ישמרה כפי אבינו :
להודות עם רב ואתו עולליו וטפינו . וישם לנו שלום עם כל ישראל אחינו : אמן :

פאַקסימילע פון געלהס ליד „תפילה" (1710) פאָרמאַט פאַרגרעסערט פון 2½x5½ אויף 3¼x5¾

כול
א

רויזל פישלס

[1586]

מיט הוילף גוטש ית׳

מיט הוילף גוטש ית׳ הב איך מיר אין זין גינומן.
אונ׳ מיט דר הוילף בון גוט ית׳ האף איך דא דורך צו קומן:

דש געטליך ס׳ תהלים אויף טויטש אין דר צייט לוזין ווייזן.
אין ער ווארטונג דש אידר מן זול גוט ית׳ ליבן אונ׳ פרייזן:

עש זיין ורויא אודר מאן.
וויא דוד המלך ע״ה האָט גיטאן:

נון האָב איך מיך גיפלישן.
דש איך דיא לויט וויל לושן ווישן:

וויא איך צו דעם תהלים קומן מיר אלש אנדרי.
עש האָט זיך גיגעבן דש איך הב מושן וואנדרי:

דא האב איך דש ס׳ תהלים צו קהילה קדושה הנובר גיפונדן.
אין דר זעלבינן שטונדן:

דש הרב משה שטענדיל האָט אויף טויטש גימאכט.
אין דעם ריים אונ׳ ניגון פון שמואל בוך גיבראכט:

אין ער ווארטונג עש זול זיין ליבליך צו לייאנן.
מאנין אונ׳ ורויאן אונ׳ דיא ורומי מיידליך.

רויזל פישלס

דען עש ווירט זיין זער בשיידליך:

דא האב איכש מיט מיינר האנד איבר שריבן.
דש עז איז נישט דרינן גיבליבן:

אונ' האב מיך בידאכט.
אונ' אין דען דרוק גיבראכט:

רוזל בר' פישל טהון מיך דיא לויט נענן.
דש מאכט דש זיא מיין פאטר ז"ל ניט קענין:

הרב ר' יוסף לוי איז זיין נאמן פון דר לוים גישלעכט.
די זיין אלי גאטש ית' קנעכט:

אונ' זיין פאטר מוה"ר יהודה לוי ע"ה דער אלטן.
דער האט פנפציג יאר צו קהלת הקודש לודמיר ישיבה גיהאלטן:

טויבה פאן

[17 יאָרה.?]

איין שין ליד נייא גימאַכט
בלשון תחינה איז וואָרדין אויז גיטראַכט

בניגון אדיר איום ונורא

הער גאָט דוא בישט דער ברמנ זער.
דרום נייג דיינה אָרן צו אונש הער.
דיין צורן זאָלשטו פון אונש אב טאן.
אונ׳ זיך ניט אונזרה פיל זינד אן:
פאטר קיניג

טאג אונ׳ נכט וועלין מיר צו הש״י תפילה טאן.
אז ער אונזר גיבעט זאָל נעמן אן.
אונ׳ אונזרה תפילה דער הערן.
אונ׳ אַל אונזרה בקשה גיוועהרן:
פאטר קיניג

ווען דוא ווייסט וויא מיר אזו עלנט זיין.
אונ׳ שטעקין היצונדרט אין איין צרה אונ׳ אין איין פיין.
זאָלשטו ליבר הער גאָט אונזרה תפילה אן זעהן.
אונ׳ אונז קיין ביז לאזן גישעהן:
פאטר קיניג

ברעננ הילף אויף אונז ביצייטן.
ליבער הער גאָט טוא פר אונז שטרייטן.
לאז אונז פון דער מגיפה אנטרינן.
לאז אונז חן וחסד גיפינן:
פאטר קיניג

העלף אונש אויז אונזרה גרושה ניטן.
אונ׳ טוא קיינם אזו איין טוט מין טוטן.
אונ׳ טוא דען מלאך המות פר ברגין
אז קיינר אזו איין טוט זאל שטרבן:
פאטר קיניג

ברמן הרציגר גאט טוא דיא מגיפה אויף הלטן.
צו דיר ביטן מיר יונג אונ׳ אלטן.
אז מיר זאלין בלד איין בעשרונג שפירן.
מען זאל קיינם מין ארויז פירן:
פאטר קיניג

אזו בלד אז איינר קרנק טוט זיין.
ליגט מן אין לײדר אין הייזל אניין.
פר מורט מוז ער שטרבן.
ליבר הער גאט לאז דירש דער ברמן:
פאטר קינג

וויא וואול חמשה אנשים גענן ארום.
אונ׳ זעהן אום טום
אונ׳ לאזן קיינם נישט אב גין.
חמשה אנשים טונין זעלבר שטין
הש״י ווערט זיא געבן גוטן לון:
פאטר קיניג

פרומה וייבר אך אלי צייט
טונן פיל גוטץ דיא קרנקן לייט.
פיל חברותת אלי צייט.
זענן צו פיל מצות אן בירייט.
נאט זאל זיא בהיטן פר אלי לייד:
פאטר קיניג

עז טוט פיל גוטץ גישעהן.
דאש זאל הש"י אן זעהן.
אונ' די דוא טונן פיל צדקה געבן.
זאל הש"י דער לענגין זיער לעבן:

פאטר קיניג

צדקה תציל ממות טוט דאך שטין.
עשירים חשובים טונן זעלבר ארום גין.
אונ טונן גוטץ וואש דוא טוט מיגלך זיין.
ליבר הער גאט לאז אונז ניט לענגר אין דער פיין:

פאטר קיניג

ליבר גאט דו בישט אל ארך אפים.
טוא מיט אונז גינאד כיפל כפלים.
אויף דיין כיסה רחמים זאלשטו דיך זעצן.
אונ' זאלשט אונזרה צרה בלד דער געצין:

פאטר קיניג

תפילה טונן מיר יונג אונ' אלט.
די צרה זאלשטו פון אונז אב טון בלד.
אונ' ווייטר זאל איין אויף הערונג זיין.
אונ' די צרה אב טון פון גרוש אונ' קליין:

פאטר קיניג

ליבר גוט צו דיר טונן מיר שטעץ רופין.
אונ' אויף הילף טונן מיר שטעץ האפן.
אויף דיינר גנאד טונן מיר שטעץ בויאן.
אונ' צו דיינר הילף טונן מיר טרויאן:

פאטר קיניג

יומר אונ׳ גרושה קלאגן.
ווען מען איינם ארויז טוט טראגן.
אונ׳ דאז איז ליידר די גרעשטי פיין.
אז ער ניט אויף דען בית חיים זאל ביגרבן זיין.
ליבר הער נאט העלף אונז אויז אלי פיין:

פאטר קיניג

בעטן ווען מיר טאג אונ׳ נכט.
אויף דיין ארמה שעפלך זאלשטו האבן גרושי אכט.
דו ביש׳ אונזר הרט מיר זיינן דייני שאף.
ליב׳ הר גוט טו פון אונז אב די שטראף:

פאטר קיניג

אין סדום האשטו ווען צעהן צדיקים אן זעהן.
אונ׳ האשט ווען לאזן קיין ביז גישעהן.
אונ׳ היא זענן ב״ה צדיקים חסידים פיל פרומה.
זאלשטו ליבר הער גאט קיין צרה מין לאזן קומן:

פאטר קיניג

ליבר הער גאט זיך אן די תפילת אלי צייט.
אונ׳ דר ברמן דיך איבר אונז אלי היינט.
זיך אן די צדקה אונ׳ גמילות חסד וואש דוא ווערט גיטאן.
בזכות זה זאלשטו נעמן אונזר תפילה אן:

פאטר קיניג

ווען מיר האבן טון זינד גיטאן.
דוא ארויף ווען מיר תשובה טון.
נימר טון איז איין גוטה בוש.
הר גאט מיר פאלין דיר צו פוש:

פאטר קיניג

ווען גלייך איין טייל ניט אזו פרום זיין.
ליבר הער גאט מן האט דוך דאש קטורת ניט קענן מקריב זיין.
מען האט מוזן דער צו האבן טייבלש קום.
ליבר הער גוט העלף אונז אויז דיזר נוט:

פאטר קיניג

בייא דוד המלך האט זיך גיטראפן.
אז דער מלאך המות איז אין דר גש גילאפין.
אונ' דוא האשט דיך איבר זיא טון דער ברמן.
זאל אך היצונדרט קיינער מער שטערבין:

פאטר קיניג

תשובה טונן מיר יונג אונ' אלטן.
נאר טוא דיא מגיפה אויף הלטן.
ווען מיר ח"ו גנץ זינדג ווערן.
זאלשטו אונז מתנת חינם געבין:

פאטר קיניג

ליבר הער גוט טוא אן זעהן.
דיא תורה מעשים טובים וואש טוט גישעהן.
אז מיר זאלן גיפינן חן וחסד אין קיסר אויגין.
אלי דיא ביז אויף אונז רידן זאל ערש ניט גלויבן:

פאטר קיניג

דאש הרץ פון דען קיסר איז אין דיינר גיוולט.
ליבר הער גאט דוא זאלשט אים העלפין בלד.
אונ' זאלשט אים געבן אין דען הרצן זיין.
אז ער זאל ברמן הערצקייט האבן איבר דיא ארמה גימיין:

פאטר קיניג

דער לעבדג גאט זאל אונזרן ליבן קייזר לאזן הונדרט יאר לעבן.
מיט דר קייזרן אונ׳ מיט דען יונגן פרינצן אונ׳ מיט אלש וואש צו אים טוט קערן.
אונ׳ אל דיא דוא רידן גוטץ אויף דיא ארמה גימיין.
זאל קיין קרענק קומן אין זיאר הויז אריין:
פאטר קיניג

מיר האבן קיין בית המקדש נאך כהן מין.
דער אלי מאל טוט פר אונש שטין.
אונ׳ טוט פר אונז ביטן טאן.
ליבר הער גוט נעם אונזר תפילה אן:
פאטר קיניג

ווען מיר זיך אויף הש״י פר לאזן טאן.
דא האט ער אונש אין קיינר נוט ניט גילאן.
ווערט ער גידענקן אן זיינה פר שפרייטה שאף.
אונ׳ ווערט בלד פון אונז אב טאן דיא שטראף:
פאטר קיניג

ליבר הער גוט וויא זענן מיר אין איין נוט.
אל זיין טאג איז ניט אזו ארג גיוועזן דער טוט.
ליבר גוט לאז קיינר פר זיין צייט שטרבן.
דו זאלשט דיך איבר דיין ארמה קינדר דער ברמן:
פאטר קיניג

ליבר הער גוט גידענק אן אברהם יצחק יעקב דיא אלטן.
אונ׳ טוא דיינה שבועה הלטן.
ווען ישראל ווערט אין גרושה נוט זיין.
וועלשטו זיא העלפין אויז אל איר פיין:
פאטר קיניג

דוא האשט אברהם צו גיזאגט.
דוא יצחק אויף דען מזבח גיבונדן לאג.
אז דוא דיא הנט איבר אונש ווילשט הלטן.
פון וועגין יעקב דען אלטן:

פאטר קיניג

אודר איז דאך אן גרייט.
פון ערשטן איז גיוועזן איין גרושה צרה
דער נאך איז דרויז גיווארן איין גרושה פרייד.
זאלשטו היצונדרט אין דער צייט אך גידענקן.
אונ׳ לאזן אויף הערן אלי קרענקן:

פאטר קיניג

אין דען אדר האבן מיר אך גרושה לייד.
עש זאל בלד דרויז וערן איין גרושה פרייד.
קליין פורים זאל גרושה שמחה דרויז ווערן.
אונ׳ לאז ליבר הער גוט אלי קרענקן אויף הערן:

פאטר קיניג

מיר ביטן דיך דער ברמיגר פאטר.
מך אונז דיא צרה פוטר.
וויא מיר אזו שווער בילאדן זיין.
ליבר הער גוט העלף אונז אויז דיזר פיין:

פאטר קיניג

ווייל הייאר איז עיבר.
איז ליידר גישטאָרבן אונזר שליח ציבור.
זינד אונזר ליבר רבי איז גישטארבן.
זענן מיר ח"ו שיר פר דארבן.
פיל גוטץ זאלין מיר דער ווערבן:

פאטר קיניג

וויא אונזר ליבר רבי איז גיוועזין אויף דער וועלט.
איז ער גיוועזן פר אונז גישטעלט.
אי דיא צרה איז גיקומן.
האט אין הש"י פון אונז וועק גינומן.
פיל גיזונט זאל אויף אונז קומן:
פאטר קיניג

ווען הש"י וויל ישראל שטראפין טאן.
לאשט ער פאר דען צדיק אין גן ערן גאן.
דז ער זאל ניט בייא דער צרה זיין.
הש"י זאל פון אונז אב טאן דיא פיין:
פאטר קיניג

וויא וואול ער האט זיינה יאר טאן אין פריידן אויז לעבן.
אונ' האט זיין טאג פיל צדקה געבן.
אונ' פיל גוטץ גיטאן.
זיין זכות זאל אונז אל צייט בייא שטאן:
פאטר קיניג

וואז ער האט גיטאן זאלין מיר אך זוכה זיין.
אויף יענר וועלט זאל ער פר כל ישראל ממליץ זיין.
אונ' בעטן טאן.
זיין זכות זאל אונש אל צייט בייא שטאן:
פאטר קיניג

שרייא אן דען מלאך מיט גיוואלט.
אז ער פון אונז דיא מגפה אויף הלט.
אונ' ביפרט די קינדר די אין בלאטרן שטרבן.
דוא זאלשט דיך ליבר הער גוט איבר אונש דער ברמן:
פאטר קיניג

תכשיטים פון צווייא דרייא יארן.
אך דיא דא קענן לייאן אונ׳ אורן.
אל שדי צבאות.
טוא אב פון אונז אלי רעות:

פאטר קיניג

אלי טארן זענן צו אן דיא טארן פון טרערן.
ליבר הער גוט טוא אונזרי גיבעט דער הערן.
נעם אונזרה טרערן אין דיין לאגל אניין.
אונ׳ טוא דיין פאלק ישראל מציל זיין:

פאטר קיניג

מיט דיא טרערן מעק אב אונזרה זינד.
דוא בישט אונזר פאטר אונ׳ מיר דיינה קינד.
מיר טונן גלובט זויישטו אל דיין זיין.
ליבר פאטר פר לאז ניט דיא קינדר דיין:

פאטר קיניג

אויף דיר אונ׳ אויף דיינר גרושה גינאד טואן מיר זעהן.
אלז וואש אונז טוט גישעהן.
צו קיינן מער טונן מיר זיך קערין.
ליבר הער גוט טוא אונז בלד דער הערן:

פאטר קיניג

ליבר גוט דוא זיצט אין זיבטן גירכט.
אויף דיינה ארמה שאף זאלשטו האבן גרושה אכט.
פון מידת דין זאלשטו אויף שטין
אונ׳ זאלשט דיך אויף דען מידת רחמים זעצן.
אונ׳ זאלש אונז אונזר אוישן ליגן בלד דער געצן:

פאטר קיניג

ליבר הער גוט פר דיר קאן קיין מענש אנטרינן.
דוא קאנשט איינם וואול גיפינן.
איז ער איין רשע קאן ער תשובה טאן.
הש"י זאל זעהן אונזרה תפילה אן:
פאטר קיניג

דוא בגערשט דאך ניט דען רשע טוט.
וועןָ ער תשובה טוט האט ער קיין נוט.
מיט דען צדיק טושטו מדקדק זיין.
ליבר הער גוט העלף אונז אויז אלי פיין:
פאטר קיניג

דרום ביטן מיר צו דיר מיט גנצן הרצן.
דער ליז אונז אויז דיזר שמערצין.
אונ' טוא אב פון אונז דיא מגיפה.
אונ' בהיט אונז ווייטר פר אלי טריפה:
פאטר קיניג

אלי מלאכים אין הימל זאלין פר אונז תפילה טאן.
אונ' הש"י זאל נעמן דיא תפילה אן.
זאל אונז אונזר גיבעט גיווערן.
אונ' אלי קרענקן לאזן אויף הערן:
פאטר קיניג

מיט מיין געטליך ליד וויל איך אויף הערן.
אלי אונזר גיבעט זאל אונז הש"י גיווערין.
אונ' זאל אונז בהיטן פר אלין פיין.
אונ' זאל אונז בלד פירן אין הייליגן לנד אניין:
פאטר קיניג

טויבה פאן

ווען עטץ וועלט ווישן וועה דאש ליד האט גימאכט.
טויבה אשת כמהורר יאקב פאן האט עז דער טראכט.
בת כמהר"ר ליב פיצקר ז"ל.
הש"י זאל אונש ביהיטן אל:

פאטר קיניג

געלה

[1710]

תפילה

דיזי שיני נייאי תפילה פום אן פאנג ביז צום ענד:
האב איך גיזעצט אלי אותיות מיט מייני אייגני הענד:

געלה בת הר"ר משה המדפיס
ואמי מרת פריידה בת הר"ר ישראל כ"ץ ז"ל

די הוט מיך צווישן צעהן קינדר שי' גיבארן
איך בין איין בתולה נאך עטוואש אונטר צוועלף יארן:

נעמט אייך קיין (חידוש) דז איך מוז ארבייטן.
(הרכה והענוכה בת ישראל) זיצט אין גלות לנגי צייטן:

איין יאר גיט דא הין אונ' דאש אנדרי יאר טוט קומן.
אונ' מיר האבן פון קיינר (גאולה) נאך ניקש פר נומן:

מיר שרייאן אונ' מיר בעטן צו גאט אלי יאר.
ווער וואלט דז אונזרי תפילות בייא השם יתברך זעלטן קומן פאר:

וויא וואול איך מוז שווייגן שטיל.
איך אונ' מיין פאטרש הויז טארן ניט רידן פיל:

וויא עש כל ישראל ווערט דר גין.
אזו זאל אונש אויך גישעהן.

דען דער פסוק טוט זאגן.
עש ווערן זיך פרייאן אלי לייט דיא אויף דאש (חורבן)
פון (ירושלים) האבן טון קלאגן.

אונ׳ דיא אויף דאש (גלות) האבן פר טריבן גרוש לייד.
דיא ווערן מיט דער (גאולה) ווידר האבן גרושי פרייד.

אמן וכן יהי רצון.

(אהובי רבותי) קויפט דיא תפילה פאר איין גרינג געלט.
רען מיר האבן זונשטן קיין אנדרי (מחיה) אין דער וועלט.
ווייל עש השם יתברך אזוא וואול גיפעלט.

חנה כ״ץ

[17־18 יאָרה.]

תפלה לשבת

ליבר גאט איך וויל דיין לוב דער צילן.
דער בשעפר פון אלי זילין.

דער פיר דאנקין מיר דיר.
דז דוא האשט אונש צו איין ליבן פאלק טון דער ווילין.

דרום ברימין מיר זיך מיט דיר דז דוא בישט אונזר גאט.
דער הימל אונ׳ ערד בישאפן האט.

גוטי שפייז צו עשין אונ׳ זיסי טראנק צו טרינקן.
אונ׳ אלי תענוגים אן צו טאן.

דער דעם ליבן (שבת קדש) טוט אין ערין האלטן.
דער ווערט (זוכה) זיין מיט מאן אונ׳ קינדר
אין (עושר) אונ׳ (כבוד) צו ווערן אלטן.

היטן טוא איך דעם ליבן (שבת קדש) מיט אלי פליים.
מיט גוטי עשין אונ׳ זיסי שפייז.

וואש מיר האבן געסטרן אן גיגרייט.
ליבר גאט לאז אונש ביקומן הייט.

דען דער ליבר (שבת קדש) איז קעגן דען (גן עדן) גשטעלט.
דארום זאלין מיר (זוכה) זיין צו האבן דיא אונ׳ יענה װעלט.

אונ׳ דער ליבר (משיח) זאל אונש פירן בייא דער רעכטי האנט.
אונ׳ זאל אונש ברענגן אין דאש הייליגי לאנד.

(אמן כן יהי׳ רצון).

איין היפשה דרשה

פר מאנן אונ׳ ווייבר יונגן אונ׳ אלטן. וואו דורך איין איטלכר ווערט (מזל וברכה) פון הש"י ער האלטן. אזו וואול ארים אז רייך. גרוש אונ׳ קליין אלי צו גלייך. דער אן דיזי זאכן ווערט (נזהר) זיין. דעם ווערט גאט יתברך בהיטן פר יסורים אונ׳ פיין. דער דארין ווערט לייאן. דעם ווערט זיין הערץ ער פרייאן. איז אויש דעם גלייך וויא עש אונזרי חכמים האבן גשריבן. אונ׳ דאריבר
טאג אונ׳ נכט גיטראכט. אונ׳ האב עש אין דיא
דרוק גיבראכט. דא מיט (מזכה הרבים)
צו זיין. (ובזכות זה) ווערן מיר
(זוכה) זיין צו קומן אין
היילגן לנד אריין
אמן:

ע"י האלמנה חנה בת מוהר"ר יהודא ליב כ"ץ
אלמנת מוהר"ר יצחק אשכנז ז"ל:

פה ק"ק אמשטרדם איע"ם

חנה כ"ץ

(דאש איז איין דרשה פר דיא ווייבר)

א

הערט צו איר ליבן מאנין אונ' ווייבר.

איך טוא אייך אלי (מחילה) בעטין.
דש איך האב אין זוא איין דרשה אניין גטרעטן.

אוב איר וועלט זאגן וויא קומט דיא פרויא הער אונש צו שטראפין.
אבר זייט ווישן מיין ליבה לייט איך האב איבר דיא דרשה
ניט קענן רואין אודר שלאפין.

איך טוא מיך זעלברט דער מיט מיינן.
דש הש"י זאל פון אונזרט וועגן דען (יצר הרע) פר שטיינן.

דש ווערט מיר (גאט יתברך עדות) זאגן.
דז איך האב אויש גקליבן אויז (גמרות ומדרשים)
מיט זיפצן אונ' קלאגן.

איר וואלט זוא זאגן זיא וויל האבן מיר זאלן קיין ביז טון.
אונ' זיא איז זעלברט ניט (נזהר) דראן.

הערט (רבותי) איך בין ניט קומן אייך צו שטראפן.
איך בין גלייך איין שיכור דער דא טוט אויף וואכין פון זיין שלאפין.

וואש בין איך וואש איז מיין לעבין.
דש איך מיך האב אין זוא איין (דרשה) דר געבן.

איך האב אין מיין זין גינומן.
דש איך זאל דר דורך פון מיין זינד קומן.

אונ' וואש איך האב קעגין זיין הייליגן נאמן גזינדגט זאל
איין פר גיבונג זיין.
אונ' זאל אפּ טון דען (יצר הרע) פון אונזר הערצין וויא איין שטיין.

נון ווארום זאלן מיר אונזר (נשמה) פר דארבן.
דר מענש איז גלייך איין צו בראכנר שארבן.

דרום לאז אונש אין דער זאכן ניט זיין טרעג אונ' פויל.
אונ' לאשט אונז גוטש גיווינן אויף אונזר צונג אונט מויל.

דען אויף איין (בהמה טמאה) טאר מן קיין ביז רידן.
וויא אונש דז (ספר המוסר) טוט בשיידן.

צווייא (חסידים) זיינן נאר גאנגן אונטר וועגן.
דא איז איין טוטר איזל גילעגן.

זאגט איין (חסיד) קעגן דען אנדרן וויא טוט דיא נבילה שטינקן.
ענטפרט דר אנדר ווארום זאלשטו ביז רידן אויף דיא נבילה
זיכשט אבר ניט וויא זיא האט אין איר מויל וויישי צעהן שטעקן.

דרום זאל מן קיין ביז רידן אויף ניקש אין דער גאנצי וועלט.
זאל ליברשט אויש געבן אל זיין גוט אונ' געלט.

געלט אונ' גוט קן מן ווידר דער לאנגן.
אבר דש ביז דש מן לאשט אויש זיין מויל קן מן ניט ווידר פאנגן.

(מכל שכן) דז מן טאר קיין ביז רידן אויף קיין מענשן.
דא ווערט אונש גאט יתברך בענשן.

איין (נחש נחושת) וויל איך איר נאמן געבן.
דער זיך ווערט דראן קערן דער ווערט זיך קויפן לנג לעבן.

וויא עש איז דיא לייט אין דער מדבר דר גאנגן.
הש"י האט אויף זיא גשיקט ברענדיגי שלאנגן.

חנה כ"ץ

ווייל זיא זיך האבן דיא (מדה) פון (לשון הרע) אן גינומן.
זיין בעו"ה פיל פון ישראל אום קומן.

אלזו בלד האבן זיא איר זינד טון ביקענן.
דז זיא האבן דען מן פון הימל ניט ווען אן נעמן.

אזו האט גאט גירעט צו משה רבינו פר אלי זאכן.
דז משה זאל איין קופרני שלאנג מאכן.

דער זיך ווערט אן דר שלאנג רייבין.
זאל זעהן אויף דיא קופרני שלאנג ווערט ער לעבן בלייבן.

דרום אויך איר ליבה מאנן אונ' ווייבר. טוט מיין ליד פר נעמן עבן.
זוא ווערט איר זוכה זיין אין גרושה פרייד צו לעבן.

דש ביט אונ' בגערט דיא אויש אש אונ' ערד איז ווארדן גינומן.
דז מיר זאלן באלד זוכה זיין דיא גאולה צו ביקומן.

אונ' פון אונזרה גרושה צרות ווען מיר גינוגן זאגן.
אונ' גאט יתברך ווערט רעכנין דש דיינה בלוט דאש אלי טאג
ווערט דער שלאגן.
דרויף ווען מיר זאגן אמן.
מיט דר דרשה ווערט ווערן דר היבט זיין היילינגן נאמן
אמן.

ב

איינש האב איך גיאכט.
אונ' האב דיא זעלביגי דרשה אויש גיטראכט.

דז מן זאל קיין לשון הרע טרייבן.
וויא איך וויל אייך ווייטר שרייבן.

וועך וועךט לייאנן דרינן.
דר וועךט פון דר גרושי זינד אנטרינן.
אונ' וועךט (חן וחסד) אין גאטש אויגן גפינדן.

בלד וועךט איר דר פון שיידן.
אונ' וועךט דש לשון הרע פר מיידן.

דש שרייב איך מיט מיין אייגנה הענד.
דען הש"י העלפט דען מענשן דער אין דר קענט.

דרום הערט איטליכר מענש גיווארנט זיין.
דז ער ניט זאל מאכן זיין נשמה אום ריין.
דען מן וועךט איר אן טאן גרושה פיין.

רעכנן זאל דער מענש ניט פר קליין.
וויא מן וועךט מיט דיא נשמה אום גין.

אין ליפטן וועךט מן זיא טראגן.
פר וואר טוא איך אייך זאגן.

אן דר צונג וועךט מן זיא הענגן.
וויא איך וויל פון דער שלאנג איין בייא שפיל ברענגן.

הערט צו מיינה זאג עבן.
אוב איינר וועךט קומן פרעגן.

וויא קומט דיא פרויא זוא איין דרשה צו מאכן.
דיא לייט וועךן אויך ניט דרוויש לאכן.

דען איך האב אויז גמרות אונ' מדרשים ארויז גיקליבן.
וויא עש אין אונזר ספרים שטיט גשריבן.

ווינ עש דיא לייט איז ער גאנן.
דיא לשון הרע האבן גטריבן.

מיינה זאג זאלט איר פר נעמן.
אונ' דיא בייא שפיל דיא איך אייך טוא נענין.

דאש ביט איך שפלה שרייברן.
דער דא לשון הרע טוט רידן צווישן מאנן אונ' ווייברן.

וויא איך וויל ווייטר שרייבן.
דרום זאלט איר דאש לאזן בלייבן.
אונ' זאלט דען יצר הרע פון אייך וועק טרייבן.

בפרט אויף חתנות ברית מילות אונ' אין דער שול זיין דיא זינד נאך אזו גרעסר.
דען (לשון הרע) שנייט ערגר אז איין מעסר.

דען איין מעסר פון נאהנטן טוט עש שניידן.
פון ווייטן טוט עש פר מיידן.

אבר לשון הרע טרעפט פון ווייטן.
עש ברענגט אום דרייא לייטן.

נעמט אייך אין אייער זין אריין.
אונ' ווערט אין די זאכן גיווארנט זיין.

אין דיא בייא שפיל דיא איר וואול טוט סענן.
רז מן דאש ווארט אין דיא גמרא טוט נענן.

דען עש ברענגט דרייא לייטן אום איר לעבן.
דרום פאלגט מיר צו מיינה ריד עבן.
צו דיא בייא שפיל דיא איך אייך טוא געבן.

הערט דען איינר לשון הרע צו.
דר מאכט אך זיין נשמה איין און רוא.

וואלט איר ניט צו הערן.
ווערט יענר קיין לשון הרע ביגערן.

דרום זאג איך אייך פאר וואר.
דז דיא אורין פון מענשן זיינן הארט גאר.
אונ' דאש לעפיל איז ווייך. דז ער זאל שטומן אין אור.

רעט ניט לשון הרע מיט אייער צונגן.
זעהט וואש דא דר פון קאן שפרינגן.

אפילו אויף איין ווארט וואש דער מענש טוט רידן.
דער ווערט אויך פון זיין לעבן גישיידן.

וויא איך וויל וייטר זאגן.
וויא פיל אין דיא שטאט נוב זיין כהנים דער דורך ווארן דר שלאגן.

דא (דואג אדומי) האט אויף דיא כהנים רכילות טרייבן.
וויל איך וויטר שרייבן.

וויא זיא שאול המלך האבן דר הלטן בייא זיין לעבן.
זוא איז (דואג) דורך זיין רכילות אום קומן.
אונ' שאול האט ניט קענן בעו"ה אן טרינן.

מעכט דער מענש נאך לשון הרע נאך גין.
וויא גאר שלעכט וואלט עש אום אין שטין.

בייא זיין צונג ווערט מען אים אויף הענגן.
וויא איך וויל פון דיא שלאנג איין בייא שפיל ברענגן.

וויא דיא שלאנג האט אויף הש"י לשון הרע טון געבן.
אונ' אדם וחוה האבן עש פר נומן עבן.
אנדרשט העטן זיא איביג גבליבן לעבן.

שינה פראג האט מן דיא שלאנג טון פרעגן.
ווארום זיא איר צונג טוט שלעפן אויף דער ערדן.

דען בשייד האט זיא געבן.
ווייל זיא הוט גרעט וואש זיא איז גוועזן עבן.

זוא איז עש איר דר גאנגן.
דז מן האט איר צונג אויף גיהאנגן.
זוא וועדט מן טון דיא לייט דיא נאך לשון הרע טון פר לאנגן.

ליבה מאנן אונ' ווייבר היינט לאז איך אייך ווישן.
דז דיא שלאנג האט גירעט וויא איין מענש אונ' איז גאנגן

צו חוה איז זיא קומן צו גין.
חוה ווארום טושטו אזו שטין.

אונ' טושט ניט פון דען בוים עסין.
דוא ווערשט דאך פיל גניסן.
גלייך אז גאט יתברך ווערשטו אלז ווישן.

זעהי עבן ווארום האט דיר פאר באטן גאט.
איך האב אויך געשן פון דען בוים ער הש"י דיא וועלט בישאפן האט.

דרום האט ער דיך ניט נהייסן גין.
דז דוא אויך ניט זולשט אזו טאן.

דוא ווערשט בישאפן איין נייאי וועלט.
אונ' דז גראז אויף דען פעלד.
דרום וויל ער דיך ניט לאזן אין זיין גיצעלט.

צימליך האט גאט יתברך איר לון געבן.
ווייל זיא האט גירעט וואש איר איז גיוועזן עבן.

גרושי שמערצן האט דיא שלאנג טון ליידן.
דז מן איר פים האט טון אב שניידן.

דרום טוט זיא זיך היינט אויף אירן בויך רייבן.
ווייל זיא האט אויף הקב"ה טון לשון הרע טרייבן.
וויא איך האב אייך אובן טון שרייבן.

גוא ליבן מאנין אונ' ליבה ווייבר נעמט דען בייא שפיל.
דז מן זאל נים אין דיא שול רידן פיל.

זוא ווערט עש דיא לייט ערגין.
דיא נאך לשון הרע טון שטין.

נון ווארום זאל דער מענש דען ניט (גמילות חסדים) אונ' צדקה טון
ווייל ער איז גיזונד
מושט ווישן ווען ער טוט ניט גלייך וויא איך גשריבן האב כלומר
דער קיין צדקה גיבט.

זוא קומט זיין נשמה אין איין שווארצין הונט.
אונ' זיין לייב ווערט קומן אין אב גרונד.

מעכטיג פיל זאכן הוט מן גיפרעגט דיא שלאנג.
ווען זיא ביישט איין גליד זיין אלי דיא גלידר וויא אונ' בנג.

זיא האט געבן דען בשייד.
וואש פרעגט איר מיך פראגט די לייט.
דיא דא טרייבן לשון הרע אויף אלי זייט.

קאנט איר אנדרשט ניט פר שטין.
וויא מן (לעתיד לבא) ווערט מיט דען זעלבינן לייטן אום גין.

ג

איך וויל נאך איין מאל מיין פען רייבן.
אונ' וויל לאזן ווישן וואש אונזרי (חכמים) טון שרייבן.

גאט יתברך האט טון שיקן אויף דיא לייט אין דער (מדבר)
ברענדיגי שלאנגן.
דז זיא האבן דען ביטרן טוט אנטפאנגן.

צו (משה רבינו) זענן זיא קומן צו גאן.
משה וואש האשטו אונש גיטאן.

דז דוא אונש האשט אויש מצרים ארויש גינומן.
דז מיר זאלן דא אום אונזר לעבן קומן.
דען זיא האבן דען מן ניט פר גוט וועלן אן נעמן.

דש גאט יתברך האט טון פון הימל ברעגגן.
אונ' האבן ניט וועלן איר פר זיכרונג אן גאט הענגן.

צארן הוט גאט יתברך אויף דיא לייט גילאזן.
אונ' גשיקט ברענדיגי שלאנגן אויף אלי שטראסן.

זוא זיין בעו"ה פיל פון ישראל אום קומן.
ווייל זיא האבן דיא (מדה) פון לשון הרע אן גינומן.

ווייל פיל (טעמים) טון אונזרי (חכמים) זאגן.
מיט וואש מן דיא לייט אין דער מדבר האט טון פלאגן.

דש טוט הקב"ה (מדה כנגד מדה) ביצאלן אונ' ווידר מעסן.
דען זיא האבן גיהאט דען מן פון הימל דער האט גיהאט
אלירלייא (טעמים) זיא געסן.

אונ׳ ניט ווענ׳ן פר גוט נעמן.
אונ׳ האבן דען מן טון פר שעמן.

דר מענש וואלט זאגן ווארום זאל איך קיין לשון הרע טרייבן.
קיינר וועט עס דאך ווישן זוא וועט עס דאך פר שוויגן בלייבן.

דיא ריד זאל ער לאזן שטין.
דען עס וועט אים איבל אויש גין.

דען איין מלאך טוט זיך אן זיינה ריד רייבן.
אונ׳ טוט אלש אן שרייבן.
אונ׳ טוט פר הקב"ה אלי טרייבן.

טוט אייך אן מיינה ריד קערן.
וויא איך אייך נאך ווייטר וויל לאזן הערן.

מיט וואש דז הקב"ה לאשט דיא לייט נאך שטראפן.
דז זיא ניט קענן רואין נאך שלאפן.

פון (מרים הנביאה) וויל איך ברענגן איין בייא שפיל.
וויא הקב"ה האט זיא גשלאגן אן מאס אונ׳ ציל.
ווען זיא שון האט ניט גירעט גאר פיל.

זיא הוט גרעט נאר עטליכה ווערטר.
האט דען גאט מיט משה אליין גירעט אויף עטליכה ערטר.

ער האט זיך דאך צו איר טאן קערן.
אונ׳ האט אלי איר ריד טאן ביווערן.
אבר הקב"ה האט איר לשון הרע ניט ווענ׳ן צו הערן.

דרום זאל קיינר לשון הרע אנטפאנגן.
זעכט צו וויא עס (מרים) איז דער גאנגן.

וויא גאט האט דיא (מצרים) אין (ים) דר טרענקט.
זוא האט זיך (מרים) איין פויק אן גיהענקט.
אונ׳ (שירה) גיזונגן זוא האט הקב"ה איר (גדולה) דער לענגט.

בייא דען (ים) איז זיא נביאה גירופן גיווארן.
אבר נאך אירן לשון הרע האט זיא אלש פר לארן.

אויף זיבן טאג האט גאט זיא לאזן איין שליסן.
דז זיא זאל ניט ארויש גין מיט אירן פיסן.

ווייל זיא האט טאן לשון הרע טרייבן.
זוא האט זיא זיך אויף דען אורט ניט קענן קראצן נאך רייבן.

שונט הקב"ה דראן.
דען פון לשון הרע וועגן האט הקב"ה זיין שכינה ווידר אין הימל גטאן.

דרום זאל מן צו הקב"ה אובנט אונ׳ מארגנש לוב געבן.
ווייל ער שענקט דען מענשין אלי טאג זיין לעבן.

דען דר מענש איז גלייך אז איין צו בראכנר שארבן.
היינט לעבט ער מורגן מוז ער שטערבן.
דרום איז בעשר (תשובה) אונ׳ (צדקה) צו ער ווערבן.

נעמט זיך דער מענש גוטש אין זין אריין.
העלפט אין הקב"ה גאר היפש אונ׳ גאר פיין.

אונ׳ וועז ער טוט פון ביזן אב קערן.
וויא בלד טוט הקב"ה אין דר הערן.

נון ווארום זאל דער מענש זיך טון ארטרענקן.
אונ׳ קעריט זיך אויף זיין זינד בידענקן.
דז גאט זאל אים אויף זיינה זינד איין פר געבונג שענקן.

תשובה הערט דער מענש צו טאן.
אז וויא דיא לייט זיין קומן אין דער (מדבר) צו משה צו גאן.

אונ' האבן אירי זינד טון ביקענן.
וויא זיא האבן דען מן ניט וועלן פר גוט אן נעמן.

אזו האט הקב"ה איר תפלה דר הערט.
אונ' הוט דיא ברענדיגי שלאנגן פון זיא אב גיקערט.

תשובה האט אך משה גיטאן פר גאט דען הערן.
דא ישראל האבן טון פון גאט אב קערן.

אונ' האבן דש (עגל) אן גינומן.
דז זעלביגי מאל האבן ישראל (חלילה) זאלן אום קומן.

זוא בלד האט משה זיין הענד צו דען הימל פר שפרייט.
אונ' האט צו גאט יתברך גיבעטן מיט אנגשט אונ' לייד.
וואש ווערן דא צו רידן אונזרי פיינד.

כל ישראל האט גאט איר זינד פר געבן.
דז זיא זיין גבליבן בייא איר לעבן.

דז האט משה מיט זיין תפלה טאן דער ווארבן.
דז ישראל אויף דען זעלבן מאל ניט האבן טון שטרבן.

דרום האלט איר (תשובה תפילה צדקה) ניט ער קליין.
דען גאט פר גיבט אלי גמיין.
דיא דא טון בעטן מיט פולין הערצן צו גאט אליין.

זייט איר צו מיינה ריד שויאן.
נאט ווערט אונש צו זאגן דש בית המקדש ווידר צו בויאן.

אבר דאש זעלביגי מאל הבן זיא (לשון הרע) גטריבן.
דרום איז עש בעו"ה ווישט גבליבן.

אבר דאש האט אונש גאט יתברך טון זאגן.
ווען מיר ווערן צו אים ווידר קערן זוא וויל ער אונש
אונזר זינד ער טראגן.
דרום לאשט אונש דען (יצר הרע) אויף איין זייט יאגן.

ליבה לייט לאזן מיר אונזר הרץ צו גוטן פר קערן.
צו אונזר ליבן גאט אונזרן ליבן הערן.

אונ' לאזן חרטה האבן אויף אל אונזר זינד.
דאש גאט יתברך זאל אונש פר געבן (ראש השנה)
אונזר זינד גשווינד.

גאט טוט פון דען מענשן דיא נשמה שיידן.
דז עש זאל ניט קומן צו דעם (מלאך המות) צום פריידן.
אונ' ווערן אונזרי נשמה לאזן שמארצין ליידן.

פון דען האט איר נאך ניט גיהערט זאגן.
מיט וואש דז מן דיא לייט טוט פלאגן.

דאש אונש דז (ספר המוסר) טוט שרייבן.
וויא עש דער גיט דיא לייט דיא (רכילות) טון טרייבן.
אויז איטלכן ווארט וואש דער מענש טוט רידן.

דא ווערט בישאפן איין ווארום ער קריכט אין זיין נאבל
דורך זיין גידערם.
ער גיבט אין מין צו שיקן אלירלי ווערים.

סערן אונ' ווענדן קאן ער זיך ניט אויף דען זעלבינן אורט.
דר וייל ער האט ניט גיהאלטן גאטש ווארט.

מיר האפן אין די דרשה איין הילף צו גפינדן.
דז מיר וועלן פון אונזרי זינד אנטרינן.

דרום איז בעשר דז מיר זאלן (תשובה) אונ' צדקה טאן.
אז זיא ניט זאלן קומן (חלילה) דיא (מלאכי חבלות)
אין דיא הנט צו גאן.
אונ' זיא ווערן שלאגן די מענשן מיט פייארגי רוטן
דז זיא ווערן ניט קענן אויף שטאן.

שינה זאכן וואלט איך גערן שרייבן.
נייארט איך האב ניט צייט גיהאט מיט דיא דרשה
מיין צייט צו פר טרייבן.

דרום וויל איך געבן די דרשה איין ענד.
אז הקב"ה זאל אונש שיקן זיין ליבן (משיח) בהענד.

קיין מענש האט עש אל זיין טאג ניט גיזעהן.
ריא גרושה פרייד דאש דז זעלביגי מאל ווערט גישעהן.

ווען מיר ווערן זוכה זיין אין הייליגן לאנד צו פארן.
ווערן מיר זעהן פון אייטל גאר פונקל אונ' איידל גישטיין דיא טארן.

אונ' דען גרושן (כבוד) וואש מן ווערט אונזרן
ליבן קיניג (משיח) אן טאן.
איין גילדנה קרון ווערט ער האבן אן.
אונ' אייטל שמעקדיגה בעך פון (גן עדן) ווערט אים גאן:

ד

איר ליבה פרומה ווייברן.
דאש ביט איך זינדיגה שפלה שרייברן.

איך וואלט גערן גין אל דיא הייזר אויש אונ' איין.
אונ' וואלט ניט גערן זעהן דיא ביזה זאכן דיא ניט גוט זיין.

דען דער מענש האט דרייא גלידר ניט צו מאכט.
די אורן דיא הערן. אונ' דיא אויגן דיא זעהן. אונ' דיא נאז דיא שמעקט.

אונ' אייך ווערט גאט דער לענגן אייער יאר.
ווען איר ווערט ניט לאזן זעהן אייערי האר.

דען איין גרושי (סכנה) טוט דרויף שטין.
צווייא הונדרט אונ' צווייא אונ' זיבנציג (שדים) רואן
אויף איין האר וואש ארויש טוט גין.

דרום אויך איר ליבה ווייבר ווען איר ווערט אן דיא זאכן
גיווארנט זיין.
ווערט אייך גאט יתברך שענקן גוטי פרומי קינדר אין די תורה
גאר היפש אונ' גאר פיין.

זויא פר צייטן איז גיוועזן איין פרומה פרויא אונ' אן איר האר
איז גיווארנט גיוועזט.
(קמחית) וואר איר נאמן.
גאט יתברך האט איר גישענקט איין פרומן זאמן.

דש פון איר זיינן גיקומן זיבן זין (כהנים גדולים).
אונ' הבן אין (בית המקדש) דיא (עבודה) גיטאן.

דא האבן דיא (חכמים) נאך איר גשיקט אונ' פרעגין
זיא דוא (סימחית) פון וואנן האשטו (זוכה) גיוועזן
זעלכי זיבן זין צו טראגן.

האט זיא גיענטפרט זיא איז (נזהר) גיוועזן דז פון איר האר
איז קייני גיגאנגן ארויש.
אונ' האבן זיא אפילו ניט גיזעהן דיא באלקן פון איר הויז.

דרום אך איר ליבה ווייבר ווען איר ווערט אן איר גידענקן.
ווערט אייך גאט יתברך אך זעלכי גוטי פרומי קינדר שענקן.

אונ' דיא זינד זיינן איבר אלי זאכן.
דז איין פרויא טאר ניט הוך לאכן.

(ובפרט) דז איין פרעמדר מאן זאל ניט הערן.
ווען ער גלייך טוט ניט אירי ריד ביגערן.

וויא בלד האט ניט דער (שטן) זיין שפיל.
דז ער קאן אים טרעפן צו דער ציל.

אונ' לאזן מיר אין שפיגל אונזר פנים אן זעהן.
וויא אין פולין זיינן בעו"ה גרושי גזירות גישעהן.

וויא מן טוט אונזרי ברידר נעמן.
אונ' טוט זיא אלי טאג איר פלייש רייסן אונ' קעמן.

אונ' אין (מצרים) איז (בזכות) דער פרומי ווייבר
דיא (גאולה) גיוועזן.
דז זיא זיינן פון דען שווערן ביטרן (גלות) ווארן גינעזין.

דז זיא זיינן מיט אירי קריג צום וואשר שעפן גיגאנגין.
האבן זיא אין אירי קריג פיש גיפאנגן.

אונ' האבן זיא גיקאכט דר היים.
אונ' מיט דעם ווארמן וואשר הבן זיא אירי מאנן
טון אב וואשן דש ליים.

דא מיט האבן זיא אירי מאנן טון דער קוויקן.
אין איר (זכות) האט הש"י טון דיא (גאולה) שיקן.

אונ' ווען מיר ווערן אך זעלכי גוטי זאכן נאך גין.
ווערן מיר (זכות) זיין אין דען הייליגן לאנד בייא (משיח) צו שטין.

אונ' לאזן מיר דיא דרשה איטלכר אין אונזר (תפלה) איין בינדן.
דא מיט מיר ניט זאלן זינדן.
אונ' ווערן (חן וחסד) אין גאטש אויגן גפינדן:

פּרק
בּ

ראָזאַ גאָלדשטיין

[1888]

זכרונות של פסח

אין יענעם לאַנד, גאַנץ ווייט,
פערוואָרפען שוין אַ לאַנגע צייט,
וואו דער יוד איז געוועזן פעראַכטעט,
געדריקט און פערשמאַכטעט —
דאָרט אין מצרים — יענעם לאַנד,
וואו קונסט, בילדונג, פערשטאַנד
האָבען דאָס ערסטע נעסט געמאַכט —
דאָרט, גאַנץ פערטראַכט,
געהט אַרום אונזער רעטטער
אונזער געזעטץ־געבער, דער פערטרעטער,
משה — דער גרויסער לעהרער,
דער הויכער רעליגיאָן־ערקלאַרער...
אויף זיין געזיכט — אַ טרויעריגע מינע
אין זיינע אויגען שטעהען טהרערן פיעל;
ער קוקט אויף די שלעכטע קאַרטינע,
וואו דער יוד מוטשעט זיך אָהן אַ ציעל.
מיט ליעבע איז פאָלל זיין הערץ
צו זיינע ברידער, די קנעכט;
ער טרויערט אויף זייער שמערץ
וואָס זיי איז, נעביך, זעהר שלעכט.

ער קוקט אויף פאַלעסטינע...
אַ זיסע, פראַהליכע מינע
בעדעקט זיין געזיכט;

די אויגען בראַנען ווי אַ ליכט —
אין זיי בראַנט אַ שטאַרקעס פייער
גאָר אַ־ן־אונבעקאַנטער, אַ נייער,
זיין נאָמען איז — „פרייהייט“,
„מענשען־ליעבע“ — זיין פאָהן,
זיין אויפשריפט — „טרייהייט“
דעם צווייטען גוטעס טהון.
ער טראַכט:
„דאָרט, ברידער טרייע,
וועט איהר שוין זיין פרייע;
דאָרט וועט איהר בויען דעם מזבח
פאַר אייער גרויסען גאָטט;
איך וועל אייך געבען קראַפט און כח;
איהר וועט מעהר ניט זיין צו׳ם שפּאָטט.
און אַללערליי כיתות
מיט פערשיעדענע שיטות
וועט ניט זיין ביי אייך...
אַללע, אַללע גלייך!...“

. . . .
. . . .

אין אַ ווייטע וויסטע
פון מענשען פּוסטע,
וואו קיין בוים, קיין בלום
איז גאָר ניט צו זעהען —
דאָרט נעבען אַ באַרג, אַרום,
זעה איך אונזערע עלטערן שטעהען.
דער הימעל מיט וואָלקען בעדעקט
דאָננערן, בליטצען, איבעראַלל
די שטאַרקע גאָטטליכע שטיממע ערשרעקט
די אַרומעדיגע יודען בכלל.
דאָס רעדט גאָטט מיט זיין אומה
ער גיט איהר די תורה מיט זיין שטיממע...

ראָזאַ גאָלדשטיין

ער צייגט איהר דעם וואהרן וועג
און בעשטימט פאַר איהר גליקליכע טאג.
שטעה, רייזענדער, שטעה!
ווייטער ניט געה! ...
שטרעקט אויס צו'ם הימעל די האנד!
דאָ, אין דיזען מאָמענט,
הארסט דו וועגען מענשען־בונד
גלייך פון גאָטטעס מונד! ...

צו מיין פאָלק

איך האָב דיך דערקענט! מיט טרערין, מיט שמערץ
האָב איך דיין געשיכטע געלעזען,
פערוואונדערט, ערשטוינט איז געוואָרען מיין הערץ
פון ד ע ם , וואָס מיט דיר איז געוועזען.

אין לאַנגען, אין ברייטען היסטאָרישען וועג,
וואָס איז מיט דיין בלוט דאָרט פערשריבען!
עס האָט אין מיר נייע געפיהלע ערוועקט,
עס האָט מיך געהייסען דיך ליעבען...

אַ צייט איז געוועזען, ד'בין מודה, ווען גאָטטער
גאר פרעמדע האָב איך מיר געקליבען,
פערגעססען דיא הייליגע, טהייערע בלאַטטער,
וואו ס'איז דיין געשיכטע געשריבען!

צונד שטייא איך פאַר דיר... מיט טראָסט און רחמנות! ...
פערצייע דיין עלענדעם קינד!
מיין ליעבע, מיין לעבען נעם צו פאַר קרבנות,
פערצייע מיינע שרעקליכע זינד!

צונד האָב איך צוהאַקט שוין דיא פרעמדע דיא גאטטער
און — הייב אויף צום היממעל די הענד:
נאָר דיך, מיין פאָלק, ווילל איך ליעבען און שאַצען,
נאָר דיך — ווייל איך האָב דיך דערקענט!

נור טרעהרען

נישט אלס אַ גבור, נישט אלס אַ העלד
קאָנן איך, מיין אומה, דיר נוטצען . . .
איך קאָנן נישט פערגיעסען מיין בלוט אויפ'ען פעלד,
און קאָנן דיך מיט גבורה נישט שטיצען;

אויך נישט, אלס לעהרער, דיר צייגען און ווייזען
פון לעבען דען אמת'ען וועג,
איך קאָנן דיין קאַמפּאַס נישט זיין אויף דיא רייזען . . .
דיין ליכט אין די פינסטערע טאג;

אויך נישט אלס דאָקטאָר, וואָס קאָנן דיר פערשרייבען
רפואות, רעצעפּטען צום לעבען,
איך קאָנן דיינע שמערצען נישט היילען, פערטרייבען,
איך קאָנן דיר קיין קראַפטען נישט געבען —

איך בין דיין קינד נור! פולל ליעבע אין הערצען . . .
איך קאָנן דיך נור ליעבען און עהרען,
איך בין דיין קינד נור, פאַר דיינע שמערצען
האָב איך נור טרעהרען און טרעהרען!

ראָזאַ גאָלדשטיין

דיא יודישע מוזע
(עלעגיא)

דיא יודישע מוזע — זיא שרייט אונ זי וויינט!
א קלאָג־מוטער איז זיא געוואָרען!...
א יתומה, פערטריעבען גאַנץ ווייט פון דער היים
איז זיא שוין הונדערטער יאָהרען!...

א שטעקען אין האנד, אויפ'ען פלייצע — א קלימעק,
איהר קארפער — אין דרייען געבויגען.
דער שטערען מיט קנייטשען פון שמערצען אונ דאגות,
דאָס פנים איז דאר, אויסגעצויגען!...

אונ „קברים, מצבות" — דאָס זעננען דיא סטאנציעס,
זייא זעננען צושטעלט אויף איהר וועג!...
דאָרטען בעקלאָגט זיא איהר שרעקליכען מזל,
דערמאנט דיא פערגאנגענע טאג!...

נור ביי'ן איהר אין ד'אויגען... עס ברענט דאָרט א פייער,
א פייער פון לעבען און מאכט!...*)
אָט דאכט זיך — פערלאָשען, עס פלאקערט שוין ווידער,
אונ לייכט אין דער פינסטערער נאכט!...

אונ וויא ליכטיג אונ פרייהליך עס ווערט, אז מען זעהט עס
דיא אויגען, דיא ליכטיגע אויגען!...
עס שווייגען דיא צרות, דיא דאגות פערשווינדען,
פערשווינדען — א פייל פונ'עם בויגען!...

---

*)כח

ראָזאַ גאָלדשטיין

דאָס שלאָפענדע קינד

אח, וועקט נישט דאָס קינד, לאָז עס רוהען און שלאָפען,
צערשטערט נישט זיין זיססענקע דרימּמעל.
עס שיינט נאָך די זונן און מען זעהט נישט קיין וואָלקען,
דערווייל איז נאָך לויטער זיין הימּמעל!...

אויף דעם פּנים א הימלישע רוה איז צוגאָססען,
די רויטע ליפּעלעך שמייכלען זוי שיין...
עס שפּירט נאָך דערווייל נישט קיין שמערצען, קיין צרות,
פון דאגות, פון אומגליק, פון צער איז עס ריין!...

עס ווייסט נאָך זאָגאר נישט זיין אייגענעם נאָמען,
וואָס טיעף איז פערצייכענט, פערשריבען מיט בלוט!...
דערווייל איז נאָך ריין אונ נאָך לויטער זיין הימּמעל...
אח, לאָזט איהם נאָך שלאָפען דעם קליינעם יוד!...

אח, לאָז ער נאָך רוהען און שמייכלען און קוועלען!
אין וויעגעל איז אנגענעהם, ווארעם אונ גוט...
א שווערער, א זומפּיגער וועג איז דאָס לעבען,
עס שטעהט ניט די צייט, נאָר זי לויפט אונ זי פליהט!...

עס פליהען די שטונדען, די טאג אונ די יאָהרען,
עס וועט נאָך די צייט זיין צו וועקען פון שלאָף,
צו קוממער אונ טרויער, צו ביטטערע טהרערען,
צו אומגליק אונ שמערצען, צו גאָטטליכער שטראָף!...

אננא ראפּפּאָרט

[1893]

די זון געהט אויף

דער מאָרגען גרויט, עס ווערט אַלץ העלער, העלער:
א שטראהל פון ליכט ברעכט דורך זיך דורך דער נאַכט;
די זון געהט אויף, זי שטייגט אַלץ העכער, העכער
און פון זיין לאַנגען שלאָף דער מענש ערוואַכט.

פון שלאָף? אָ, ניין! דאָס איז קיין רוה געוועזען:
געטריעבען פון איין אונגעהויערע מאַכט,
איז ער געגאַנגען פאָרווערטס, אָהן אַן אויפהער,
א נאַכטוואַנדלער, מיט אויגען האַלב פערמאַכט.

ער האָט געזוכט א וועג וואָס זאָל איהם פיהרען
צום גליק, צום לאַנג־געווינשטען — ניט ערוייכטען גליק...
און אונבעוואוסט איז ער געגאַנגען ווייטער,
און האָט זיך קיינמאָל ניט געקעהרט צוריק.

דאָך אין דער פינסטער האָט ער קוים בעוועגט זיך:
געבלאָנדזשעט און געאירט אַלץ יאָהר נאָך יאָהר;
האַלב־וואַכענד, האַלב אין שלאָף האָט ער געוואַנדערט,
געקעמפפט מיט שוואַרצע שאָטענס האָט ער נאָר.

און פלעגט אַ שטערן צייטענווייז ערשיינען
און וואַרפען אויף דעם וועג אַ בלאַסען שטראַהל,
דאַן איז דעם מענשענס גאַנג געוואָרען שנעלער;
דאָך דונקעל איז געוועזען איבעראַל.

נור ענדליך ציינט זיך ליכט, עס ווערט אַלץ העלער,
עס קומט דער טאָג, די נאַכט ציהט זיך צוריק,
די זון שטייגט הויך און שיקט אַראָב די שטראַהלען,
דער וועג צייגט בולט זיך — דער וועג צום גליק!...

תחית המתים

עס הויבט זיך און הויבט זיך אַלץ העכער און העכער
דער רוקען פון אונזערע ברידער;
און גלייכער, און שטאַרקער און שטראָמער אַלץ ווערן
דעם יודענס צובויגענע גליעדער.

דער קאָפּ, וועלכער האָט צו דער ערד זיך געבויגען —
ער קוקט אין דער הויך יעצט אַרויף;
דער פּנים, אין וועלכען אַ קינד האָט געשפּיגען —
מיט שטאָלץ יעצט בעלייכט ער זיין גוף.

ער קריכט ניט, ער לעקט ניט די האַנד, וועלכע שלאָגט איהם,
ער וויים דאָס, ער האָט אויך אַ רעכט
צו לעבען, צו שאַפען, צו דענקען, צו קעמפּפען,
ער פיהלט זיך ניט מעהר ווי אַ קנעכט.

פאַר זיינע פערפאָלגער, און פיינדע, און דריקער,
בייגט ער זיך ניט מעהר יעצט אין דרייען;
ער שטעלט זיך ענטגעגען אלס מיטגליעד דער מענשהייט
און לאָזט ניט אין פּנים זיך שפּייען.

ער נוצט אויס זיין קראפט און זיין מאכט, וואו ס'איז מעגליך,
און שרעקט זיך ניט אָב פאַר דעם טוידט;
ער קעמפפט געגען פינסטערניש, קעמפפט פאַר דער פרייהייט,
קעמפפט געגען דלות און נויטה.

און דאָרט, וואו ער קאָן זיך נור פרייער בעוועגען,
דאָ לאָזט ער זיך הערען און זעהן,
און העלפט דעם פּראָגרעס אויף פערשיעדענע וועגען.
דער יוד איז ניט דאָס, וואָס געווען.

אָ, לאָ'מיר געניסען
(פריהלינגס־ליעד)

פייגעלעך טאַנצען און זינגען און פליהען,
בלימעלעך שפּראָצען און וואַקסען און בליהען,
טייכעלעך רוישען און מורמלען און פליסען . . .
קומט מענשען אלע, אָ, לאָ'מיר געניסען . . .

העל שיינט די זון איבער וויעזען און פעלדער,
מונטער ערשאלט דער געזאַנג אין די וועלדער,
טהאָלען און בערג וואַרטען אייך צו בעגריסען . . .
קומט מענשען אלע, אָ, לאָ'מיר געניסען!

שען איז די וועלט, — פול מיט פראכט און מיט לעבען,
רייכטום האָט אונז די נאטור פיעל געגעבען,
אָבער פאר וועמען, אָט דאס וויל איך וויסען . . .
קומט מענשען אלע, אָ, לאָ׳מיר געניסען!

אלעס איז דאָ אין דער וועלט אונז צו קוויקען,
שענהייט און קונסט און מוזיק — צום ענטציקען.
דאָך ווערען פון זיפצען די הערצער צוריסען! . . .
קומט מענשען אלע, אָ, לאָ׳מיר געניסען!

מאכט אויף די אויגען און הערט אויף צו זאָרגען,
לעבט בעסער היינט און ניט לעגט אָב אויף מאָרגען.
שטופט ניט די צייט, ווייל עס וועט אייך פערדריסען . . .
קומט מענשען אלע, אָ, לאָ׳מיר געניסען!

מאכט לויז די הענט, וועלכע זענען געבונדען,
שטילט אייער וועהטאָג און היילט אוים די וואונדען,
הערט אויף צו קלאָגען און טרערען פערגיסען . . .
קומט מענשען אלע, אָ, לאָ׳מיר געניסען!

זוכט ניט קיין יושר — איר וועט ניט געפינען;
צוברעכט איהר די קייטען — דאן וועט איהר געווינען.
ניט קוקט וואָס דער שונא איז שטארק און פערביסען . . .
קומט מענשען אלע, אָ, לאָ׳מיר געניסען!

פאָרווערטס! מיר טאָרען קיין צייט ניט פערלירען.
וואַרט ניט! — געגנוג שוין געלאָזט זיך פערפיהרען.
מונטער! מיר מוזען דאָס לעבען פערזיסען . . .
קומט מענשען אלע, אָ, לאָ׳מיר געניסען!

זעלדע קניזשניק

[1900]

כפרות

א

עס רוקט זיך נעהענטער אָן דער אָסיען,
פעריאָמערט שטעהט דער וואלד;
דער ווינד אין לאָדען קלאפט און וועקט
כפרות שלאָגען באלד.

די עופות, נעביך, טרייסלען זיך,
דער חלף איז שוין גרייט;
אין גאס נעהט שוין דער שוחט אום,
דער מלאך פון דעם טויט.

און אָנגעוואָרפען קופעס־ווייז
כפרות אָהן א שעור,
מיט האלב פערמאכטע אויגעליך
ערווארטען איהם ביי'ן טהיר.

ב

מיט אַנ'ערענסט טרויעריג פּנים
שטעהט ביים טיש רבּ מענדיל,
האַלט אין האַנד אַ גראָבען סדור
מיט אַ ווייסען העהנדיל.

זאָגט ,,בני אדם יושבי חושך״,
קנייטשט דאַביי דעם שטערען,
און ווי גרויסע טראָפּענס רעגען
פאַלען זיינע טרעהרען...

שטומפּפּיג קוקט דער שטילער קרבּן
אויך אַריין אין סדור;
פּאַטשט מיט זיינע העלע פליגעל,
שווידערט מיט די גלידער.

קענטיג, ס'ווירקט דער ,,יושבי חושך״
טאַקי שטאַרק אויף ביידען,
און זיי זעהען אין די שורות,
וואָס מע קען ניט ריידען...

בּיים פענסטער

איך זיץ איצט ביים פענסטער
און קוק אויף דעם גאָרטען,
וואו ס'האָבען די בלומען געבליהט.
אַרום און אַרום איז
אַלץ טויט און פערגליווערט,
עס פלאַטערט דער שניי נור און שיט.

און קעלטער און קעלטער
ווערט אַלץ אין מיין הארצען,
דער יאוש רק שטאַרקער זיך וועבט.
וואו איז ער, אַך, יענער,
דער גאָלדענער פריהלינג,
ווען אַלץ האָט געלעבט און געשטרעבט?

וואו זענען די העלע,
די ליכטיגע שטראַהלען,
די פויגליך, דער זיסער געזאַנג?
וואו זענען די גאָלדענע,
זיסע חלומות?
פערשוואונדען, פערשוואונדען שוין לאַנג.

אויך איצט נאָך צו צייטענס
דערהער איך אַ פויגעל,
די קראָה אָבער טוט עס אַ קרעה;
אויך איצט זעה איך בלומען
ביי מיר אויף די פענסטער,
געמאָלט האָט דער פראָסט אָבער זיי...

ווינטער

פערוויסטע, פערטרויערטע זענען די פעלדער,
ניטאָ קיין פונק לעבען, געשטאָרבען די וועלדער,
די בערגער, די טהאָלען אַזוי ווי די מתים
פערוויקעלט אין ווייסען, אין קיטלען, טליתים.

דער ווינטער האָט אַלעס פערגראָבען, פערטראָטען,
די בוימליך, די גרעזליך מיט שניי דורך פערשאָטען;
פערגליווערט די טייכען, די ווערבעס פערדאָרבען...
נאָר דאָך ניט אויף אייביג איז אַלץ שוין געשטאָרבען.

דער פריהלינג וועט קומען —
מיר האָפען און שטרעבען —
דאָס אַלטע און טויטע
וועט ווידער אויפלעבען...

אַ שפּעטיגע רויז

אין רויטען סאַמעט איינגעהילט
שטיל טוליעט זיך אַ רויז,
און איבער איהר שוועבט אום אַ פראָסט
און גלאָצט די אויגען בייז.

און איבער איהר שוועבט אום אַ פראָסט
און שטערט איהר זיסע רוה;
עס טהוט אַ שוידער שטיל די רויז
און מאַכט די אויגען צו.

און ווען די מזרח זון ערשיינט
און נעהמט איהר ליעב ארום,
דאַן פלאַטערט שוין נישט מעהר די רויז,
זי בליקט פערגליווערט־שטום.

עס קושט און גלעט איהר מילד דער שטראַהל:
זי ענטפערט שוין נישט מעהר.
פון טויטען אויג נאָר קאַפּעט אָב
אַ קאַלטע, שווערע טרעהר...

זעלדע קניזשניק

וואָלקענס

העלע וואָלקענס, ווייסע וואנדערער,
שווימען אָהן א שיער.
אַך, איהר העלע ליעבע גרים,
זיינט חברים מיר!

שטענדיג ווייס איך אויך קיין רוה נישט:
ווי געיאָגט פון ווינד,
טרייבט מיך אום דער הארטער מזל
צוועקלאָז, זינלאָז, בלינד.

אונטער שלאָס

עס פערבלייבט אונטער שלאָס
א געצוימטער פערלאנגען,
א געפיהל, וואָס ברענט אויס
נאָר אין הארצען אין באנגען;

און א טרעהר, וואָס זי טאָר נישט
ארויף אויף די ברעמען,
און א תפילה, וואָס שפּארט זיך
און זי ווייסט ניט פאר וועמען...

מיין לעצטע ליכט

מיין לעצטע ליכט האָט אויסגעברענט
און שווארץ איז ביי מיין עמוד!
איך קען קיין איינציג תפלה מעהר
מתפלל זיין ווי תמיד.

זעלדע קניזשניק

עס גלאָצט אין פינסטער מיר די נאַכט,
אַ גרויע און אַ קאַלטע;
מיט מתים־שאָטענס שרעקליכע
ווערט פול מיין שוהל די אַלטע.

אין אימת־מות זוך איך אַלץ
אַ שיין, אַ פונק אוואו!
איך זוך און רוק זיך פויזענדיג
צום טיר אַלץ נעהענטער־צו...

מאָרגען

מאָרגען! מאָרגען! — נארט די האָפנונג —
וועט שוין ליכטיג זיין;
בלויז דער היינט איז שלעכט און טונקעל,
אָהן אַ ברעקעל שיין.

ציהען זיך אַזוי די מאָרגענס,
ווי אַ לאַנגע קייט,
ביז דער לעצטער שווערער מאָרגען
טרעפט זיך מיט'ן טוידט.

און ווען דיין נשמה

און ווען דיין נשמה
אין קעלט האָט פערגליווערט,
אַ יאוש דיין הארץ האָט בעוועבט,
זיי וויסען, אַז דאָס איז
דער גורל פון אַלע,
וואָס האָבען צו ליכט דאָ געשטרעבט.

עס גרינען די דערנער
אין ווינטער אין קאַלטען
און הויבען מיט שטאָלץ אויף דעם קאָפּ;
פערלאָרען נאָר געהען
די איידעלסטע בלומען,
זיי שטאַרבען אין אָסיען שוין אָב.

אָ, הייליגער בורא

אָ, הייליגער בורא, שפּרייט אוים דיינע פליגעל
און שיץ מיט דיין געטליכער מאַכט
די וואַנדערער מיעדע, וואָס טראָגען זיך, וואָגלען
אויף אַלערליי ימ׳ען פערשמאַכט;

די שוועסטער און ברידער, די עלענדע גרים,
געיאָגט פון א מערדערשער האנד,
וואָס שווימען און שווימען אין פרעמדע מדינות,
און זוכען א היים און א לאַנד.

עס זאָל זיי דער הימעל בעהיטען, בעשיצען
פון אַלע געפאהרען אין וועג.
מיט זון און מיט בענשונג זאָל זיין זייער שווימען,
מיט גליק זייער קומען צום ברעג.

מיין מאַן איז אין אַמעריקע

מיין מאַן איז אין אמעריקע,
א זוהן איז אין באַקו;
א צווייטער איז אין אפריקע,
א טאָכטער — גאָט ווייסט וואו!

פערשיקט איז זי, מיין פויגעלע,
פערטריבען פון איהר בוים.
און איך געה אום אין חלום נור:
וואו איז, וואו איז מיין היים?

דער מאמעס הארץ איז אומעטום,
די נשמה רייסט און ציהט —
איך האָב, אוי, היימען גאָר א סך,
רוה אָבער האָב איך ניט!

יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

פאולא ר.

[1906]

קום! ...

(פאָלקס־מאָטיוו)

קום צו מיר אין חדר׳על,
וועסט ניט זשאלעווען, מיין קינד:
ריין וועסטו אריינקומען,
און ארויסגעהן אָהן א זינד...

ליכטיג איז מיין חדר׳על,
בלימלעך וואקסען ביי דער טהיר,
וועסט זיך זעצען אויף דער שוועל,
און איך נאָהענט נעבען דיר...

אין א דעמבען־קעסטעלע
ליגט ביי מיר א פיעדעלע, —
כ׳וועל אויף איהם, מיין טייבעלע,
שפיעלען דיר א ליעדעלע...

פּאַולאַ ר.

דו וועסט גלעטען מיינע האָר,
קוקען אין די אויגען לאַנג...
פרעהליך וועט אונז ביידע זיין...
קום! עס וועט דיר נישט טהון באַנג...

ווער ביסטו?

ווער ביסטו, זאָג,
וואָס קומסט יעדע נאַכט,
ווען ס'לעבען פון לעבען
פאַלט נידער פערשמאַכט,
שטעלסט זיך ביי מיין בעט,
זאָגסט אין אויער א סוד? . . .
זאָג: ווער ביסטו?
א מלאך? א גאָט?
אָדער א ציטער
פון יענער זייט וועלט,
וואו די נשמה געהט־אויס
פאַר בענקשאַפט און קעלט?
צי אַנ'אונשטערבליכען
נביא'ס א גייסט,
וואָס האָט נישט דערצעהלט
נאָך אַלץ, וואָס ער ווייסט?
צי אפשר גאָר דאָס,
וואָס שאַפט ליידען אָהן א שיעור? . . .
זאָג: ווער ביסטו?
כ'האָב מורא פאַר דיר! . . .

אַ בריוועל

איך בעקום יעדען טאָג אַ בריוועל,—
און ביז היינט ווייס איך נישט פון וועמען...
כ'וואָלט געוואָלט ביי דער מאַמען פרעגען:
פאַר דער מאַמען טהו איך מיך שעמען!

ביי די שטערענדלעך וועל איך פרעגען,
אפשר וועלען זיי עפּעס וויסען:
ווער איז דער,וואָס שרייבט יעדען טאָג מיר?
און וואָס'רע האָט ער געוויסען? . . .

ביי דער העלער זון וועל איך פרעגען:
זי וועט מיר אודאי ערקלערען,
וואָס קאָן פון אזוינס ארויסקומען?
פיעל גליק? צי גאָר ביטערע טרעהרען?

ניין, כ'וועל זיך בעסער איבערפרעגען
ביי די וואָלקענס די געהיימנים־טריבע,
זיי וועלען מיר די וואַרהייט זאָגען:
צי איז דאָס פריינדשאפט? צי אַ ליבע? . . .

יהודית

[1907]

אין אַ ווינקעל

אין אַ ווינקעל פון מיין הארצען
איז מיין יוגענד טיעף בעהאלטען;
איז פערשלאָסען פון די יאָהרען
מיט אַ פעסטען שלאָס אַנ׳אַלטען...

אויף אַ רגע רייסט מיין יוגענד
זיך אַרויס פון איהרע צוימען,
מיט אַ שמייכעל אין די אויגען
שטראַהלען ווידער איהרע טרוימען...

מיט אַ לייכטען טריט מיין יוגענד
געהט אַוועק צוריק אין לעבען,
ווי אַ וואָלקענדעל אַ ווייסעס,
טוט זי דאָרטען גרינג זיך שוועבען.

ווי צום ערשטען מאָל אין פריהלינג
זעהט מיין יוגענד אלעם ווידער:
גרינע בוימער, רויטע בלומען,
און דעם טייך... עם קלינגען ליעדער...

דאָרט ביי'ן טייך טרעפט זי א יונגעל,
יענעם יונגעל... בלויע אויגען...
ס'שפיעגעלט אָב וואָס... די געזיכטער
ווערען ביידענס ראָז פערצויגען...

דורך א שטראהל פון איהרע בליקען
טוט זי איהם א שמייכעל שענקען:
קוקט איהם נאָך פערקלערט א ווייל'ע
און דאָס הארץ פערגעהט פון בענקען.

ברייטע הימלען

ברייטע הימלען, ערד א גרויסע
און א שיינע זון א הייסע —
אלע אייביג שטום...

און פערמאַטערטע, פערוויעגטע,
ווי די ווערים האלב־צודריקטע,
קריכען מיר ארום...

קריכען... ווי א וואָרים פיהלען,
מיט א טרעהר דעם צאָרן שטילען...
צאָרנען ווי א פליג...

ליעבען, האָפען, האסען, ביינקען...
און פערמאַטערט, אַלעס שענקען?...

— — — — — — — — — —

ניין! זאָל זיין גענוג!

איך וויל לאַכען, שד'יש לאַכען,
כ'וויל פון אַלעם חוזק מאַכען,
לאַכען, לאַכען הויך!

עס זאָל דונערן און בליצען,
פון געלעכטער זאָלען שפריצען
פייער־פלאַמען, רויך!

און די הימלען זאָלען ברומען,
זאָלען ריידען, — זייער שטומען
לייד איך שוין ניט מעהר!

רעדט! כ'וויל הערען, וועלכער רוח,
וועלכער טייוועל, וועלכער כח
האלט אייך ביז אהער!...

די נאַכט

די נאַכט איז טיעף, די נאַכט איז שוואַרץ...
עס רייסט זיך, ס'רייסט אזוי מיין האַרץ...
אין פענסטער קלאַפט דער ווינד...
עס רוישט אריין אַ בוים, ער רעדט.
ער זאָגט: „ס'איז שפעט, עס איז שוין שפעט...
די צייט, זי שפאַנט געשווינד...

געשווינד.״ איך וויל בעהאלטען נאָר
מיין יוגענד־טרוים. כ׳וואָלט אויפ׳ן וואָהר
זיך שטיל פון איהם געטרוימט...
„עס איז א זינד. עס איז א זינד...
עס שלאָפט מיט דיר דיין קליינעם קינד״...
צוזאמען מיט דעם בוים, דעם ווינד
א סוד מיר עמיץ רוימט.

איך וואַרף מיין טרוים! עס וויינט דער ווינד:
עס טוליעט זיך צו מיר מיין קינד...
איך נעהם ארום מיין קליינ׳ס...
די נאכט איז שווארץ, די נאכט איז לעער,
עס טריקענט אויס מיין לעצטע טרעהר,
מיר איז אלץ איינס, אלץ איינס...

איך ענדיג מיין וועבען

גענווידמעט גנעסע׳ן

איך ענדיג מיין וועבען, עס האלט שוין ביים סוף;
בעזוימען — און פארטיג פון לעבען מיין שטאָף...

דער אָנפאנג — א דינער, ווי הימעל־בלוי ריין,
פערנעהמט אין מיין ארבייט אנ׳אָרט גאָר א קליין...

דער מיטען פערפלאָנטערט, דער דעסען איז קרום,
דאָך פינטעלט א פארב אין די פעדים וואו אום...

וואָס ווייטער — אלץ גראדער, דער פאָדים געשפאנט...
עס ארבייט אָהן פארבען מיין גלייכגילטיג האנד.

איך שלאָף שוין לאנג

איך שלאָף שוין לאנג...
נישט קוק, וואָס מיינע אויגען זענען אָפען,
וואָס אָפט נאָך שמייכעל איך און רעד;—

עס איז א טרוים, מיין פריינד,
עס לאכט נאָך אַלץ מיין יוגענד...
וואָס ווייטער אָבער, שוואכער איז מיין פרייד...
וואָס ווייטער ווערט אַלץ דונקעלער מיין חלום;
דער פרישער הימעל ווערט אַלץ לעערער;
די מאַטע שטערען לעשען אויס זיך, קוקען טרוקענע אָהן מאכט.
מיין קליינע וועלט פערשווינד'ט...
זי ווערט אַלץ קלענער... קלענער...
מיך זיעגט די נאכט — די שווארצע נאכט.

צום דיכטער

גענוג! נישט ווידערהאָל די אַלטע ליעדער, —
ס'איז נישט דיינ'ס!... נאָר זיי האָבען א מאָל,
ווי קינדער, גאָט בעזונגען, ליעבע... שטערען אין דעם הימעל...
ראָזען אין דעם טהאָל...

עס איז געווען א מאָל!... צווייטמאָל וועט עס נישט לעבען!
דיין ליעד קלינגט איצט נאָר פאַלש: ס'איז פארבענלאָז דיין בלום;
דיין זון — קיין נייעס; — און גאָט? — עס גלויבט אין איהם שוין קיינער.
אָ, שוויינ! דו ביזט נישט פרום, דיין גאָט איז לאנג געשטאָרבען!...

דו טרוימסט פון דיין פערגאנגענעם גליק...
דיין טרוים האָט מער קיין רייץ אָבער, איז שיטער־גרוי, איז קאַלט; —
און דו!... ביזט מוטלאָז... דו ביזט שוואך! פון שרעק אילוזיעס בויסטו; —
פיר וועמען? — דו פערגעסט; די וועלט איז אַלט!

מיר זענען אַלע לאנג שוין אויסגעוואקסען, ניכטער.
זאָל זיין דער אונגליק גרויס, — מיר קוקען שטאָלץ איהם אָן,
מיר געהען נישט צוריק.
דורך בלומען! דורך דער זון... דורך הימלען. —
און נאָך ווייטער קוקט אונזער בליק.

פּאָעמאַ פאַר דער יוגענד
(פראַגמענט)

געווידמעט מענדעלי מוכר ספרים
צו זיין 75 יאָהריגען יובילעאום

אונזער גאַס! — זי קענען אַלע:
ביי איין זייט — אַ צייל מיט קראָמען;
ביי דעם צווייטען — קרומע הייזער,
גרין־פארשימעלטע, אין שוואָמען . . .

אַלע שטעהען זיי ביים טייכעל,
וואָס עס פליסט פאַרביי די הויפען;
און די איינוואָהנער — מען האנדעלט,
אַלע קויפען און פערקויפען . . .

ווייסען ניט פון קיינע תאוות;
האָבען שולען דריי — מגידים.
איינע, — בעלי־מלאכות פאַר זיך,
און אַ שטיבעל האָבען חסידים . .
אַ פּאָר שעהנע בעלי־בתים —
אין די אייגענע בנינים
אויף יום טובים און שבתים
מאַכען זיך אין שטוב מנינים . . .
נאָר מען קריגט זיך ניט, חלילה,
אַלע לעבען דאָ צופרידען . . .
אַלע דאַוונען, אַלע האנדלען —
אַלע זענען פרומע אידען . . .

ס'טרעפט אמאָל אין גאַס: מיט בלומען
קומט אַ פריץ עפּעס קויפען,
ווערט אַן אנגעלויף פון קינדער
פון די גרויע, ענגע הויפען:

„אָי, אַ בלימעלע!“ „אָי, אַ בלימעלע!“,
„מיר אַ בלימעלע!, „מיר!“ „מיר אויך!“
—„כ'האָב געמיינט, איהר האָט נאָר געלד ליעב,
ערשט איהר ליעבט גאָר בלומען!“—ווייך
לאַכט דער פּריץ, וואַרפט פאַנאַנדער
אויף דער ערד די בלומען זיי,
און די קינדער חאַפּען אונטער
מיט אַ פרעהליכען געשריי....
פאַר אַ צירונג אום דער וואָכען
און פון פרעהליכקייט — אַ חדר
לאָזט זיך ווער אריין, און קול'כלעך
פון פיער יונגעלעך כסדר
אין די הויפען העלע קלינגען
דורך דעם הארטען רבי ניגון . . .

. . . .

. . . .

זומער. טיר און פענסטער אָפען;
ס'ליגט אַ מיעדקייט אין די בליקען;
ווער עס לויפט צום טייך זיך באָדען,
זיך מיט פרישען וואַסער קוויקען;
ווער עס בלאָנקעט ווי אַ שאָטען,
זוכט אַ ווינקעלע אַ קיהלען
אין אַ קעמערל, אַ שטעלכעל;
זוכט דעם גרויסען אנגסט צו שטילען . . .
הייס. די זון איז הויך, עס טריקענט,
אַלעס ברענענד. אויף אַ ווײַלע
דרעמעלט איין ביים טיש דער רבי,
און די חברה אָהן אַ שאלה
לויפט פאַנאַנדער זיך, אין פערדלעך
שפּיעלט זיך אויפ'ן הויף, ווי פערעל
קאַפּען טראָפּען שווייס זיי, ס'קלעפען
צו די שטערענדלעך די העהרלעך . . .

און זיי ווישען מיט דעם אַרבּעל
זיך די פּנים'לעך און שטיפען . . .
. . . .
. . . .
קליינע מיידעלעך אין שאָטען
שפּיעלען, שפּרינגען, ווי די האָזען.
ווער „אין קרעמלעך", ווער „אין מאַמעס",
ווער עס ציהט זיך זייפען־בלאָזען
פון אַ טעלעריל מיט שטרוילעך,
מאַכען שעהנע גרויסע בלאָזען . . .
און פון טייך, פון זיינע ברעגען
געהט אַ פּלושקעריי, אַ זשומען
פון פּיעל קינדער, ווי פון ביהנען,
אויף די קוסטעס ביי די בלומען.

קוים דערלעבט פאַרנאַכט. אַ ווינדעל,
ווי אַ שאָטען, אַ פאַרשטעלטער,
ווייזט זיך, און אין גאַס אַ ביסעל
ווערט ווי פרישער, עטוואָס קעלטער.

אום דער וואָכען שטעהט אַ טומעל.
נאָר דערפאַר, אַז ס'קומט אָן שבת,
הערט מען זמירות נאָר אין געסעל
און דעם קוואָקען פון די זשאַבעס . . .
און נאָך וועטשערע לופט כאַפּען
שיט אַרוים אַ מחנה שכנים;
ווייבער אין די אונטערקליידער,
און די מענער — אין תחתונים . . .
און מען געניצט באַלעבאַטיש
זיך, דעם קאָפּ גאַנץ הויך צום הימעל
אויפגעהויבען; אויף די גאַנקעס
כאַפּט זיך ווער געשמאַק אַ דרימעל . . .

ווער עס דרעמעלט, ווער עס שמועסט
פון פּאָליטיק מיט א שכן . . .
און די ווייבער גאנץ געמיטהליך
רעדען פון דעם באַקען, קאָכען . . .
וועלכע קוגלען, וועלכע טשאָלענט'ס!
ס'טראָגען זיך ביי זיי אין זינען:
ווי אזוי די בולבעס זאָלען
זיין, ווי פלוימען, ווי ראָזינען . . .
און דער קוגעל זאָל צושיטען
זיך אין מויל . . . פון די מאכלים
אַלע צייבענס, אַלע מיטלען,
פון דער באָבען נאָך די כּללים
ווערען איצט בעטראַכט געלערענט...
אין די בענש-ליכט מיט א כח
אין די הייזער צאנקט און טשאַדעט,
פילט די נאָס מיט שבת-ריח . . .

ס'פינסטערט. פון דעם ברעג פון טייכעל
גרייכט אמאָל א יונג געלעכטער,
א געזאַנג; אַלץ ווערט פערלאָרען
אין די אָפטע קלעפּ פון וועכטער . . .

ראָזאַליאַ יאַקאָבסאָן

[1908]

איך ברויך נישט קיין פריהלינג

איך ברויך נישט קיין פריהלינג מיט שטראַהלען,
די שטראַהלען אין מיר, ווען זיי גליהען.
און ס'העלפט נישט קיין גאָלדענע זונען,
ווען מיר מיינע בלומען פערבליהען.

ווען פול איז אין הארצען און וואָרים,
און ס'אויג, ווען פון גליק עס ערגלענצט,
דאַן, רעגען און ווינטען און שטורמען,
זייט איהר נישט דען פריהלינג און לענץ?

ווען אָבער עס שטאַרבט אָב מיין פריהלינג —
דאָס לעבען, ווען ס'שטיקט מיך אצונד,
דאַן, זון, אָ, וואָס טויג מיר דיין שטראַהלען,
וואָס רייצסטו און שאַרפיעסט מיין וואונד!

שרה רייזען

[1910]

דער ערשטער פריהלינגס־טאָג

ס'האָט דער ערשטער פריהלינגס־טאָג
ליעב בעגריסט מיך היינט,
און האָט גלייך א פרעג געטהון
וועגען דיר, מיין פריינד.

און געוואונדערט האָט ער זיך,
וואָס דו ביזט נישטאָ,—
און געפרעגט, ווען קומסטו פאָרט
און אין וועלכער שעה?

שווייג איך שטיל און רעד קיין וואָרט,
און דער פריהלינג וואַרט,—
ביז איך האָב איהם אויסגעזאָגט,
אז דו האָסט גענארט...

ווערט דער פריהלינג טרויעריג,
קושט די בוימער קאַלט, —
און אַ גרויער נעבעל קומט
און באַדעקט דעם וואַלד.

און אַ שוואַרצער וואָלקען קומט,
דעקט דעם הימעל צו . . .
אָ, מיין פריינד, דער פריהלינג וויינט,
וואָס געגאַרט האָסטו.

קלאַפּ ניט אָן אין טיר

קלאַפּ ניט אָן אין מיין טיר,
מייד זי אויס!
עלענד וואוינט לאַנג, שוין לאַנג
אין מיין הויז.

עלענד היט, היט מיין שטוב
טאָג און נאַכט,
ווען איך שלאָף — עלענד זיצט
און בעוואַכט.

זעהט מיין וועה, זעהט מיין טרעהר,
ווייט פון איהר
האָט מיין שטוב מעהר קיין אָרט
ניט פאַר דיר.

געה פאַרביי, געה פאַרביי,
מייד מיר אויס.
עלענד וואוינט לאַנג, שוין לאַנג
אין מיין הויז.

געגוג

געגוג! געגוג! און מעהר שוין ניט...
דער פריהלינג האָט שוין אָבגעבליהט
און אויפ'ן פעלד איז נאָכ'ן שניט,
און אַלץ ווערט וועלק, וואָס האָט געבליהט.

געגוג, געגוג, ניט לאַנג געטראַכט...
ניט לאַנג בעוויין, וואָס האָט פערדאַרט,
וואָס האָט געדאַרפט — דאָס איז געשעהן,
פערגעס, פערגעס, וואָס איז געווען.

און ווייטער שטאָלץ און פריי און דרייסט,
דער שמערץ מאַכט גרויס און שטאַרק דיין גייסט,
און געה פאָראויס, און געה פאָראויס —
דאָס עלענד שמידט דיין גורל אויס...

און שטיל איז געוואָרן

און שטיל איז געוואָרן אין הארצן ביי מיר, —
א הויז א פארקלאפטע מיט לאָדן און טיר.
פינסטער און שווארץ און אנטשוויגן
מיין וויי און די שמערצן דאָ ליגן.

כ'וועל שוין צו דיר מער ניט קומען:
כ'האָב דעם צער פון דער ליבע פארנומען.
און שטיל איז געוואָרן אין הארצן ביי מיר, —
א הויז א פארקלאפטע מיט לאָדן און טיר.

שרה רייזען

עס איז אַ שניי

עס איז אַ שניי אַ שטילער
אַלץ געפאַלן, אַלץ געפאַלן,
און שליטלעך האָבן זיך
אין ווייסער נאַכט געטראָגן.

נאָר מיין געדאַנק
געקאָנט האָט זיי דעריאָגן.

דער הימל איז געוועזן
גאָר אָן שטערן.
צי האָבן זיי פאַרלאָשן
מיינע טרערן?

דאָס עלנט האָט אין נעץ
מיך איינגעצויגן,
און קוקט אַרוים מיט מיר
פון מיינע אויגן.

און שליטלעך האָבן זיך
אין ווייטער נאַכט געטראָגן.
דיך אין זיי
וועל איך שוין קיינמאָל ניט דעריאָגן.

דו ביסט

דו ביסט אין מיין נעכטן, דו ביסט אין מיין היינט,
דער מאָרגן אויך וועט מיר דיך ברענגען,
און טאָמער אַ צווייטער פאַרבייטן וועט דיך,
נאָך דיר אָבער וועל איך אַלץ בענקען.

און טאָמער אין קרייץ־צוג נאָך גליק און נאָך צער
די צייט וועט אונז פרעמדן און שיידן,
דו וועסט אָבער בלייבן פון מיין ליבע דער האר,
און כ׳וועל דורך מיין ליד מיט דיר ריידן.

די טאָפּאָלן ווייסע

די טאָפּאָלן ווייסע,
ווי צנועות זיי שטייען.
געקומען דער ווינטער
מיט פראָסט און מיט שנייען.
זיי זיינען מיט ווינטער
געוואָרן שוין שלום
און האָבן פון פרילינג
באהאַלטן דעם חלום,
פון פרילינג און זון.

כ׳וועל אויך אזוי טון.

וועט דער מזל וועלן

וועט דער מזל וועלן,
וועט ער דיך מיר שיקן,—
דורך פארצווימטע וועגן,
דורך א טייך אָן בריקן.

אויב ער וועט ניט וועלן,
העלפט דאָך ניט קיין שטרייטן;
כ׳וועל דיך יאָגן, יאָגן,—
בלייבן וועסט פון וויטן.

וועל איך וואַרטן, וואַרטן,
אויף דיר דעם געגאַרטן;
דורך פאַרצווימטע וועגן,
דורך פאַרצווימטע בריקן;

וועט דער מזל וועלן,
וועט ער דיך מיר שיקן...

שנעל בליט אָפּ דאָס פעלד

שנעל בליט אָפּ דאָס פעלד,
און צייטיק ווערט דער זאַנג;
קומען שניטער אָן
מיט לידער און געזאַנג.

ס׳איז איצט פריילעך זיי:
ס׳לאַנד וועט האָבן ברויט, —
און זיי טראַכטן ניט,
וואָס דאָס פעלד בלייבט טויט.

ווי דאָס פעלד נאָך שניט,
איז מיין נשמה וויסט.
דער האַרבסט דאָס פעלד דעקט איין
און קאַלטער רעגן גיסט...

איך רו שוין לאַנג

איך רו שוין לאַנג פון ליבע־צער!
איך בין נאָך ניט גענעזן.
און קראַנק איז אַלץ נשמה, קראַנק
דערפון, וואָס איז געוועזן...

דער בוים, וואָס שטייט אין ווינטער הויל —
דער פרילינג מאַכט אים בליען,
דעם אָדלערס פליגל טרעפט די פייל,
פאַרשפּאַרט דער אָדלער פליען.

איך טרינק פון מזל'ס בעכער

איך טרינק פון מזל'ס בעכער
א כוסה נאָך א כוסה.
דער מזל איז מכבד,
טרינק איך זיך — מאַכטייסע!

איינס נאָר שרעקט מיך, שרעקט מיך:
באַלד די כוסות לעדיג,
און דאָס הארץ איז אַלץ נאָך
פול מיט צער און וועהטיג.

איך ליג אין שטויב

איך ליג אין שטויב און ראַנגל זיך,
צו הילף איך רוף נישט מער.
מיין קערפּער א פאַרוואונדעטער
און בלוטיק רינט מיין טרער.

און אויבן אין די הימלען דאָרט
אין זוניק־רייך, ווי שיין.
איך ליג אין שטויב און ראַנגל זיך,
צו הילף ווער קומט צו גיין?

מיין נאָענטסטער, מיין טייערסטער
ליגט אויך אַזוי אין שטויב,
די גויט האָט גלייך פאַרוואונדעט אונז
און נעמט אונז פאַר איר רויב.

חבל הבלים...

הבל הבלים... ס׳פאַלן די בלעטער,
פאַרצווייפלט דער וואַלד.
הבל הבלים... פאַרוועלקט איז דער זומער,
דער ווינטער קומט באַלד.

הבל הבלים... ס׳לויפן די יאָרן,
פאַרלאָקט פון דער צייט.
הבל הבלים... די עלטער איז נאָענט,
דער וועג צו דעם גליק אַזוי ווייט.

הבל הבלים!...

איר, מיין לידער־קראַנץ

איר, מיין לידער־קראַנץ,
איר בלומען הארבסטיקע,
איר ווייסע ליליעס —
אין טרויער איינגעהילט...

כ׳האָב געזונגען אייך
אויף מיין לעבנס־וועג,
ווי מיין גורל האָט
מיר מיין ליד געשפּילט...

דאָ א פידל־קלאַנג,
דאָ טרומייטן־שפּיל,
דאָ א פייפעלע
אין א זומער־פעלד.

אַלץ געשנירלט אייך,
אַלץ געקליבן אייך
ניט געקינסטלטע,
ניט געשאָרענע,
בלומען האַרבסטיקע,
ווייסע ליליעס...

איר, מיין לידער־קראַנץ...

ראָזאַ יאַקובאָוויטש

[1910]

פון כלה־סדור

כ'האָב אויפגעריסן ס'ריגעלע
פון טאַטע־מאַמעס טיר,
און לייכט, ווי אויף אַ פליגעלע,
אַרויס אין פעלד צו דיר;

כ'האָב בינדעלעך און בענדעלעך
מיר אָנגעגרייט אָן שיעור,
און לופטיקע געווענדעלעך
צו צירן זיך פאַר דיר;

כ'האָב אויסגעהאַפטן ס'ציכעלע
מיט זילבער־גאָלד קאַליר,
און צאַרט איז יעדעס שטיכעלע,
ווי צאַרט ס'איז מיידל־ציר;

און קלאָר איז יעדעם קנעפּעלע,
ווי ס׳ליכט פון דעם אופיר,
ווייל כ׳האָב אין יעדן שטעפּעלע
אריינגעזונגען דיר!

אַ שאָד נאָר, כ׳האָב אין הערצעלע
נישט אויסגעפּוצט פון פריער,
נאָר — קום, דאָס ווייסע שערצעלע
איז הייליק ווײַס פאַר דיר!

כ׳האָב געמיינט

כ׳האָב געמיינט מיין זעלנדורשט צו שטילן
און האָבן רו,
האָב איך געטרונקען פון דיין בליק דעם פולן,
— דער קוואַל איז צו.

עס גליט דער מאָן דער פלאַמיקער, פאַרהוילן
אין מאָרגנרויט,
און דיינע בליקן, אַך, ווי זיי מיך היילן
אויס פון טויט.

נאָר איך בין דורשטיק, ווי צופריער געבליבן,
אָן זעלנרו,
און אייל, פון הייסן דורשט מיינעם געטריבן,
איך ווייס נישט וואו...

ראָזאַ יאַקובאָוויטש

אין אַ סטאַנציע

די אייזנבאַן פליט, ווי דער בליץ,
פאַרביי מיין ליבסטנס שטאָט;
עס יאָגט מיך אויף אַ זעעניש
מיט אים, אויף גאָטס באראָט!

כ'וויל טרינקען פון זיין מילדן בליק
און פון זיין ליפּן־פּאָר,
און נעמען שווין אויף אייביק מיט
מיין חלום אויף דער וואָר.

נאָר הינטער מיר האַלט אָפּ מיך ווער:
וואוהין ווילסטו, מיין קינד,
עס וועט נישט זיין קיין וועג שוין מער
צוריק צום הויזגעזינט.

אויב וועסט זיך אָפּשטעלן, וואו ס'איז
קיין סטאַציע נישט פאַראַן,—
צוליב דעם הייליקסטן, וואָס דיין,
נישט וואַרטן וועט די באַן.

און וועסט דערנאָך זיך שלעפּן אַקס
איבער שטאָק און שטיין —
און בלייבן נעכטיקן ביינאַכט
אין ווילדן וואַלד אַליין!

ייִדישע ... בטורונטו

ראָזאַ יאַקובאָוויטש

די נאַכט־וואַנדלערין

די נאַכט איז שטיל, איך גיי, נישט קוקנדיק וואוהין
מיט טיף־פאַרשלאָסענע אויגן,
ווי אין אַ חלום —
האָט ווער מיר כשוף אָנגעטאָן?
האָט דאָס לבנה־ליכט דאָרט אויבן,
ווי אַ פייערדיקער זייל,
געגאָסן זילבער־ליכט אין מיינע גלידער,
אַז איך מוז גיין צו אים
אָן רו, אָן אָפּהאַלט, ווייטער?
מיך ציט דער זילבער־גלאַנץ פון אָט דער שטילער נאַכט,
ווי די אומענדלעכקייט.
ס'קאָן זיין, אַז טאַטע־מאַמע שאָקלען מיט די קעפּ,
מורא האָבנדיק ביים נאָמען מיך צו רופן,
ס'קאָן זיין, דער וועג איז פול מיט אָפּגרונטן און שטיינער,
נאָר וואָס קאָן מיר דער טויט דען טון,
אַז מיך, מיך רופט דער גאָלדענער לבנה־שטראָם אין דער ליכטער־נאַכט
צו גיין צו אים, אַלץ ווייטער, ווייטער — — —

די עקרה

כ'האָב געבעטן שטיל מיט טרערן:
כ'זאָל אַ מאַמע זיין,
נישט געגליכן זאָל איך ווערן
צו אַ ווייסטן שטיין,
אַז איך זאָל אין דיינע אויגן,
ליבסטער, האָבן חן.
ביז דער גרויסער גאָט אין הימל
האָט מיין שטיל געוויין

אויפגענומען און פאַרגינען
מיר א קינד — א קרוין.
נאָר דערוויייל ביסטו פון דאַנען
ווייט, אויף אייביק שוין.
וואָס־זשע העלפט מיר, אַז אַצינדער
כ׳וועל א מאַמע זיין,
אַז די קאָנסט נישט גאָטעס וואונדער
זען דאָס קינדלעכ מיין!

צו מיין טאַטען

(פראַגמענט)

אין שטילען,
אין הייליגען נעבעל פאַרטאָג
פלאַטערט, ליידענשאַפטליך פלאַטערט
דער האַרץ־רייסענדיגער טרויער־געזאַנג
פון דיין תורה־בענקשאַפט...

אין דער אייביגער תפלה
פון דיין איינזאַמער נשמה
ציטערן איכה־קלאַנגען,
און ציטערן:
א לאַנג פערוואָגעלט פאָלק —
גיסט פאַר איהר פאָטער אויס
איהר שווער געמיטה...

אין פאַרטאָגיגען נעבעל איינגעהילט,
איבער גאָטס־וואָרט געבויגען,
ווי גרויס ביזטו טאַטע! —
משה׳ס שטעל־פערטרעטער!
אין דיינע אויגען ברענען זיינע ליכטער,

שטרייטען מיט די וואָלקען אויף דיין שטערן,
און פערפלאַנצען זיך אין יונגען הארץ ביי מיר,—
אייביג לייכטען וועלען זיי,
גענעהרט פון נר־תמיד אין דיין הייליג אויג...

אין שטילען, גרויען נעבעל פון פארטאָג,
בליקט דיין דבקות׳דיגער בליק
אין אייביגקייט אריין —
אָהן היינט און מאָרגען —
איין אויביג־שטראהלענדע פערגאנגענהייט,
וואו אויביג ס׳ברענט דער סנה
און ווערט נישט אָבגעזענגט...

איך הער דיין קול:—
כ׳הער דאָס רוישען פון לבנון:—
מיך בלענדט דיין ווייסע באָרד:—
כ׳זעה דעם חרמון שנעע.
כ׳באָד מיך אין דיינע שרון־קוואלען...
גרויסער, גרויסער טאטע מיין!

ביבלישע מאָטיוון

רחל

פון פאלמען און איילבירטן נידערן שאָטנס אויף ברונעמס,
דאָרט קומען די טעכטער בית־לחמס צו טרינקען די שאָף,
און קערן צעשמעקטע, צעבליטע אהיים מיט געזאנגען,
און ווערן צעפלאָסן אין דעמערונגס־שיין פונם טאָג.
נאָר לאה, מיין איינזאמע שוועסטער, בלייבט זיצן א בלייכע:
צו איר וועט קיין שליח נישט קומען אין טונקעלן פעלד,
עס לויכט נישט איר שטערן אין הימלישער לופט אין דער ווייכער,

אָ, יעקבן ליבט זי, און ער האָט די שיינקייט געוויילט,
מיך, רחלען, די ייִנגסטע!
אָ, שוועסטער פאַרטרערטע, געדענקסטו?
ווי ר'האָט צוליב מיר פונם ברונעם געקוילערט דעם שטיין,
ווי ר'האָט פאַר אַ קנעכט זיך פאַרקויפט צוליב מיר,
היינט שענק איך אים דיר!
און ער פּאַשעט די קעמלען פון לבן מיט פרייד,
צוליב מיר —
איך שענק דיר מיין איינציק־באַשערטן, מיין איינציק באַגערטן,
אָ, לאה, מיין שוועסטער,
דו ווייסט נישט, ווי גרויס ס'איז מיין קרבן, אויף אייביק
ווען כ'שייד מיך פון אים,
דו ווייסט נישט ווי גרויס ס'איז מיין קרבן,
ווען איך גיי אַוועק פון מיין גליק — —

הגר

איז וואָס, אַז עס האָט מיך די האַרין פאַרטריבן אין מדבר,
איך פיל נאָך די הייליקע שטילקייט,
ווען ס'האָט מיך דער פירשט פון די שטאַמען אברהם
געוועקט צו אַ זוניק דערוואַכן,
צווישן זוניקע סנאָפּעס און גאַרבן,
ווען ר'האָט מיר געשוואוירן: ביסט, הגר,
אַ מעכטיקן שטאַם אויסדערוויילט צו געבוירן!
אין שאָטן פון קעמלען פון זיינע
שטראַלט נאָך דאָס ליכט פון זיין שטערן,
ווען ר'בענטשט איבער מיר גאָר די וועלט — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

איז וואָס, אַז עס האָט מיך די האַרין פאַרטריבן אין מדבר,
עס פאַלט צו די נאַכט, און עס נידערט דער עיט אויף די פגרים,
מיך פרעגן די שטערן פון אויבן: וואוהין טראָגסטו, הגר, דיין טרויער?

איך ווייס נישט וואוהין און צו וועמען
עס וועט מיך מיין דורשטן פאַרשלעפּן,
נאָר כ'בין נישט אַליין אין דער נאַכט דאָ,
כ'טראָג אונטער מיין האַרצן די פּרוכט פון זיין לעבן,
און כ'טרינק די זכרונות פון ליבע — —

(פון בוך „לידער צו גאָט")

גורל

א

כ'האָב געוואויגען און געמאָסטען זיין איעדען שריט,
נעגאַנגען ווען איך בין מיט אים אויף דעם יאַריד;
כ'האָב פאַר יעדען שפּילגעצייג, וואָס ער האָט געוואָלט,
דעם פּרעמדען הונגעריגען קינדערהענטעל מס געצאָלט;
און אַנגסטיג אומגעקוקט זיך האָב אויף יעדער זייט,
זיין יוגענד־חן פאַר אַ בייז אויג האָב איך אָבגעלייט;
דאָך האָט אין בעהעלטעניש אַ שד געוואַרט,
דאָך האָט עמיץ מיר מיין קינד אויסגענאַרט.

ב

ווי קאָן עס זיין, אַז איך, וואָס איך האָב דיך געבוירען
פון יעדען מיין נישט אויסגעזאָגטען שטרעבען,
און פון מיין אויסגעלייטערט האָפען,
פון האַרצענסבלוט פון אַלע פאַר מיר דורות,
וואָס האָסט געזאָלט מיין המשך זיין, מיין צוזאָג, —
ווי קאָן עס זיין, אַז איך זאָל האָבען צוגעזען

דאָס אומגליק פון דיין שטאַרבען? —
ס׳מוז זיין פאַר מיר אַ סוד,
בחנם איז מיין פיין:
דיין סוף איז גאָר דער אָנהויב דיינער
צום לעבען, וואָס זיך ענדיגט קיינמאָל ניט;
ס׳מוז זיין, אַז לעבען לעבסט גאָר דו,
און איך, ווער ווייסט, אפשר בין אַ שאָטען איך
פון עמיצענס אַן אומבאַגרייפליך שווייגען,
אפשר בין אַ ניצוץ איך
פון אַן אומענדליך ליכטיגקייט,
אין וועלכער דו ביזט שוין אריין? —

ג

וואָס אַרט מיך, אַז דו ביזט שוין פון דעם לעבען
אָבגעלייט,
אַז כ׳ווייס נישט, אויב ס׳איז נישט געווען אַ תפיסה,
פון וועלכער דו ביזט איצט בעפרייט?

וואָס אַרט מיך, אַז דו ביזט פון שאָטענוועלטען
אוועקגעגאַנגען פון מיר גיך,
אַז כ׳ווייס נישט ווער פון אונז עס איז דער שאָטען,
דו, קינד מיינס, אָדער איך?

נאָר דאָס, אַז דו האָסט נישט דיין ליד דערזונגען,
דאָס ליד פון פרייד,
נאָר דאָס, אַז ביזט פון מיר אוועקגעגאַנגען
שטילערהייט...

פראדעל שטאָק

[1910]

סערענאדע

מאך אויף דיין אויג,
דו ליעבּער מיין,
קום ווייט אוועק מיט מיר;
די שטילע נאכט
פון זילבּער־וויין,
זי וועבּט פאר אונז א שיר.—

ניט וויעג דיין קאָפּ
אין חלום'ס שוים,
עס ווארט מיין שוים אויף דיר.
ס'איז בּלוי די נאכט,
קום, קום ארויס
און בּענק, און בּענק מיט מיר.—

און וועט די נאַכט,
אין מאַנטעל בלוי,
פארלאָזען וואלד און טאָל,
און וויינען שטיל
מיט טרערען־טוי
פון דופטענדען קרישטאָל,—

דאַן רייס מיין הארץ
פון בוזעם אויס
און וואַש עס אין דעם טוי —
און מיט דיין ליפּ
זויג מיר ארויס
פון דאָרט דעם שטילען „אוי“.

א ווינטער־עכאָ

א שליטעלע אין ווייסען שנעע,
א פערדעלע עס שפּרינגט זיך,
זינגט א יונגעם פּאָרעלע,
א גלעקעלע עס קלינגט זיך.

נעהמט ער מיט'ן בייטשעלע
אין דער לופטען קנאַקען,
קוקט ער אויף זיין מיידעלע,
פלאַמען איהר די באַקען.

ווערען קושען ברענענדע
אין זיין הארץ געבוירען —
און אויף רויטע ליפּעלאַך
ווערען זיי פערפרוירען.

סעהרט אַ כוואַטסקע פערדעלע
איבער זיי דעם שליטען —
נעהמט אַ ווייסע חופּה־דעק
ס'פאָרעלע פערשיטען.

פלאַטערט אַ ווינטעל

פלאַטערט אַ ווינטעל ארום
און הויכט זיינע צערטליכע ליעדער;
פלאַטערט אין הארץ אַ געבעט,
שעפּצעט אין גערטיל דער פליעדער.

ניט פלאַטער דו ווינטעל ארום,
ניט זינג מיר פון צערטלען און בענקען —
ניט וועק מיר די ליעבע פון שלאָף,
איך האָב זי ניט וועמען צו שענקען.

בים ים

וואָס ציטערט אזוי וויים,
וואָס לייכט זיך אין דער ווייט?
אַ זעגעל פון אַ שיף
קומט אָן פון יענער זייט.

די סחורה אָבגעפיהרט
אין ווייטען מזרח־לאַנד,
און קומט געלאָדען פול
מיט גאָלד און זייד־געוואַנד.

מיט פּערעל און שמאראגד,
געווירץ און גאָלד־געשיר,
מיט פיערלען און מיט וויין
און רויטע קרעלען־שניר,

וואָס ס'האָבען רייכע לייט
געקויפט אין מזרח־לאַנד,
וואו שוואַרצע שקלאַפען־זיהן
אין וועגעלאַך געשפּאַנט

פיהרען אום דאָרט אויף שפּאַציער
די בת-מלכות פערדעקט,
ווען ס'האָט דאָס האַרפען־שפּיעל
פון שלאָף זיי אויפגעוועקט...

וואָס ציטערט אַזוי ווייס,
וואָס לייכט זיך אין דער ווייט?
אַ זעגעל פון אַ שיף
קומט אָן פון יענער זייט.

פאַרנאַכטען

א

אינ'ם שטילען אבענד-ווינד
וויעגען זיך די צווייגען,
פליהט אַ פויגעל אום אין סאַד,
פליהט אין מיעדען שווייגען.

אויף די בלעטער ווערימלאַך
פּירות צו פערדאַרבען —
אומעדיג איז מיר אַזוי,
אומעדיג צו'ם שטאַרבען.

ב

פליהסט אום, דו בין, אין זון־פערגאנג,
דיין לייב מיט גאָלדענע רינגען
עס שימערט אין די אויגען מיר,
עס מאניעט מיך צו׳ם זינגען.

דו מאכסט א רינג אויך ארום מיר,
צי זאָל איך עס דערלאָזען?—
איך ווייס, דו האָסט קיין האָניג נישט,
דו ווילסט די גיפט מיר לאָזען.

ציים־מאָטיוו

וואָס צאנקט אין שטוב דאָס לעמפעל,
וואָס קלאָגט אזוי דער ווינד?
מ׳האָט עמיצען געהאנגען
אינמיטען נאכט אצינד.

א שמאָלער בוים, א הויכער
אין וועג דאָרט ערגעץ־וואו,
און קאלטע פיס זיך שאָקלען
אויף צווייגען אָב און צו.

און ס׳רינגעלט זיך א קראָהע
פון ווייטען אין דער נאכט,
און ס׳האָט דער ווינד פון ערגעץ
א שטערען אָנגעבראכט.

צושיינט זיך פרום א פנים
אין פינסטערער נאכט ארויס,
ווערט אויבען בלייך דער שטערן
און לעשט צוריק זיך אויס...

פראַדעל שטאַק

סאָנעטען

א

ווי ביז דו ביזט, מיין פריינד — מיין שלעכטער פריינד,
און שטאָלץ ווי יענער יוחנן ביזטו,
וואָס האָט געראַויבט ביים קעניגס־קינד די רוה.
און פונקט, ווי זי, האָב איך דיך איצטער פיינד.

ס'איז ניט ווי עלפאַנט־ביין דיין פּנים בלאַס,
ווי שלאַנגען וויקלען זיך ניט דיינע האָר,
דיין בחור־האַרץ איז ניט ווי יענעמס קלאָר —
פאַרוואָס־זשע ברענט אַזוי אין מיר דער האַס? —

איך האָב דיך פיינט. איך זאָג עס דיר אַצינד:
און טאַנץ איך נאָך אַמאָל דעם טאַנץ פון זינד,
דאַן טו איך'ס אויפ'ן טייוועלס פאַרלאַנג.

און זאָל ער געבען מיר דערפאַר צום דאַנק
דעם לוין, וואָס ס'האָט אַ זינדען־האַרץ די ווערטה:
איך וואָלט פון איהם דיין בעזע צונג באַגעהרט. —

ב

דו טראָגסט דאָס האַרץ אין דיינע שטילע אויגען
בעשטענדיק אום — אַז זאָלסט דערמאָנען מיך
אָן מיינע שווערע זינד, וואָס שטראָפען דיך,
און האָבען שוין דיין שטאָלצען קאָפּ געבויגען.

צי בין איך ווערטה דען דיינע שטילע אויגען?
מיין זעעל איז אזוי הונגעריג נאָך זינד,
און ס׳וועט נישט איינער נאָך, ווי דו אצינד,
ארומגעהן מיט׳ן קאָפּ אראָפּגעבויגען.

און דו וועסט טיעף אין דיר דעם צער בעהאַלטען
און שווייגען שטיל, און איידעל זיין און גוט,
ביז ר׳וועט דיר אויסטרינקען דאָס גאַנצע בלוט.

און נעהמען וויאַנען אינ׳ם הארץ דעם קאַלטען.—
דו „איוב" מיט׳ן קאָפּ אראָבגעבויגען,
צי בין איך ווערטה דען דיינע שטילע אויגען?—

ג

מיט גוטסקייט שטראָפסטו מיך פאר דיינע ליידען,
דו, שטילער דו... און ס׳טהוט מיר אזוי וועה
דיין עדלע שטראָף, דיין שטומער וועה־געשריי,
גלייך וואָלסט מיין הארץ אין טויזענד שטיק צושניידען.

איך קען דיין פייכטען בליק נישט מעהר פערטראָגען...
דיין בליק, פון קראַנקער בענקעניש צוגליהט,
ער בוי׳רט זיך אין מיין זעעל׳ אריין און בריהט,
און זאָגט דעם סוד, וואָס דו ווילסט מיר נישט זאָגען.

יוּן שטילער... כ׳וואָלט נישט איינמאָל צו דיר פליהען,
און אָנשפּארען מיין קאָפּ אויף דיינע קניהען
און ווייגען פון חרטה, ווי א קינד,

און אויסקושען דיין יעדען פינגער דיר
בעזונדער — ביז וואָלסט א שמייכעל שענקען מיר,
וואָס זאָל מיר מוחל זיין די גרויסע זינד. — —

ד

צי זאָל איך מיך פערבאָרגען ערגיץ־וואו
און ווײנען שטיל דעם קאָפּ אראָבגעבויגען,
און אויסווישען צוריק די מיעדע אויגען,
וואָס האָבען קיינמאָל, קיינמאָל נישט קיין רוה?

און לאָזען וואַנדערען אוועק מיין בליק,
ווי ביז אהער, אין גרויע, גרויע ווייטען,
און ווארפען איהם דערנאָך אויף אַלע זייטען,
אין קראַנקער אונרוה יאָגען זיך נאָך גליק? —

צי זאָל איך מיך א וואָרף טהון ווילד אריין
אין מיטען גאס, מיט אָנגעצונד'נע אויגען
און ברומען, ווי א טיגערין, פון פיין,

די דוכענדיגע נאָזלעכער צעפלויגען? —
צי זאָל איך ערגיץ־וואו פערבאָרגען זיין,
און ווײנען שטיל, דעם קאָפּ אראָבגעבויגען...

ה

דער פאָרהאַנג אין שטיבעל אין מיינעם האָט היינט זיך צעריסען
און ס'קוקט די פערזשאַווערטע שילד דורכ'ן פענסטער אריין.
די זונן איז פערטונקלט — בעשטימט וועט א רעגען היינט זיין.
דער ווינד רייסט די שילד, און ער גיט פונ'ם רעגען צו וויסען. —

וואָס האָט זיך דער קאָטער פון יענער זייט פענסטער צוצויגען?
ר'איז שוואַרץ, ווי א רוח, און ער מיאוקעט, ווי קינדיש געוויין,
איהם ווילט זיך אריין, און דער שפּאַלט איז אין פענסטערל קליין —
איהם ווילט זיך אריין... און ער ווארפט אויף מיר גרין זיינע אויגען.

די זונן איז פערטונקעלט, בעשטימט וועט היינט קומען א רעגען:—
ביי מיר הענגט אן אלט אָבגעבליאקעוועט בילד אויף דער וואַנד:
אמאָל איז א זומער א שעהנער געקומען אין א לאַנד

און ס'איז איהם א לאַכענדיק פּאָרעל געגאַנגען אנטקעגען:
א לאַכענדיג פּאָרעל מיט שוואַרצע און בלאַס־בלויע אויגען —
דער זומער דער שעהנער פון דאַמאָלס איז שוין לאַנג פערפלויגען.

רבקה ראָזענטהאַל

[1912]

די לעבענספרייד

א. רייזען געווידמעט

ניט דערפאַר ווילט זיך מיר זינגען,
וואָס מיין ליעדעל דיר געפעלט;
נאָר דערפאַר, וואָס ברייט און אָפען
איז פאַר מיר די שענע וועלט.

כ׳האָב געזונטע, שלאַנקע גליעדער
און א שטימע פול מיט חן.
איך האָב אויגען — פול מיט פייער!
ס׳וויים מיין הארץ ניט פון געוויין...

איך פרעג קיינמאָל ניט: „פון וואַנען?"
און איך פרעג אויך ניט: „פאַרוואָס?"

ווי דאָס פֿויגעלע אין הימעל
זינג איך מיר טאָג איין, טאָג אויס.

קום מיט מיר, גענייעס דאָס לעבען,
אויב מיין זינגען דיר געפֿעלט.
ס'איז דאָך גרויס גענוג פֿאַר ביידען
אָט די וואונדער־שענע וועלט!...

מרים שמר-צונזער

[1912]

פון צפון-זייט

פון צפון-זייט האָט זיך אַ ווינטעל געטראָגען
מיט פרישען פּערפיום פון אַ בליהענדען טהאָל:
מיט זיידענע פינגער געוועבט אין דעם הארצען
אַ בענקשאפט אַ ליעבען, אַ טרוים פון אמאָל.

עס האָט זיך צוגאנגען די אייז אויף די בוימער,
געגערט האָט די וואָרצלען מיט וואסער דער שנעע,
ערוואכט האָט דער שטומער פערלאנג, וואָס געווען איז
פערשלאָסען מיט מורא אין הארצען ביי זיי.

עס ציטערט מיט פריידע דער לעבען דער נייער
אין בוזים פון מינדעסטען קערען, וואָס שטרעבט
צו גאָלדענע זונען; מיט שטילע געזאנגען
דער גייסט פון דער שעפּפונג זיין צויבער-נעץ וועבט

מיט פעדים פון ליעבע, מיט ווארעמע שטראהלען,
מיט בענקשאפט פון גליק, וואָס שוין לאנג איז פערביי;
ער וועבט אויך אריין אַ פּאָר גאָלדענע פעדים
פון פרישע חלומות פון קומענדען מאי.

ווען בלעטער און בלומען פערקערפערן וועלען
די שטילע פערלאנגען פון וואָרצעל און בוים,—
פערבאָרגען אין אומעט וועט דאַן מיין פערלאנגען
מיר בלייבן אין הארצען — אַ נארישער טרוים.

אסתר זײדלער

[1913]

װי א פֿױגעלע

װי א פֿױגעלע אין װאַלד,
װי אַ בלום אין פֿעלד —
בין איך מיט מײַן מײדעלשאַפֿט
אױף דער גרױסער װעלט.

װער עס ליעבט אַ פֿױגעלע,
האַלט עס אין אַ שטײַג;
װער עס ליעבט אַ בלימעלע,
פֿליקט עס אָב פֿון צװײַג...

אביגיל

[1915]

כ׳האָב געטרונקען

כ׳האָב געטרונקען און געגעסען.
(ווען און וואו האָב איך פערגעסען).
פרעהליך, לעבעדיג פערבראַכט.

וויין און ביער האָב איך געטרונקען.
מיט די אויגעלאַך געוואונקען,
און מיט יאשטשערקעס געלאַכט.

און דערנאָך?... מ׳האָט מיך געשלאָגען.
נאָר פאַר וואָס? איך טאָר נישט זאָגען.
אין דער פינסטער מיך פאַרשפּאַרט.

מיין געטרייער איז געקומען,
מיך פון שטריק אַראָפּגענומען
און צום לעבען מיך געבראַכט.

ער איז ווייט מיט מיר אַנטלאָפען.
נאָר זיי האָבען איהם געטראָפען.
מיין געטרייען אומגעבראַכט.

מענשען זאָגען: כ׳בין משוגע.
ניין, אָ, ניין! איך בין אַ קלוגע.
כ׳האַלט אַ שטריק און גער און טראַכט.

קיינער וועט שוין איהם ניט ברענגען.
איך וועל הענגען, הענגען, הענגען.
כ'האלט א שטריק און טראכט און טראכט
פון א בייזער ווינטער־נאכט.

פינגער

גראָבע, ווייסע פינגער... ס'בלישטשעט א בריליאנט.
גראָבע, ווייסע פינגער נעהמען אָן מיין האנט.
אויסגעלאָזטע ווערטער פון א שעהנעם מויל.
צוויי פערשייטע אויגען. יעדער אויג — א קויל.
הענט אזוי ווי שלאנגען נעהמען מיך ארום.
כ'האָב זיך אויסגעריסען, כ'בין געוואָרען שטום.
כ'קאָן ניט שרייען, לויפען. טופ איך מיט די פיס.
לויפט אריין צעטראָגען פונ'ם הויז די „מיס".
איך בעקום היסטעריק — טרייבט מען מיך ארויס.
געה איך אין די גאסען. יעדע גאס איז גרויס.
וויל מען מיך פערנארן... פאלען וויל איך ניט.
צו א שאפ א מיעדע שלעפ איך מיינע טריט.
ווייס איך ניט פון הונגער. בין איך ריין, ווי שנעה.
קוש איך מיינע פינגער, וויין איך איבער זיי.

בערטא בענקענשטאַדט

[1917]

א סאָלדאַטעל

עס גערט זיך א סאָלדאַטעל
שפּאַצירען גאנץ אליין,
און טראכט זיך אומעטיקלעך
פון זיין פערלאָזען היים.

פון פאָטער און פון מוטער,
פון שוועסטער און פון ברידער,
און טראכט זיך אויב ער וועט נאָך
מיט זיי זיך זעהן ווען ווידער.

דאָס בילד פון זיין געליעבטע
ערשיינט בעפאָר זיין בליק,
און טרעהרען הייסע פליעסען
פאר זיין פערלאָזען גליק.

אך! וועט ער ווידער פיהלען
דעם טעם פון זיסען לעבען?
צו קען די וועלט ניט מעהר איהם
אזעלכע פריידען געבען?

עס געהט זיך א סאָלדאַטעל
שפּאַציערען גאנץ אליין,
און טראכט זיך אומעטיקלעך
„כ'בין עלענד ווי א שטיין.“

חנה גערסאָן-ראַבינאָוויטש

[1918]

פון דעם ציקל: „מזרח“

די מואב־בערג

העל די נאַכט אין שיין-געוועב, צעזומט שטיל מיט גערוישען,
וואָס ווימלען לייכט אין קלינגענדען געמיש.
די וואָלקען לוישען
און זאפּען איין דעם הויך פון ד׳ערד, וואָס הויבט זיך ווייך און פריש.
פון וויטעניש אין פינסטערע געשטאַלטען
געשפּיצט און מעכטיג שאָטענען זיך די מואב־בערג,
די שומרים פון׳ם טאָל, וואו ס׳האָט בעגראָבען משה׳ן
גאָט אליין
און אויך זיין קבר אויסבעהאַלטען,
כדי עס זאָל אַ גאָט נישט זיין
דער, וואָס איז נאָר גאָט׳ס ווערק.

שוואַרץ פערקוקט אין העלער נאַכט, ריזיגע, געהיימע,
און טראַגענדיג אויף הייכען משה'ס לעצטען צער,
זיין בענקשאַפט און בעגעהר צום לאַנד, וואָס איז איהם אייגען,
וואָס אָבגעשיידט האָט גאָט פון איהם מיט בערג און גזר,
דערמאָנען שטום די מואב־בערג אין טונקלען שווייגען,
בעוואַכענדיג דעם סוד פון גאָט,—
דערמאָנען אַלץ, צו וואָס מיט שטאַרער אימה
געגאַפט זיי האָבען, און וואָס ס'איז געבליבען סוד,
אין אייביגקייט פערהוילען —
אַזוי ווי גאָט האָט זיי בעפוילען — — — —

אין לבנון וואַלד

ס'האָבען קלאַנגען זיך פאַרבלאָנדזשעט
אין לבנון־וואַלד,
האָט זיי אויפגעכאַפּט אַ צעדער
און צעטראָגן באַלד.

בויגט זיך בוים צו בוים מיט צווייגען
און מיט פרייד פערטרויט:
„ס'ווערט שוין ווידער, ווי דורך שלמה'ן,
ס'מקדש אויפגעבויט!"

וויגען זיך די אַלטע צעדער
אומעטיג, פערטראַכט,
און דער ווינד — דער לץ, דער שטיפער
שפּילט מיט זיי און לאַכט.

אָבגענאַרט האָט ער אויפסניי זיי
מיטן ווייטן קלאַנג —
און לבנון־וואַלד צעפּליסטערט: —
„ס'איז אַ העקער־קלאַנג!"

גיחון

גיחון שטראָמט צעפּלאָסען, קלאָר און פריילעך
און שמייכעלט העל,
בּלוי־שפּיגלענדיג די הימלען
אין לוסט־געשפּיל:
אַמאָל פליסט ער שטיל
און רוהיג און פּאַמעליך,
ווי איינצודרימלען.
און אַמאָל צעצאַפּעלט מיט אַ וועל,
ער טהוט זיך לייכט פערשוימען,
פערוואָרפט אַ זילבּערדיג געלעכטער צו די רוימען —
ער ווייסט פון אַלע ימים, אַלע טייכען
און אַלע קוואַלען — ס'איז נישטאָ צו איהם קיין גלייכען —
ווייל בּיי זיין בּרעג האָט מען געזאַלבּט דעם מלך —
שלמה'ן.

לעגענדע

קיהל פּלאַטערט מיט דופט און גערוישען
אין חולדה דער נאַכטיקער רוים — — —
און שטיל אין „יער־הערצל" זיך טוישען
מיט סודות אַ בּוים און אַ בּוים...

עס וועבּט זיך אַ בּלאַסע לעגענדע
און נעבּעלט אַרום אַ געשטאַלט,
זי האָט נישט קיין אָנהויבּ, קיין ענדע,
נאָר ס'חזרט זי איבּער דער וואַלד...

שושנה טשענסטאָכאָווסקא

[1918]

אין גערטענדעל

געה איך מיר אין גערטענדעל
צווישען בלומען, וועגען —
שמעקען מיר די קווייטעלעך,
ווינקען מיר אנטקעגען.

נעהם איך רייסען זיי געשווינד,
וויל א קרענצעל פלעכטען —
שטעך איך מיר די פינגערלעך
אָן א דאָרן א שלעכטען.

ווינקט צו מיר פון בוים אראָב
הויך פון שפּיץ אַן עפּעל,
כאַפּ איך זיך בליץ־שנעל ארויף —
דרעהט זיך מיר דאָס קעפּעל.

זאָל עס שטעכען ס׳דאָרענדעל,
נאָר זיין בלום מיר געבען!
זאָל זיך דרעהען ס׳קעפּעלע,
נאָר וואָס העכער שוועבען!

שטיפערדיגע אינגעלעך

שטיפערדיגע אינגעלעך
שטעהען פאַר מיין טיר.
„זעהט נאָר, זעהט ווי קליינטשיג!“ —
שפּעטען זיי פון מיר.

בין איך נישט קיין גרויסע,
וועל איך וואַקסען נאָך;
כ׳וואַרט נאָך אויף אַ רעגען,
אויף אַ וואָלקען־בראָך!

און פון זומער־רעגען,
ווייסט מען דאָך שוין לאַנג,
וואַקסט מען ווי אויף הייוון:
הויך און שעהן און שלאַנק.

געהט אַ רעגען ליעבער,
שטעה איך אויף דער גאַס,
ביז׳ן לעצטען פאָדעם
אָבגעצוואָגען, נאַס;

ביז ס׳שיינט אויף דער הימעל
לויטערדיג און העל,
שפּרייט איך אויס דאָס קליידעל —
אויסגעטריקענט שנעל.

כ׳לויף מיך באַלד צו מעסטען
צו דער הויכער טיר —
אוי, אַ שטרייכעל, דאַכט זיך,
צוגעקומען ז׳מיר!

אַ ווייבעלע

געלעבט האָט זיך אַ ווייבעלע
אויף שווער און שווינגערס קעסט,
אַ גאַנצען טאָג אין שטיבעלע,
געהיטען פרום איהר נעסט.

אַ גאַנצען טאָג אין שטיבעלע
(געווען אַ סוד דערביי)—
געלייענט, געלייענט אַ ביכעלע,
יעטוועדעס מאָל אויפסניי.

צווישען איהרע קליידעלעך,
צום חופּה־טאָג געמאַכט,
אַ קליינטשיג גויאיש ביכעלע
אויף קעסט זיך מיטגעבראַכט...

אין רעכטען בוזעם־טעשעלע,
אין שכנות מיט׳ן האַרץ,
פערבאָרגען ליגט דאָס ביכעלע,
אַ ביכעל קליינטשיג, שוואַרץ...

און טרעפט אַמאָהל צו קידוש־צייט—
פערזעסען זיך ביים בוך,
פערחדושט ווארט דער שבת־טיש—
די שנור פערשפּעטיקט זיך...

פערבאָרגען אין איהר שטיבעלע,
אריינגעטאָן דעם קאָפּ
אין ביכעל, לעזט זיך ס׳ווייבעלע
און שפּרייזט אַרויף, אַראָב.

דער שווער, ער קלאַפּט אין פענסטעריל:
„קום, טאָכטערשי, ארויס!“
זי ווינקט אנטקעגען: „כ׳גנע שוין, כ׳גנע,
כ׳גנע שמונה עשרה אוים“...

מירעל ערדבערג

[1918]

באַגינען

אין מאָרגען־באַגינען, ווען ס'גיסט זיך דער הימעל
אין בלוט־רויטע פּרעכטיגע פאַרבען,
ווען אַלץ דאָ ערוואַכט און דערוועקט זיך פון דרימעל,
ראַן ווילט זיך פאַר גליק־ווּעה מיר שטאַרבען.

עס ווילט זיך אין בלומיקען פייער מיר וואַרפען,
צוגעהן אין די העלישע פלאַמען,
און ציטערען מיט זיי אין דעם הימעלשען פּורפּור
און גליהען, פערגליהען צוזאַמען.

צו דער זון

און טאָג איז, דאַכט זיך, שוין גאַנץ לאַנג,
און דאָך אין נעבעל איינגעהילט
שטעהט אַלץ פערגליווערט און פערשמאַכט
און נאָך דיין ליכט פערבענקט זיך פיהלט.

און שיקסטו נאָר דיין ערשטען שטראַהל,
דערוואַכט אין אַלץ די לעבענס־פרייד,
נאָר איך ענטלויף אין טהאָל צום קוואַל,
פון וועלט און מענטשען אָבגעשיידט.

און שטיל בעקלאָג איך דאָרט מיין וועה
אין יענעם שאָטענדיגען אָרט,
און ס'ווייסט קיין איינציגער פון זיי,
צי האַלט מיך פרייד, צי טרויער דאָרט...

יוכבד שענפעלד

[1919]

שרייען וואָלט איך

שרייען וואָלט איך אָהן אַן אויפהער —
שרייען, שרייען
אַזוי ווילד! —
ביז עס וועט אַ האַנד מיך דריקען
פעסט צום האַרצען,
אַזוי מילד...

לויפען וואָלט איך ווייט פון דאַנען —
לויפען, לויפען
דאָרט־אַהין —
וואו עס טאָגט אַ נייער מאָרגען,
וואו עס בליהט אַ מאַי אַ פרישער...

שוועבען וואָלט איך, ווי די וואָלקענס,
שוועבען, שוועבען
אַזוי הויך!
ווי עס שוועבט פערביי דאָס לעבען
אַזוי שנעל —
ווי דער רויך...

וויינען וואָלט איך אין דער פינסטער,
וויינען, וויינען
אַזוי שטיל —
ווי מיין האַרץ, וואָס קלאַפּט און וויינט אָפּט,
און בעקלאָגט זיך —
און איך ווייס נישט
וואָס עס וויל...

מרים וואַהלמאַן-שעראַטשעק

[1919]

מיין פריהלינג

עס האָט מיך געצויגען צו זון און צו שטראַלען,
עס האָט מיך געצויגען צו וועלדער, צו בלומען,
און אָט איז פון טויזענדער, טויזענדער מיילען
דער גאָלדענער פריהלינג צו מיר אָנגעקומען.

עס האָט מיך געטריבען צו פעלדער און זאַנגען,
עס האָט מיך צום טייכעל געטריבען, צום שטילען,
און ס'האָט זיך צעהילכט אין מיין ברוסט מיט געזאַנגען:
— „מיידעל, איך וויל דיינע טרוימען ערפילען!"...

אַ כשוף אַ שענער מיין פריהלינג אין לעבען,
די זון האָט צעקושט און צעגליהט מיין געזיכט;
און ער האָט געוואָלט זיין נשמה מיר געבען,
פיל בענקשאַפט און ליבע, פיל האָפנונג און ליכט...

פייגע באָרנשטיין

[1919]

ביים זונאונטערגאַנג

ווען די זון בעהאַלט איהר פייער,—
טרוימט זי, אז ער איז איהר טרייער!
שטראַהלט געהילט דער הימעל־זוים —
וועקט פערבענקט איהר לאַנג דער טרוים...

שטיל און הייליג־פרום געשפּונען,
האָט קיין אָפּקלאַנג זי געפונען —
ווי עס האָט איהר הארץ געגאַרט!
דאָך דער טרוים האָט אָבגענאַרט...

פלאַקערט, פלאַקערט, פייער־פלאַמען,
אין א ווילדען טאַנץ צוזאַמען —
ברענט איהר אַלץ אויף קויהלען־שוואַרץ,
אויך די ליבע אין איהר האַרץ...

שרה בוים

[1919]

מײנע אָרעמס

מײנע אָרעמס עפּענען זיך פֿער׳חלש׳ט —
עס רוהט אויף זײ די װײסע שעמעװדיגקײט,
עס רוהט אויף זײ דער פּחד פֿאַר די זינד.

פֿאַמעליך קום צו מיר,
מיט לײכטע טריט,
זאָל דײנע טריט דער פּחד נישט דערהערן,
זאָל דײנע טריט נישט אָבשאַלען די זינד —
פֿאַמעליך קום צו מיר...

די אָרעמס מײנע פֿלאַטערען פֿערשלאָסען און פֿער׳חלש׳ט!

געבּענשט זײ

געבּענשט זײ!
פֿאַר יעדען שמײכעל, װאָס דו האָסט געשענקט מיר,
פֿאַר יעדער בּלױער שעה מיט שטראַהלענדיגען גליק,
פֿאַר יעדען טרױם —
פֿאַר יעדען שנור מיט קושען, װאָס דו האָסט מײן האַלז געצירט,
געבּענשט זײ!

פֿאַר ליעדער אױסגעזונגענע אױף מײנע ליפּען,
פֿאַר שטערן אױפֿגעשטראַהלטע אין מײנע אױגען,
פֿאַר א שפּרודלענדיג געפֿיהל,
געבּענשט זײ!

[1919]

פרעג נישט

האָט דיך קײנער גערן — קום אין מײנע אָרעמס,
אײביג זײ בײ מיר!
פאַר דיר איבערשאַפען װעל איך דאָס גן־עדן —
הימלען עפנען דיר.

זעהסטו בין־השמשות, קינד, פערגעהן אין פורפור
העל די זון אין פּראַכט;
זעהסטו די לבנה, װײט אַרום — די שטערן
שײנען דורך דער נאַכט —

אַלץ איז דיר געהײליגט, פאַר דיר פריש געמײסטערט
ליבליכער און דרײסט!
פרעגסטו אַלץ נאָך װײטער: צי איך ליב דיך טאַקי?
פרעג נישט — אַז דו װײסט!...

שרה'טשע זילבערבערג

[1919]

קום

ביזט פון מיר אוועקגעפלויגען —
אך, ווי שרעקליך ווייט!
און איך ווארט אויף דיר, מיין אָדלער,
שוין אַ לאַנגע צייט.

אך, ווי שווער עס איז דאָס בענקען
פון אַ ליבענד האַרץ; —
נאָר די האָפנונגען די זיסע
לינדערן דעם שמאַרץ...

קום צוריק, מיין אָדלער, ליבער!
ס'איז די העכסטע ווייל!
כ'וויל מיט דיר צוזאַמען פליהען
איבער טויזענד מייל — — —

לאה ק. האָפמאַן

[1919]

די פערבלאָנדזשעטע

אַ פרינצעסין איז געגאַנגען
אינ'ם פעלד, געקליבען בלומען;
איז אַ פרינץ פון ווייטע לענדער
אויף זיין פערד צו איר געקומען:
„קום אַרויף צו מיר, מיין שעהנע,
און מיר וועלען ביידע פליהען
צו דעם לאַנד פון זיסען חלום,
וואו די יונגע לעבענס בליהען"...

האָט געזאָגט דער שעהנער ריטער,
און געפאַנגען די פרינצעסין;
איז זי באַלד מיט איהם געפלויגען,
און איהר אייגען לאַנד פערגעסען...

האָט ער זי צו זיך פערקייטעלט,
זי זאָל לעבען איהם פערבלייבען,
ווען די בייזע ווינטען וועלען
קומען זי פון איהם פערטרייבען...

איז דער פערד אין וועג געפאלען,
זענען זיי אין וועג געבליבען,
זענען ווינטען אָנגעקומען,
יעדען אין זיין לאנד געטריבען...
איז די קייט געוועזן א לאנגע,
וועלכע איז אויף איהם געהאנגען.
האָט זי זיך געפיהלט א פרייע;
ניט געוואוסט, זי איז געפאנגען...

און זי האָט גענומען לויפען,
וואו דער ווינט האָט איהר געבלאָזען.
האָט די קייט זיך אויסגעצויגען,
און איהר ווייטער ניט געלאָזען...
איז זי שוין מיט איהם פערבליבען,
אויף זיין קראנקען פערד געפאָרען,
און צום לאנד פון זיסען חלום
האָבען זיי דעם וועג פערלאָרען...

לאה ק. האָפּמאַן

קינדער לידער

דער זייגער

אונזער זייגער האָט איין פוס,
און ער וואַרפט זיך הין און הער;
און די הענטלעך אויף זיין פּנים,
פּונקט ווי קלינגלעך פון א שער
זיינען שפּיציג, קליין און דין,
האלטען זיי זיך אויף א שרויף,
אז מען קוקט ניט, רוקען זיי זיך—
איינס אראָב און איינס ארויף.

און ער רעדט צו זיך אליין,
קיינער ווייסט דאָך ניט זיין שפּראַך:
טיק־טאַק, טיק־טאַק בסדר,
זאָגט ער אלץ די זעלבע זאַך.
קיין מאָהל רוהט ער זיך ניט אָב,
נאָר ער קלאַפּט אלץ טאָג און נאַכט;
אז די מאמע וואָלט מיך לאָזען,
וואָלט איך איהם צורעכט געמאַכט...

דאָס פערדעלע

א פערדעלע א קליינינקען
מאמע מיר געקויפט;
שטעל איך איהם אויף דר'ערד אוועק
זעהן ווי שעהן ער לויפט.
אז דאָס פערדעל ריהרט זיך ניט,
ציה איך איהם ביי'ן עקעלע,
טרייב איהם מיט א שטעקעלע;
בלייבט דאָס פערדעל אלץ נאָך שטעהן
און ער וויל פון אָרט ניט געהן.

די גרויסע פערדלעך זיינען אויך
פונקט אזוי געמאכט,
און זיי לויפען זעהר שנעל;
שטעה איך און איך טראַכט,
וואָס מיט פערדעלען צו טהאָן.
רייס איך איהם די אויגען אויס,
נעהם איהם באַלד די פיס ארויס,
אז ער זאָל נית קענען שטעהן,
אפשר וועט ער איצטער געהן.

גאָט׳ס שפּיעלצייג

אוי, ווי שעהן! א באָל פון פייער
הענגט דאָרט, וואו ס׳איז בלוי;
ווער האָט איהם אהינגעוואָרפען,—
שפּיעלט דען גאָט אזוי? . . .

גאָט האָט זעהר שעהנע שפּיעלצייג,
און ער וואַרפט זיי הויך;
די לבנה איז אויך זיינע
און די שטערען אויך.

ער שפּיעלט אויך מיט טיעפע ים׳ען,
מיט די גאַנצע וועלט;
איין זאך קען ער נאָר נית האָבען,
דאָס איז אונזער געלט.

גאָט איז גרעסער פון דער מאַמען,
פון דעם טאַטען אויך;
וואָס־זשע דאַרף ער זיך דען שפּיעלען
אויבען אין דער הויך?

זאָל ער מיר די שפּיעלצייג געבען,
וועל איך שפּיעלען פיין;
איכ׳ל מאַכען, אַז דער הימעל
זאָל דאָ אונטען זיין...

א שיכפּוצערס חלום

א רייכער פּוצט ניט זיינע שיך
ביי קליינע אינגעלעך, ווי איך.
ער געהט אין שיך, וואָס זיינען ניי,
און געהט דאָ קיינמאָל ניט פערביי.
ער פאָהרט אין זיין אָטאָמאָביל
און קויפט זיך אלצדינג וואָס ער וויל.

אז איך וועל נאָר א רייכער זיין,
וועל איך ניט מאַכען מעהר קיין „שאַין".
מיט פולע קעשענעס מיט געלד
וועל איך ארומפאָהרען די וועלט.
און אינגעלעך, וואָס פוצען שיך,
וועל איך אהיים נעהמען צו זיך.

זיי געבען אָבעסען ביי מיר
און פיהרען זיי אויף א שפּאַציר;
זיי געבען שאָקאָלאַד א פונט,
און זאָגען: „קינדער, עסט געזונד."
דערנאָך וועל איך זיך טהאָן א יאָג
און נ ע ה מ ע ן „שאַינס" א גאַנצען טאָג.

דזשעני ראטנער־בערקאָוויטש

[1920]

אין ווייטן האָריזאָנט

אין ווייטן האָריזאָנט,
וואו הימל פֿאַלט אין ים אַריין,
האָבן פּלוצים טונקל־גרויע שיפֿן מיט פּיראַטן אָנגעיאָגט.
מיט העק, שווערדן און סטילעטן
און מיט אַ ווילדן געבריל
האָבן זיי גענומען פעכטן, שעכטן, שיסן —
אַ שלאַכט אַ בלוטיקע!
האָט דער מערב־ראַנד מיט בלוט זיך באַפּלעקט.

איינער אַ פּיראַט,
מיט ווילדער רציחה,
האָט פֿון הימל אַ פֿייערדיק ראָד אָפּגעריסן
און מיט האַסט אַריינגעשליידערט אין דעם ברויזנדיקן ים.
איז די ראָד מיט גערויש געשוואומען אויף דעם רוקן פֿון ים.

בלוט־געפּלעקטע כוואַליעס האָבן זיך אַ יאָג געטאָן,
ווי טויזנט פערד מיט שוים אויף די ליפּן,
און מיט פייערדיקע פינגער פאַרכאַפּט דעם ברעג פון ברענענדיקער ראָד,
און ציענדיק געשלעפּט אין אָפּגרונט פון ים.
ווערט די ראָד אַלץ קלענער,
קלענער,
און דער ים ווערט רויטער און רויטער.
אַ פלאַמיק פייער צינדט אַרום אַ האַלבע מערב־וועלט,
די ראָד נעמט זינקען טיפער און טיפער.
עס שטעקט אַרויס אַ ברעג פון פייערדיקן קאָפּ:
אַ גוטע נאַכט.

אַ ווינטערפרימאָרגן אין די קאָלאָראַדער בערג

פון אַלע זייטן פינקלען ווייסע פליטערלעך,
און ווייסע פליטערלעך פלאַטערן אין לופטן.
און פון אונטן, אינם גרויען טאָל,
קריכן טונקל־גרויע שאָטנס,
שעפּטשענדיק סודות פון אַ שטורעמדיקער נאַכט:
פון מיט שניי־פאַרוואָרפענע שטיבלעך;
פון קראַנקע מענטשן, וואָס ציטערן פון שאַרפער קעלט;
פון וואַנדערער, צום טויט פאַרפרוירענע אין פראָסט און שטורעם.
און פון אויבן, אינם הימלס בלוי,
שווימען לאַנגזאַם ווייסע טשערעדעס שאָף,
און אָט — זיי פאַרוואַנדלען זיך אין גאָלדענע קעמלען!
און אינם גרינעם טאָל גיסן זיך שוין כוואַליעס גאָלד.

און צו מערב צו
וויקלען זיך די ריזן־קעפּ פון בערג
אין זילבער־היטלען איין.

פון צפון ווייעט אָן אַ פּייפנדיקער ווינט,
כאַפּט אויף אויף זיינע גרויסע פליגלען
בערג מיט גאָלד און זילבערשטויב,
און — כוואַליעס גאָלד מיט זילבער,
אַ ים פון גאָלד כוואַליעט אין דער לופטן הויך און העכער!

דאָרטן שמעלצן זיך צוזאַמען בערג און הימלס בלוי.
און דורך דעם שלייער פון גאָלד מיט זילבער
שטעכט דורך דעם רויט־צעפלאַמטן פּנים
די אויפגייענדיקע זון.

אננא בלאָך

[1921]

אײנזאַם

אויף אַ בערגעל שטעהט אַ הייזעל,
איינזאַם זעהט עס אויס.
בײ דער זייט אַ קליינער גערטעל
און אַ טייכעל פליסט ארויס.

כ'הער אַ שטימע אָפּט פון דאָרטען,
ווי עס זינגט און רופט.
און עס ציטערען די טענער
אין דער בלויער לופט.

דאָרט איז אָפּט אַ פענסטער אָפען
מיט אַ בענקענדע געשטאַלט,
און דער מורמלען פון דעם טייכעל
אונפערשטענדליכעס ענטהאַלט.

און די ווינקענדיגע שטערען
שפּיגלען זיך אין וואסער אָב,
דער לבנה'ס זילבער־שטראַהלען
פאַלען אויך אָהין אַראָב.

און עס בּיינקט דאָרט אַ נשמה
פּונקט ווי איך, אָהן פריינד, אַליין,
און דאָס זינגען אָפּט פערגעהט זיך
אין אַ פּיינענדיג געוויין.

מרים לייב

[1922]

גרוי

א נעבעל וויקעלט זיך אין גאַס,
ווי אַ טריב געוואַנט
און פאַלט אַריין אין יעדענס אויג.

זעהט איינער נאָר דעם צווייטענס גרויע אויגען,
אין די גרויע אויגען רוהט די גאַנצע גרויע וועלט.
קלינגען־קלאַנגען שניידען דורך די לופט,
טריט פון אָבגעמאַטערט מידע פערד.

אַזוי שלייכט זיך שטיל אַוועק דער טאָג,
איך קוק אין גרויקייט און איך שווייג
און הויך דעם גרויען צער —
איך פיהל דעם אומעט פון מיין וועלט.

מרים אולינאָווער

[1922]

אַנטיקעלעך

אַנומעלט האָבען מיידלעך דריי, שעגינקע ווי גאָלד,
מיט טייערע אַנטיקעלעך זיך זאלבאדריט געפראָהלט:

„איך האָב אַ שטערען־טיכעלע,—האָט איינע זיך בעריהמט,—
נאָך פון מיין עלטער־באָבעשי, געקעסטעלט און געבלימט.“

„איך האָב אַ ציטער־נעדעלע,—די צווייטע האָט שטאָלצירט,—
נאָך פון מיין עלטער־באָבעשי, מיט דימענטלעך פערצירט.

און נאָר דאָס דריטע מיידעלע האָט שטיל אין זיך געלאַכט
און שטיל דאָס שויבען־טירעלע פון אלקער אויפגעמאַכט:

„דאָס טייערסטע אַנטיקעלע פערמאָג איך איינע נאָר —
די עלטער־באָבעשי אליין פון איבער הונדערט יאָהר!“

דאָס יחוס־בריוועלע

ווען כ׳האָב פון ליבען שטעדטעלע
פערטרויערט זיך געשיידט,
האָט מיר דער זיידע ביז צום טייך
געגעבען דאָס בעגלייט;

די פריהלינגס־זון האָט אויפגעשיינט,
דער הימעל — זיך צעבלויט,
דער זיידע האָט ביים שייד־וועג מיר
א בריוועל אָנגעטרויט.

פערלאָרען האָב איך איהם, דעם בריעף,
און געה ארום פערקלעמט:
א שפּאָס — אָהן יחוס־בריוועלע
צו בלייבען אין דער פרעמד!

ווער ווייס, צי ס׳ליגט נישט ערגעץ דאָרט
מיט זאמד און שטויב בעדעקט,
צי זענען מיינע אבות נישט
געוואָרען אויסגעמעקט . . .

די פריהלינגס־זון האָט שטיל און מילד
קיין מערב זיך גערוקט,—

עס וואקסט, עס שטייגט מיין בענקעניש,
כ׳געה שיער פאַר צער נישט אויס —
וואו איז דאָס יחוס־בריוועלע
פון אונזער אלטען הויז?

דאָס קאַרשעלע

„זאָג מיר, באָבע־לעב, דו קלוגע,
זאָג מיר, באָבע־לעב, דו שענע:
זאָג, פון וואו עס האָט גענומען
זיך דאָס קאַרשעלע דאָס קליינע

אויף דעם לינקען בעקעל מיינעם?
יעדער נעהמט מיך אויף די צייהן,
מיידלעך שפעטען: „ז׳איז געצייכענט!“
יונגלעך פליסטערען: „ס׳איז א חן!“. . . .

און עס פליסט דער באָבעס שטימע,
ווי א וויַיסער, ווייכער שוים:
„ס׳האָט דיין מאמע זיך פער׳חידוש׳ט
אויף א רויטען קאַרשען־בוים

און זיך אָנגעכאפּט ביי בעקעל,
טאקי גראָד די לינקע באַק,—
ביסט איהר, קינד לעב, אונטערן הארצען
נאָך געשלאָפען גאַנץ געשמאַק . . .

ליב־זשע, ווי א סוד א שענעם,
אָט דאָס קאַרשעלע — גאָטס גנאָד . . .
ס׳האָט דיין מאמע זיך פער׳חידוש׳ט
קאַרשען־צייט אמאָל אין סאָד . . .

מרים אולינאָווער

דער באָבעס זעהונג

הויבט דער מאָרגען אָן צו שיינען,
טו איך דאן דער זון צוליב:
כ׳זעץ ארויס זיך מיט׳ן תהלים
פאר׳ן שוועלכעל פון מיין שטוב.

איינגעבויגען איז מיין רוקען,
ווי פאר׳ן הויז דער קרומער פלויט;
אויף מיין קרבן־מנחה־סדור
שיילט זיך שוין די אלטע הויט.

נאָר השגחה גיט די באָבע
נאָך אויף אלעם, ווען זי וויל,
און איך קוק מיט צוויי פאָר אויגען:
שארף און קלאָר זעהט אלץ מיין בריל!

זעה איך, ווי ביי מיר אין קיכ׳על
איצט א שטילע פוסטקייט הערשט
און פערלאָזט אינמיטען קעהרען
ליגט די אלטע־אלטע בערשט...

און פון דרויסען, זעה איך ווידער,
קלאפט א יוד צו מיר אין קיך,
כ׳זעה דעם שטויב פון דער מדינה
זילבערן זיך אויף זיינע שיך;

כ׳זעה: ער שלאָגט זיך מיט דער דעה,
עפעס יאָגט איהם פון דער שוועל—
און ער געהט ווי ר׳איז געקומען...
איצט אין מוח ווערט מיר העל!—

ס׳מיידעל פלווידערט ביי דער שכנה,
אין דער קיך א פוסטקייט הערשט
און פערלאָזט אינמיטען קעהרען
ליגט די אלטע־אלטע בערשט...

העלער, העלער שיינט דער מאָרגען,
העל, אלץ העלער ווערט אין קאָפּ:
ווער עס ווענדט זיך אָב פון קעהרען,
קעהרט פון איהם דער שדכן אָב!

און געזעהן דאָס האָב איך איינע,
און פערשטאנען, און דערפיהלט,
ווי מיין דינסט האָט אין א רגע
איהרס אנ׳אייגען היים פערשפּילט!

צום „בעשוי“

די באָבע פאָהרט „שויען“. פארטאָגס. א געקאָך,—
מען טראָגט צו דער קאָטש איהר די קופערלעך נאָך;

דער מארק האָט צעווינקט זיך מיט קלייט און מיט קראָם,
און ווינשט איהר א שענעם, א ברייטען ווילקאָם.

געמאכט שוין, מיט מזל, א צוויי־דריי וויאָרסט אקס—
דער באָבעשים פנים ווערט רויט־געלער וואקס...

זיך אומקעהרען וואָלט נאָך געוועזען כדאי:
פערגעסען דעם עיקר! צום גוטען, הלואי!

די שעכטעל מיט זיידענע שטערענדלעך פערפולט —
צו פּרובען ביים „שויען" דער כלה'ס געדולד! . . .

דערווייל האָט אין דרויסען פּאַרנאַכט זיך געמאַכט,
וואָס חלומ'ט אַ באָבען אין גאָט'ס אַ פּאַרנאַכט,

ווען ס'קאָטשעל פליהט שנעל צום „בעשוי", ווי אַ באַהן?
— — — — — — — — — — — — — — — —
און אויסגעצעהלט שטעהט שוין דער טיש מיט נדן.

פון צעהנדליגער ליכטלעך בעשטראַהלט און בעטריפט,
שוין ליגען די תנאים גע'חתמ'עט, פערבריפט.

געהאַרטעוועט פלוצים ווערט ס'האַרץ ווי אַ שטיין:
די תנאים זיי רייסען ביים לייענען זיך איין!

די תנאים—געשריבען אין נחת, אין פרייד—
ווייזט אויס, וועלען אָבגעהן אין טרערען, אין לייד...

די אַלטע זאָג

אונזער קעכין שרייט און רודערט,
ליאַרמט, ווילדעוועט און רעש'ט —
עמיץ האָט איהר פוטער־קוכען
פון דער פאַן אַרויסגענאַשט.

קוקט מיך אָן מיין באָבע־לעבן
מיט דעם מילדען אויגן־גלאַנץ:
„איינגערעגנט וועט דיר ווערן,
טאָכטערשי, דיין חופּה־קראַנץ!"
. . . .

און ווען מ׳האָט געפיהרט מיך — כלה —
צו דער חופּה מיט מיין פריינד,
האָבען מענשען שטיל געשמייכעלט,
אָבער וואָלקענס שטארק געוויינט . . .

נאָר איך בין דיר, רעגען, מוחל:
אין דעם גרויסען חופּה־טאָג
נישט פערשעמט געטאָרט האָט ווערען
מיר מיין באָבעס אַלטע זאָג.

דעם זיידענס שבועה

ארום דעם צעהנטען תמוז,
דעם טאָג, ווען ר׳האָט געיעהרט זיך,
האָט זיך דעם זיידענס וועהטאָג
פערגרעסערט און געמעהרט זיך.

דער רופא איז געקומען,
פערצוייגען שטרענג די ברעמען,—
מען זאָל נאָר זעהן וואָס גיכער
דעם פוס אראָבצונעמען!

דאָך ער — ער שווערט אַ שבועה
ביים טאָג, וואָס ר׳האָט געיערט זיך:
קיין איינס פון אַלע גלידער
צוויי־הונדערט אכט־און־פערציג,

וואָס גאָט האָט איהם בעשאפען,
וועט ער נישט לאָזען מינערן —
און בעסער וויל ער שטארבען,
איי, ס׳לעבען זיך פעראומערן!

דער זיידע איז געשטאָרבן,
שוין ס'לעצטע מאָל געיערט זיך
מיט אַלע זיינע גלידער —
צווייהונדערט אכט־און־פערציג . . .

די צאוה

„גוטע נאכט אויף דיר, מיין שטעדטעל,
און א גוטען תמיד!
צי עס רוישט פון בוים א בלעטעל?
צי גאָר זינגט דער אומעט? —

שפעט. עס רוהען אַלטע טרעפען,
ס'קרעכצט שוין נישט קיין שטאפעל;
ס'נעמט דער טויט די אויגען קלעבען,
כ'זאָג א לעצט „המפיל“. . .

לייענט מיין צואה־צעטעל
מאָרגען אָהן אנ'אומעט:
פון דעם האָלץ, וואָס כ'האָב מיין בעטעל,
שטעהט אין שוהל אנ'עמוד.

וועט איהר מאָרגען מיך בעגראָבען,
נעהמט צעהאקט מיין בעטעל
און גיט מיט דאָם האָלץ דער באָבען
אויף א קבורה־ברעטעל.“

לאנג פערפוילט איז ס'קבורה־ברעטעל,
ס'שטעהט ביז איצט דער עמוד . . .
גוט־נאכט אויף מיין באָבעס שטעדטעל
און א גוטען תמיד!

מרים אולינאָווער

(פון דעם בוך „שבת")

שבת

די שבת־מלכה איז געטריי,
קומט יעדע נאכט צוגאסט אויפסניי,
די שבת־מלכה קומט פון ווייט,
מיט חומש־סדרות רוישט איהר קלייד.
איך הער די ערשטע שטענדיג זי,
דעם שטילען שוועב, דעם לייכטען פליה,
און כ'שטעה, און כ'קוש די לופט אין סאָר,
פער'חלומט גליהט אין מיר דאָס בלוט,
און פון די בייטען שלאָגט א דופט ארויס,
ווי ווען אין פסח־מערזעל מאנדלען כ'שטויס!
נאָר א טראָפּען אומעט אין דער פרייד פארהאן.
שבת רוהט דער סעדער, שבת רוהט די קאן,
צוגערוימט די שאָפּע, זאט מיט וויין דער כוס,
און — די בלומען־בעכער געהן פאר דאָרשט מיר אויס!
איך וועל עסען טשאָלענט, איך וועל עסען קויל,
און דאָס רייזעל חלש'ט, ווערט א שמארצען־קנויל.
טרינק איך מיינע בלימלעך פרייטאָג צווייפאך אָן:
טאָפּעל האָט אויף שבת גאָט געגעבען מן.

און ווער ס'בלייבט צו קבלת שבת
אין מיין סעדעל ליגען,
דער וועט הערען, ווי פון בראשית
געהט א שבת־נגון . . .
ויכלו השמים . . .
האָרך זיך איין פול הדוש:
תהומות זינגען מיט'ן נגון
פון מיין טאַטענס קדוש . . .

שטערן

שפּעטער שאַר איך ווידער זיך צום סאַד אַרויס,
ווען זיך שטערן סדר'ן אין אַ וואָגען אויס,
וויל איך מיט מזלות אויסגעשטעלטע שרעג
שבת'דיג פּערפאָהרען אויפ'ן מילך־וועג.
איינמאָל טיעף־פּערצייטענס פאַר טויזענטער יאָהר
בין איך שוין געוועזען אויבען דאָרט, פּאַרוואָר,
ווען דאָס אידען־מערונג גאָט, דער גרויסער גאָט,
פאַר אברהם'ס אויגען אויסגעשטערענט האָט . . .
גאָט'ס נשמה־אוצר אין שטערן־געשטאַלט
האָט פון טונקלע הימלען שטיל אַריינגעשטראַלט
אין אַ שעהנער דופטיגער כנען־נאַכט
און צום עלטער־פאָטער מילד אַראָפּגעלאַכט
גינגאָלד־בלימלעך פון אַ ווייטער הויכער גערטנעריי,
איך אַ קליינטשיקע צעווישען זיי . . .
וואָס אמאָל געוועזען, וועט שוין מעהר נישט זיין,
ס'קומט אַ צייט, ווען כ'פיהל אַ גרויסע בענקשאַפטס-פּיין,
שאַר איך שטיל אַרויס זיך פון מיין טאַטענס הויז,
ווען זיך שטערן סדר'ן אין אַ וואָגען אויס,
און צום הימעל בליק איך בענקליך און פערטרויט,
כ'וויל אַרויף זיך כאַפּען אויף דער שטערן־בויד!

אַ חמוש־נאַכט

די שבת מלכה שוועבט פון ווייט,
מיט חמוש־סדרות רוישט איהר קלייד...
און ווען כ׳האָב זיך צו דער זעט מיט חומש אָנגעלײנט
און די שטערען ווינקען: „שוין נענוג אויף היינט!“,
קלאַפּ איך אָן אין יעדער איינער מיידעל־וואַנד:
קומט!
מיט גאָלד און זילבער זעה איך ווי ער שפּאַנט,
אליעזר שדכן!

ליכטיק איז די בענקשאַפט,
טונקעל איז די נאַכט,
לאָזט צום גליק אייך, שוועסטער,
זילבער־העל צעלאַכט!
שאָטענס האָט דער אָווענד
שורות־ווייז צעשטעלט —
אפשר וואַרטען שלוחים
אויך אויף אונז אין פעלד . . .

הערט די ווייטקייט ציטערט,
צוקט און בליצט, און רופט —
גאָלדען צירונג שימערן
זעה איך אין דער לופט . . .
לאָזט צום גליק אייך, שוועסטער,
זילבער־העל צעלאַכט,
רבקה׳ס שטערען שיינען
וועט אַ גאַנצע נאַכט!

צומאָרגענס

און שבת־צומאָרגענס ווערט ליכטיג און שען,
קאָנסט וואונדער פון טייטש־חומש הערען און זעהן,
ווען פון באָבעס ווערט ביי אונז ארומגערעדט,
ווי די מאמע שרה לאכט זיך אוים אין בעט
אין איהר שענסטען קאָפּ־טוך, גליקליך, שטאָלץ ביז גאָר,
אז מלאכים־צוזאָג איז געוואָרען וואָר. . .
און פון גאָלד'נעם מזרח שטראָמט א זיסער דופט,
און דאָס סעדער באָדט זיך אין באר־שבע־לופט,
און די הימלען שמייכלען נסים'דיג און בלאָה:
אין די באָבע־יאָהרען ג'האט א זוהנעניו!

א שליחות

דער מאָהן האָט אין סעדעל אויף רויט זיך צעבליהט,
א ווינטעל איז קיהל און דער מאָהן, אוי, ער גליהט,
איך האָב א בקשה און כ'טראָג זי איהם אָן,
דעם ווינטעל, וואָס לאָבט דעם צעפלאקערטען מאָהן:

דו, ווינטעל־שבת'דיגעס!
איך קוק דיך אוים שוין לאנג,
איך האָב פאר דיר א שליחות,
דו מאך פאר מיר א גאנג,
דו לויף צו הינדע־פּעסיע'ן,
לויף איבער בארג און טאָל,
וואָס אויסגעוואָרפען ליגט זי
אין גוי'אישען שפּיטאָל,
וואָס ז'האָט פון קוישען שלעפּען
זיך אויסגעקרומט דעם קארק,
וואָס ליגט דאָרט אָבגעארבייט,
די אידענע פון מארק,

וואָס בענקט צ׳אָן עונג־שבת
דאָרט ווייט פון פריה ביז שפעט,
דו בלאָז אריין אין אויער
איהר וועלכער פרק געהט...

דער זיידעשי

און ס׳ווערט ארום אונז אזא ווייכע די לופט,
דער זיידע צעזינגט זיך פאר׳ן בורא . . .
פאר׳ן זיידען די יונגע אקאציע זיך נויגט,
ווי א בת תלמיד-חכם — פאר תורה...
און שטויבלאך זיי טאנצען א חסידיש׳ס אין ווינד,
און כאפען זיך צ׳ריק בחפזון, געשווינד,
דער זיידע, חלילה, זאָל מפסיק נישט זיין
און ס׳זאָל איהם א שטויבעל אין אויג נישט אריין...

צי איז נאָך דאָ אזעלכער
א זיידעשי, ווי הי?
צי איז דען דאָ נאָך ערגיץ
אָט אזא זיידעשי?
דער זיידעשי דער גאנצער
בעשטייט פון צער און גליק:
איהם זענען דאָך פון קינדערווייז
די הענד שלאנגירעוודיג.
נאָר ס׳רוהט אויף זיי א ברכה
פון גרויסען קאָצקער איד,
א ברכה פול בעגליקונג,
א ברכה פול מיט פריד,
און מיט דער האנד דער זעלבער,
וואָס היינט ז׳איז צענטנער־שווער,
משיח׳ן בן דוד
וועט געבען שלום ער!

רבקה גאַלין

[1915]

אויפ'ן ראנד

אויפ'ן ראנד פון הויכע פעלזען
שווינדעלט מיר דער קאָפּ.
אויך אזוי פון דיינע בליקען . . .
סוק ניט מעהר, לאָז אָב!

דיינע אויגען זענען שווארצע,
מיינע זענען בלוי,
דיינע אויגען — פלאמען פייער,
מיינע — קיהלער טוי.

הימלען בלויע, וואָלקענס שווארצע
מישען זיך צונויף;
ס'וועט געווים א שטורעם קומען,
סוק ניט מעהר, הער אויף!

אין שאָטען

אַרום איז אויסגעשפּרייט די נאַכט,
און אַלץ הילט זי אין שאַטענס איין.
און יעדער שאָטען וועקט אַ שרעק,
ווייל שוואַרץ, ווי זיי, איז ס׳לעבען מיין . . .

און שטיל איז אין מיין צימער, שטיל,
עס דרעמעלט איין די וועלט און שלאָפט.
מיין זעלע נאָר, זי ווייסט קיין רו, —
זי פלאַטערט אַלץ און בענקט און האָפט...

בערג־שטילקייט

אַרום איז שטיל.
עס וואַכט די רוה.
לבנה שוועבט
און הערט זיך צו.

די בערג אין סודות
טוליען זיך,
און שטערען ווינקען,
מיגיען זיך.

אַ בענקעניש
דעקט אַלעם צו:
די בערג, די שטילקייט
און די רוה.

עס דוכט זיך מיר:
איך בין אליין —
אַ שטערן צאַנקענדיק
און קליין,

וואָס מיניעט, ציטערט
אין דער ווייט,
אין דער בלויער
אייביקייט.

מיין דאָקטאָר

מיין דאָקטאָר איז אי גוט, אי ליעב
און העלפט מיר אין געפאַר.
ער ליידט מיט מיינע וועהטאָגען
און טרייסט מיך אין מיין צער.

— „רפואות האָב איך דיר געבראַכט,
איך האָב זיי אימפּאָרטירט פון ווייט,
און דאָס וועט זיכער היילען דיר
די שטעכעניש אין זייט.“

— דו גלויבסט אַליין ניט, דאָקטאָר מיין,
אין דיינע גוטע רייד.
דער טוידט דער קאַלטער, גרויזאַמער,
ער לויערט שטילערהייט.

איך פיהל זיין קאַלטען אָטעמען,
די קנאָכעדיגע הענט,
די שוואַרצע פליגלען פלאַטערען
אין צימער אויף די ווענט

מיט שטארע אויגען הונדערטער . . .
דער סוף, דער סוף איז דאָ!
און ווי א וואָרים ווער איך קליין,
מיך שרעקט די לעצטע שעה.

צי קאָנסטו אימפּאָרטירען מיר
פון אָריענט, פון ווייט
די חכמה און די רוהיגקייט
פון אַלטע גראָהע לייט,

איך זאָל, ווי זיי, בעגעגענען
דעם טוידט אָהן שרעק און פּיין
א ליכטיגע, א רוהיגע
מיט ליעדער און מיט ווייז.

קינדער־לידער

ווען מיך טרעפט דיין קינדעריש בליק

ווען מיך טרעפט דיין קינדעריש בליס,
ציטערט אלץ אין מיר פון גליק.
ס׳שמייכעלט דאן די גאַנצע וועלט,
אלעס זינגט און אלעס קוועלט.

פּלוצים שווינדט די פרייד אוועק,
און עס גנב׳עט זיך א שרעק
אין דער מאמעס הארץ אריין —
און עס מישט זיך שרעק און פּיין . . .

עפעס ווערט מיר מאָדנע שווער
און עס קייקעלט זיך א טרער;
ס'זאָל, חלילה, ס'מזל דיין
ויסט און שווער ווי מיינער זיין.

ווען עס מישט זיך שרעק און פרייד,
טוה איך תפילה שטילערהייט:
„גאָט אליין זאָל היטען דיר
פון א מזל ווי ביי מיר!"

מיין מיידעלע

מיין מיידעלע, א קליינינקע,
מיט גרויסע בלויע אויגען,
איהר פנים'על דער זיסינקער
מיט טרויער איז פערצויגען.

איר הינטעלע דער ליבינקער
איז פלוצים נאָר אנטלאָפען.
זי וויינט, זי בענקט, די קליינינקע,
זי קאָן ביינאכט נים שלאָפען.

די מאמע פרובט זיך טרייסטען איהר
מיט צאצקעלאך, מיט שפיעלען.
דאָס קינד איז אָבער אויפגערעגט —
מען קאָן עס נים פערשפיעלען.

— „דיין הינטעלע א שלעכטער איז,
נים וויין, מיין קינד, נים וויין, —
ווען ער זאָל ליעבען דיך — געלאָזט
וואָלט ער דיך נים אליין."

א ווײַלע בלײַבט דאָס קינד פערטראַכט,
מיט אויגען פולע טרערען,
און כליפּענדיג רעדט זי אַרויס
קוים-קוים וואָס מען קאָן הערען: —

איך ווײס עס אַלעס, מאַמעשי,
איך ליעב איהם ווי מײַן לעבען,
הלוואי נאָר קומט ער שוין —
איך וואָלט איהם אַלץ פערגעבען" . . .

דער מאַמעס פּנים רויטעלט זיך,
זי שעפּטשעט: „טאָכטער מײַנע,
דו ביזט דאָך ריכטיג טראָפּענס צוויי,
ווי די מאַמע דײַנע" . . .

בערטא קלינג

[1916]

און —

עס קאָן זיין:
איר זאָלט אין מיין שטוב אריין,
ווען איך וועל ניט זיין,
און מיין גיריקייט נאָך אייך
וועט פון איעדן ווינקל
אייך די האנט דערלאנגען:

זיצט און רוט אייך אָפּ,
וועלן אייך די שטולן בעטן.
און דער טיש
וועט אונטערטעניק ווארטן:
זעצט זיך נעבן מיר.

נאָר דערנאָך,
אז איך וועל קומען,

ווען שעה'ן־לאַנג דאָס האַרץ מיר וויינען:
איר זיינט געוועזן,
און איך האָב אייך ניט געזען.

און —
עס קאָן זיין:
איר זאָלט אין מיין שטוב אַריין,
ווען איך וועל זיין,
און אַ קעלט וועט אייך באַגעגענען,
און פאַרלוירן וועט איר אַרומגיין

זוכן ווי אַרויסצוגיין.
ביידע וועלן מיר זיך זען,
נאָר ניט דערזען.

און דערנאָך:
איר וועט שוין ניט זיין,
וועט שעה'ן־לאַנג דאָס האַרץ מיר וויינען:
איר זיינט געוועזן,
און איך האָב אייך ניט דערזען.

מיין טיש

וועל איך האָבן טרוקן ברויט,
וועט עס אויף מיין טיש זיין גרייט.
טאָמער וועל איך האָבן ווייַן,
וועט מיין טיש מיט ווייַן אויך זיין.
איר וועט קומען
און וועט גיין,
גלייך ווי קיינמאָל ניט געוועזן.
נאָר די ברעקלעך אויפן טיש,
און די גלעזלעך פון דעם וויין
וועלן די סמנים זיין.

ווען עס הויבט זיך אָן

ווען עס הויבט זיך אָן דער טאָג
און די קינדער מיינע
גייען איינציקווייס
פון הויז ארויס
צו די געפארן
פון דעם טאָג,
פון דער שטאָט —
שטיי איך פאר דער טיר,
און בעט צו דיר:
ברענג זיי, גאָט,
צוריק צו מיר,
אומבאשעדיקט
פון דעם טאָג,
פון דער שטאָט.

און ווען עס גייט אוועק דער טאָג,
און עס קומט די נאכט,
און דו האָסט מיינע קינדער
מיר צוריק געבראכט:
אומבאשעדיקט
נאָכן טאָג —
דאנק איך, גאָט, דיר
פאר דער גאנצקייט
פון מיין יעדן גליד,
פאר דער רו פון מיין געמיט.

טאָמער וועט דאָס לעבן

טאָמער וועט דאָס לעבן
אונדז אויף צווייען איבעררייסן:
אויף לעבנס צוויי צעטיילן —
גוטע אָדער שלעכטע —
סיי־ווי איז פארפאלן.
וועל איך אין די גוטע
אין די שווערע טעג
איבערטראכטן,
דריי מאָל יעדן טאָג:
צי דיין מאָלצייט איז אין צייט?
און אין די שפּעטע שעה'ן
פון מיין יעדער נאכט,
וועל איך איבערטראכטן:
צי איז דיין געלעגער ווייך?

קום צו מיר

קום צו מיר,
נאָר ניט דערגיי צום לעצטן טראָט.
רעד צו מיר,
נאָר ניט דערזאָג דאָס לעצטע וואָרט.
זאָל דאָס ניט־דערגאנגענע,
דאָס ניט־דערזאָגטע
זיין דאָס ליכט:
וואָס זאָל אונדז ביידן
דורך די וואָכעדיקע טעג
אייביק
אונדזער גאנג באלייכטן.

אז איך ווייס ניט

אז איך ווייס ניט דעם וועג
דיינע וועגן צו גיין,
טאָ לאָז, גאָט, מיין שטיבל
ביים ברעג דאָרטן שטיין,
און אלע, וואָס וועלן
פארמאטערט פון גיין,
וועלן אַ שיין
אין מיין פענצטער דערזען.
די טיר וועט זיין אָפן,
קומט אלע אריין
און דערפרייט מיך,
מאכט העלער די שיין.

שוועסטער מיינע

איך ווייס נישט, שוועסטער מיינע,
צי דאַרף אזוי זיין, צי ניט,
וואָס דו ווייסט יאָ דעם וועג
פאר מיינע וואקלענדיקע טריט,
און איך ווייס ניט.
נישט דעם וועג פאר דיר,
נישט דעם וועג פאר מיר.
איך ווייס נאָר,
אז ווען עס פעלט מיר ברויט אין שטוב,
און דו ביסט זאט,
ליגסטו שפעט ביינאכט אין בעט
און שלאָפסט פאר צער נישט איין
צוליב מיין פיין.

און טרעפט, אַז מיר איז גוט,
און דיר ווערט שווער דיין איינן לעבן צו פאַרטראָגן,
שלאָפסטו דאַן נישט איין
אויס קנאה צו מיין גליק.
איך ווייס נישט,
צי דאַרף אַזוי צו זיין, צי ניט...

איך וואָלט וועלן

איך וואָלט וועלן,
אַז נאָכדעם,
ווי מיין שעה וועט שלאָגן,
זאָל איך קאָנען אין דער שטיל
זיך פאַרגעגנבענען,
אַז קיינער זאָל ניט זען,
און
אַריינגיין אין מיין הויז
אויף איין רגע בלויז.
אַלצדינג הערן,
אַלצדינג זען,
יעדן ווינקל,
וואו בין געווען.
און די קינדער מיינע זען,
צי זיי זיינען ווי געווען,
ווען איך בין מיט זיי געווען?

דו האָסט מיך צוגעדריקט

דו האָסט מיך צוגעדריקט צו זיך
און ניט געוואוסט,
אַז אַ קנעפּל פון דיין אַרבל
האָט מיינע האָר פאַרצויגן,
און געריסן האָב איך,
צוגעמאַכט די אויגן,
פאַר פרייד און וויי
די ליפּן זיך געביסן,
און געשוויגן.

דו דערמאָנסט מיר

דו דערמאָנסט מיר
אָן אַ שערבל,
וואָס אַ דאָרשטיקער
טרעפט אָן ביים ברונעם.
נאָך איידער
ס'איז צום מויל דערגאַנגען,
איז דאָס וואַסער אויסגערונען.

ווי אַ נישטגעטראָגן קלייד

ווי אַ נישט-געטראָגן קלייד
פון אַ טויטן,
הענגען
מיינע ניט־דערערדטע רייד
צו דיר.
און פאַרגייען
מיט מיר.

ציליע דראַפּקין

[1917]

מיין מאַמע

מיין מאַמע
א צווייאונצוואַנציקיאָריקע —
אַן אַלמנה מיט צוויי קליינינקע קינדער געבליבן —
צנועהדיק האָט זי באַשלאָסן
צו קיינעם א ווייב מער נישט ווערן.
שטיל האָבן זיך אירע טעג און יאָרן געצויגן,
ווי פון א קאַרגער, וואַקסענער ליכט באַלויכטן.

מיין מאַמע איז צו קיינעם א ווייב נישט געוואָרן.

נאָר אַלע פּילטעגיקע, פּיליאָריקע,
פּילנאַכטיקע זיפצן
פון איר יונגן און ליבנדן וועזן,
פון איר בענקענדיק בלוט,
האָב איך מיט מיין קינדערשן האַרצן פאַרנומען,
טיף אין זיך איינגעזאַפּט.
און מיין מאַמעס פאַרבאָרגענע, זודיקע בענקשאַפט
האָט זיך, ווי פון אַן אונטערערדישן קוואַל,
פריי אין מיר אויסגעגאָסן.

איצט שפּריצט פון מיר אָפן
מיין מאַמעס זודיקער,
הייליקער,
טיף פאַרבאַהאַלטענער באַגער.

מיינע הענט

מיינע הענט —
צוויי שטיקלעך פון מיין לייב,
וואָס איך שעם זיך ניט צו ציייגן,
מיט פינגער, ווי די צווייגן
פון אַ קאָראַלן־בוים —
מיט פינגער,
ווי צוויי נעסטן מיט ווייסע שלאַנגען,
אָדער ווי צעלאָזענע געראַנקען
פון אַן ערטאָמאַן.

איך בין אַ צירקוס דאַמע

איך בין אַ צירקוס־דאַמע,
און טאַנץ צווישן קינזשאַלן,
וואָס זיינען אויפגעשטעלט אויף דער אַרענע
מיט די שפּיצן אַרויף.
מיין בויגזאַם־לייכטער גוף
מיידט אויס דעם טויט פון פאַלן,
באַרירנדיק קוים־קוים דעם שאַרף פון די קינזשאַלן.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם קוקט מען אויף מיין טאַנצן,
און עמיץ בעט דאָרט פאַר מיר גאָט.
פאַר מיינע אויגן גלאַנצן
די שפּיצן אין אַ פייערדיקער ראָד,
און קיינער ווייסט ניט,
ווי מיר ווילט זיך פאַלן...

מיר בין איך פון טאַנצן צווישן אייך,
קאַלטע שטאָלענע קינזשאַלן.
איך וויל מיין בלוט זאָל אייך דערהיצן,
אויף אייערע אנטבלויזטע שפּיצן
וויל איך פאַלן —
נאָר איך האָב קיין מוט.

איך ליג אין האַמאַק

איך ליג אין האַמאַק,
דורך צווייגן שיינט הייס אריין די זון,
איך פאַרמאַך מיינע אויגן
און זע אַ בלויע כינעזישע שריפט
אויף אַ גאָלדענעם בלאַט.
ליכטיקע בלויע כינעזישע אותיות
פינקלען אַרויף און אַראָפּ,
ווי קליינע פאַנטאַסטישע פענצטער
אויף אַ וואַנט פון אַ גאָלדענעם טורעם.
איך פאַרשטיי ניט די שריפט,
נאָר עפּעס פאַרדריקט מיין האַרץ,
איך דערמאָן זיך:
„איך ליב דיך, איך ליב דיך“,
אַזוי לעז איך די בלויע
כינעזישע שריפט.

וואָס איך זאָג און טו

וואָס איך זאָג און טו —
טובלסטו אַלץ אין קווט פון דיין פאַרדאַכט
און לאַכסט אויס מיט קאַלטע שווערע בליקן.
— זשאַבעס הויבן מיטאַמאָל אָן שפּרינגען פון מיין מויל,
ווערים גליטשען זיך אַראָפּ פון מיינע פינגער,
ווי ביי אַ פאַרזעעניש, אַ מכשפה, ווערן מיינע אויגן.

מיינע הענט, ווי שלאַנגען,
וואָס ווילן דיך דערשטיקן.
נאָר מיינע פיס, פאַרשעמטע, ליבע, ווי אַמאָל,
שטייען צוגעקלעפּט צום דיל.
אומזיסט פּרוּאוון זיי אַנטלויפן פון דיינע
קאַלטע אויסלאַכנדע בליקן.

דו דערנידעריקסט מיך היינט

דו דערנידעריקסט מיך היינט
מיט דיין נישט קוקן אויף מיר,
מיט דיין שווייגן,
ווי אַן אָפּגעשיידטער אין דעם שאָטן פון נסיון.

איך וואָלט וועלן,
דו זאָלסט ניט אַראָפּנעמען פון מיר דיינע אויגן,
און עפּעס מיר שטיל דערציילן,
און איך זאָל דיך הערן,
זינקענדיק אין דיינע אויגן.

קוק אויף מיר, ווי דאַן,
ווען איך האָב דערפילט,
ווי דו נעמסט מיין נשמה אין דיינע הענט
און קושסט זי שטיל...

דו קווועלסט, איך קוועל

דו קווועלסט, איך קוועל.
עס קוועלט אין אונז דער גאָט,
וואָס מאַכט פון אַלץ אַ תל,
וואָס ווייסט ניט פון פאַרבאָט.

קלאַפּ צו מיינע הענט,
קלאַפּ צו מיינע פיס צו אַ קרייץ;
פאַרברען מיך, ווער פאַרברענט,
פאַרנעם מיין גאַנצן רייץ.

און לאָז מיך טיף פאַרשעמט,
זויג אויס און וואַרף אַוועק;
און ווער פאַרפרעמדט, פאַרפרעמדט,
אויף אַ באַזונדער וועג.

איך האָב דיך נאָך נישט געזען

איך האָב דיך נאָך נישט געזען
אַ שלאָפנדיקן.
עס ווילט זיך מיר זען, ווי דו שלאָפסט,
ווען דו פאַרלירסט דיין מאַכט איבער זיך,
איבער מיר.
עס ווילט זיך מיר זען דיך אַ הילפלאָזן,
אַ שוואַכן,
אַ שטומען.
עס ווילט זיך מיר זען דיך מיט אויגן
פאַרמאַכטע, אָן אָטעם.
עס ווילט זיך מיר זען דיך אַ טויטן.

איך בין אַ דערטרונקענע

איך בין אַ דערטרונקענע
אין אַ טיפֿן ברונעם.
עס זעט נאָך מיין אויג
דיין בלויען אויג פֿון אויבן,
וואָס זוכט מיך און וויל מיך רעטן.
צי אפשר איז דאָס גאָר
אַ שטיקל בלויער הימל,
וואָס קוקט, ווי דיינס אַ בלוי אויג, אריין אין ברונעם?
עס ציט מיך אזוי דער שטילער אָפּגרונט,
דאָס שווארצע וואסער, די טיפֿקייט.
די פֿארשימלטע ברונעם-ווענט
זיינען גליטשיק,
און מיינע הענט פֿארלירן די קראַפֿט
פֿון בארירונג מיט זיי.
— — — — — — — — — — — — — — —
דו זעסט מיך שוין מער ניט,
דו נעמסט אוועק דיין בלוי אויג פֿון ברונעם.

איך וועל אַנטלויפֿן

איך וועל אַנטלויפֿן פֿון אייך אַלעמען
צו מיין קליינעם יינגעלע.
פֿון אייך אַלעמען,
מיט דאָרשטיק־הייסע,
מיט קאַלטע בליקן,
מיט פּנימער פֿון פֿריינט און פֿון שונאים —
צו זיין ליכטיקן פּנים.
אים פֿאַרוויגן.
שטיל אים צודעקן.
אָדער גאָר —
שטיל אים אויפֿוועקן,
קוים באַרירנדיק מיט קושן.
„מאַמע!"
— דיין, דיין, דיין מאַמע.
דו אַליין האָסט רעכט אויף איר.

אין אַ שטילן, טונקעלן דיסס,
ביים וויג פֿון מיין קינד,
וועל איך מיך ראַטעווען
פֿון אייך אַלעמען.

ראשעל וועפּרינסקי

[1918]

איך בין ווי מיין קלייד

איך בין ווי מיין קלייד —
שטיל פּייער און זייד,
מיינע טונקעלע וויעס
פלאַטערן און ציטערן,
ווי די זיידענע ברעגן
פון מיין קלייד;
און פון מיין דורכזיכטיקן נאַקן
ציט זיך אַרויף מיין האַלדז
וויים און דין,
און פאַרבענקט נאָך טויט.

דאָס ליד

איך זע —
עס הענגען אָפּגעהאַקט די אוזאָרן
אויפן ברעג פון טוך
און שטרעקן זיך אומזיסט...
אָפּגעהאַקטע געלבלעכע קלאַווישן,
בלייכע שפּיצנפינגער, אויערלעך —
ליפּלעך האַלבע שטרעקן זיך —
שטרעקן זיך אומזיסט...
און עס הויבט זיך אָן אַזוי
ביי מיר דאָס ליד.

אַ טאָג

הייזער — שווערע, טעמפּע קעפּ
שפּאַרן אָן אין נידעריקן בויך פון הימל,
מענטשן קליינע אויפן שליאַך
בלאָנטערן די פּיס אין דרימל.

סטאַיעס קליינע פייגל ציען דרום וואו,
זיי רעגן ניט דאָס האַרץ מיט זייער רוף פון פליגל,
די זון — אַט איז די זון; זי איז קליין און טרויעריק,
קליין און טרויעריק, ווי מיין טאַשן־שפּיגל.

שניי

דער בלאַסער הימל הענגט איבערן טאָג
ווי אַ מיידלש פּנים.
מיידלש־קלאָרער, פּוכיק־בלויער שניי.
דאָס לייב איז גרינג, די טריט — קוים־קוים זיי רירן אָן
די בלויע שטערנדלעך אין שניי...
דער רוים איז גרוים — איך בין אַ ווייסער פויגל,
איך שנייד די לופט מיט מיין ברוסט
כאָטש איך שטיי פאַרגאַפט.

איך ווייס ניט פאַרוואָס

איך ווייס ניט פאַרוואָס
גיי איך היינט מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט
אַרום זיך אַרום;
כמעט אויף די שפּיצפינגער.
איך קוק אין שפּיגל:
מיינע האָר לייגן זיך מיט קלוגשאַפט און מיט ליבשאַפט,
דאָס פּנים אויסגעצערטלט בלייך...
אַרום די אויגן טונקלען זיך סודות —
און אין די שוואַרצאַפּלען דערקען איך —
דאָס ביסטו —

גערן אומגערן

גערן אומגערן — אומגערן גערן,
טוסט אַ שפּיל אויף מיר מיט דיינע אויגן,
טוט אַ זינג צו דיר מיין בלוט לבנה'יק העל.
שטערן חלשן פאַרצערט —
ברי ניט אומגערן מיט דיינע פינגער.
גערן, גערן, פאַל איך ווי אַ זאַנג
אונטער דער קאָסע פון דיין ליב.

איך וועל אַרומנעמען מײַנע אַקסל

איך וועל ארומנעמען מיינע אקסל
מיט מיינע ווייכע הענט,
צומאַכן די אויגן,
וועלן אַלע מיינע אומרועז און אנגסטן,
ווי פויגל פריינגעלאָזענע,
זיך אוועקטראָגן פון מיר.
איך וועל אויף א גאָלדענער שטריק
זיך אראָפּלאָזן טיפער, טיפער,
אין די טיפענישן פון מיין שלאָף.
בויגזאם, ווי א זאנג,
אָדער אין מיין נאקעטקייט, ווי דאָס מיידל פון דער לבנה,
אָדער גאָר ווי אַן אויסגעטראַכטע אין זילבערנע סאַנדאַלן,
וועל איך אומוואנדלען
זוכן א ווייסן וועג
אין די טיפע, בלוי־רויטע הײלן
פון מיין שלאָף.

אָ, מײַן שפּראַך

אָ, מיין שפּראַך,
דו ביסט זילבעריק בלוי —
דו ביסט ליכטיקער גאָלד.
און וואָס טו איך מיט דיר? —
איך שפּיל זיך מיט דיר,
ווי קליינע מיידלעך מיט זייערע פּופּעס,
מיט זייער שפּילצייג אויפן דיל —
איך פאַרווירבל זיך אין מיין שפּיל.

נאָר אָפּט שנייד איך מיינע ליפּן איבּער דיר,
צי דיך פון מיינע זאַנפטע צעלן,
און ווי אומזיכטבּאַר־גאָלדענע שטריק
פאַרוואַרף איך דיך צום הימל.
איך פלעכט דיך אין פורעמס נאָך מיין געשטאַלט,
איך פליק דיך ווי בּליטן פון אַ ווייסן וואַלד,
פון אַ זילבּערנעם וואַלד.

פון מיינע שלאַנקע גלידער

פון מיינע שלאַנקע גלידער וויינען קינדער ניטגעבּוירענע,
וואָס ווילן דורך מיין לייבּ די ווייסע וועלט דערזען
און אויפבּליען אונטער דער זון
מיט קעפּעלעך געקרויזלטע,
אויגעלעך בּרייט־פאַרוואונדערטע,
שוואַרצינקע און בּלוי.
נאָר טיף אין זיך פאַרטויבּ איך
יענע קלאָרע שטימעלעך
מיט טויזנט שטימען פון אַ פיבּערישן דראַנג
צו זיין, ווי איצטער, אייבּיק אַזוי בּויגזאַם, אַזוי שלאַנק
און פריי פאַר מיין קאַפּריז,
פאַר נעכט געשטערנטע,
און פאַר דיינע צערטלענדיקע הענט —
זאָלן מיינע טעג כאָטש ווערן האַסטיקער פאַרשוועגדט,
אַז דאָרטן וואו איר וואַרט, —
איר וויינענדיקע אויגעלעך אונטער די ווייסע טויערן,
קומען זאָל איך יונג צו אייך.
איך וועל אייך שטיל צוזאַמענעמען
אונטער מיינע מאַמע־פליגלען
און אויף עפּעס טרויערן
און וויינען שטיל מיט אייך.

ווען איך זאָל קינדערלעך געבוירן

ווען איך זאָל קינדערלעך געבוירן,
יעדן יאָר אַ קינד ביז איך וועל האָבן צען;
ווי וואונדערלעך דאָס וואָלט געווען!
איך וואָלט זיי דורך די טעג געזויגן און געוויגט,
און אין די אָוונטן וואָלט איך ביים קליינעם ליכט
לייבעלעך פון וואָל פאר זיי געשטריקט,
העמדעלעך און ווינדעלעך וואָלט איך פאר זיי געוואשן,
פארטאָג, ווען אַלע שלאָפן,
וואָלט איך זיי צעהאנגען אויף די שטריק,
און וואָלט אַ ווייליניקע געשטאַנען,
נעקוקט אין גרויסן, בלויען הימל
אויב ס'וועט היינט רעגענען,
און ס'וואָלט מיין הארץ באהאלטן אָנגעקוואָלן
פון דעם שירך־שאָרך,
וואָס דער ווינט מאכט,
טרייבנדיק די שטריק הין און הער;
אויפבלאָזנדיק ביכלעך אין די העמדלעך און ווינדעלעך,
ווי די פאָנען פון אַ זעגלשיף —
די פאָנען פון מיין זעגלשיף —
ווי וואונדערלעך דאָס וואָלט געווען.

אידא גלאַזער

[1918]

פליסט אַ שטראָם

פליסט אַ שטראָם אין טיפעניש פון מיין הארץ.
וואָס מאכט מיר אויס, צי גרוי עס איז דער טאָג, צי קלאָר?
פילפארביג ווי דער טורמאלין אין העלען שיין פון זון
רוישט און לויפט אזוי דער שטראָם זיך טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר.

ווילדע בלומען, ווילדע גראָזען וואקסען אויף זיין ברעג.
אין די ווילדע גראָזען הילט מיין הארץ זיך איין.
און מיין גרויע ווירקליכקייט שפיגעלט זיך אין שטראָם,
שפילט זיך מיט'ן וואסער־שוים אין רעגענבויגען־שיין.

דער לעצטער קלאַנג

פון איין זייט טיר שטעהסטו אצינד
און הערסט נישט אויף צו קלינגען.
פון וועהטאָג בייס איך זיך די הענט
און דרעה זיך אויף אין רינגען.

עס רייסען זיך די פיס צום טיר —
אין שטול בלייב איך דאָך זיצען,
און הער צונויפגעדרעהטערהייט,
ווי מיינע ציינער קריצען.

דער לעצטער קלאַנג פון דיינע טריט
אין שטילקייט ווערט פארשלונגען,
און אין דער שטילקייט ווער איך אויך,
ווי דיינע טריט פארזונקען.
— — — — — — — — — — — —

עס וועט זיך קיינמאָל מער מיין טיר
ניט עפענען פאר דיר...

טרוקענער געוויין

אַ שטיַלער שלוכץ,
אַ קאָנוואולסיווער ציטער,
פעסט געפרעסטע ליפען —
שטיל און שטום...

פארקריצטע ציין,
געצוקטע אקסלען,
נאָר פון האלז ווען הערט זיך
אַ פארשטיקטער ברום.

נימאָ קיין טרער
אין אויג פארמאַכטען,
אין קישען טיף
דאָס פּנים קרום.

אליין מיט זיך —
פאַר קיינעמס אויגען...
דאָס צימער טונקעל,
שטיל און שטום...

אין לאַבירינט

כ׳האָב זיך אין לאַבירינט פאַרפּלאָנטערט —
קאָן שוין ניט געפינען מער מיין וועג.
שטעה איך צווישען די געדרעהטע שטעגען —
ווייס ניט וואו צו ווענדען מיינע טריט...

פירען ברייטע שטעגען רעכטס און לינקס,
פירען שמאָלע טרעפּ ארויף, ארונטער;
ברענגען זיי צו טיר פעסט פאַרשפּאַרטע,
ברענגען זיי צו וועגען מער פאַרדרעהטע...

אָפּגעריסען האָב איך זיך די נעגעל,
רייסענדיג די שטומע, טויבע טירען...
מיד געוואָרען בין איך שוין פון פּלאָנטער
אויף די פרעמדע, קרום־געדרעהטע שטעגען...

וועט שוין אָבער באַלד די זון ארונטער —
טאָרען מיינע מידע פיס ניט רוהען...
מוז איך זוכען... אין די טירען קלאַפּען...
וועל איך ווען מיין וועג געפינען?

אידא גלאַזער

אויפֿן וואַסער

אויפֿן וואַסער — זילבער־שײַן, גלימער־שײַן:
זאַמד פֿון ברעג — אַ קלאָרער, ווײַסער שניי,
קושט דעם שניי איצט ווײַסער שוים, ווײַסער שוים.

שפּילען כוואַליעס זײער שפּיל — כשוף־שפּיל:
יאָגען, טראָגען, אײַלען זיך צום ברעג —
און צוברעקלען זיך אין ווײַסען שוים.

הערט די שטילקייט זײער ליד, אײביג ליד,
און צום טאַקט פֿון געזאַנג — וואַסער־קלאַנג
טאַנצען פֿאַרלעך אינ׳ם שניי, ווײַסען שניי.

טאַנצען ריטמיש הין און הער, הין און הער;
דרעהען זיך ווי שאָטענס אויף אַ ווײַסען פֿעלד,
אײַנגעהילט אין זילבער־שײַן, מאַטען שײַן.

שפּילען פֿאַרלעך זײער שפּיל — כשוף־שפּיל:
יאָגען, טראָגען, ווי די כוואַליעס, זיך בײַם ברעג —
און צוברעקלען זיך אין ווײַסען שוים...

פּעסי הערשפעלד

[1918]

נאָקטורן

ל. מאַטעסן

גרויער שטויב אַף דער לעוואָנע.
בוימער־סילועטן,
דערשראָקענע הירשן
מיט פאַרפּלאָנטערטע הערנער,
הילן זיך אין גרויקייט.

זאַפטן שפּאַרן זיך פון ערד אַרויס,
קנאָספּן פּלאַצן אין דער נאַכט אַריין.
שטיל, — א בלעטל ווערט געבוירן . . .

טויערן

ערגעץ וואַרטן אַף אונדז טויערן.
גאָלד־באַזוימטע טויערן.
און די טעג אונדזערע טרוייערן,
ווי אַ רייע איינזאַמע בערעזעס
אין אַ וויינענדיקן האַרבסט־טאָג —
ענלעך איינע צו די אַנדערע.

און די וועגן פירן אונדז
באַרג אַראָפּ, באַרג אַרויף,
ביז זיי וועלן דערפירן אונדז
צו די גאָלד־באַזוימטע טויערן...

צווייגלעך נאָך פאַרטריקנטע

צווייגלעך נאָך פאַרטריקנטע,
בלעטלעך ניט צעוויקלטע
אין מיין הארצן קאָרטשען זיך,
קאָרטשען זיך פון קעלט...

בענקען נאָך אַ זונענשטראַל,
נאָך דעם טוי פון וואַסערפאַל —
אין מיין הארצן קאָרטשען זיך,
קאָרטשען זיך פון קעלט...

ציען זיך און הויבן זיך,
ווילן דאָרט דערהויבן זיך,
ליכטיקע דערהויבן זיך
צו אַ נייער וועלט.

ווייסע גענז

ווייסע גנעז, ווייסע גענז,
טרייבט אַליעסקאַ, ווייסע גענז.
טראָפּנס טוי, ווי קרישטאָל,
פינקלען אינם גרינעם טאָל.
גאַ־גאַ־גאַ, גאַ־גאַ־גאַ.
טרייבט אַליעסקאַ ווייסע גענז.

אַראָפּ צום טייך, אַראָפּ צום טייך,
באָדן זיך די ווייסע גענז.
זונען־שטראַלן שטיפן אום
אָף די פליגלען פון די גענז.
גאַ־גאַ־גאַ, גאַ־גאַ־גאַ.
אָף די פליגלען פון די גענז.

אַליעסקא און מיקאָלא

אַליעסקאַ אַ יונגע,
אַ פּויעריש מיידל,
אַ גרינער קאַפּטאַנעק,
אַ לייוונטן קליידל,
רויטע קאַרעלן,
אַן אויסגענייט פאַרטוך,—
אַליעסקאַ ז'פאַרליבט
אין מיקאָלאַן דעם פּאַסטוך.

מיקאָלאַ אַ יונגער,
פול פּויערשן כיין,
דערזעט ער אַליעסקאַן,
ער שטשירעט די ציין.
אַליעסקאַ זי וואַרט שוין אויף אים

אין איר הויף,—
ווען ער רופט אויף דער דודקע
די טשערעדע צונויף.

אויף די פּלייצעס אַ טאָרבע
מיט ציבעלעס, ברויט.
ס'איז שווארץ און פארברענט
פון זיין פּאָנים די הויט.
אַ סמאָטשק מיט די ליפּן,
אַ שפּיי און אַ פייף.
דעם שטרויענעם קאפּעליוש
אָנגערוקט שטייף.

אָליעסקא באַגלייט אים
מיט שיקסעשע בליקן.
ער זאָגט איר:
„איך וועל דיך אין וואלד
דאָרט דערשטיקן,
אזוי ווי דער אָדלער, וואָס פּליט מיט זיין רויב,
וועל איך דיך דערשטיקן,
האָלובטשיק — מיין טויב"...

ציגיינערקעס

ברוין־געזיכטיקע, שווארץ־אויגיקע,
שווארץ־צעפּיקע ציגיינערקעס,
אין רויטע, גרינע טוכן
און אין קוויטנדיקע קליידער,—
ווי פלאַטערלינגען, פארביקע,
אין פרילינג־טעג אין גאָלדענע,—
וואָס בלאָנדזשעט איר ארום דאָ
אין דער רווישעדיקער גאס?

שוואַרץ־אויגיקע ציגײַנערקעס
מיט רינגען אין די אויערן,
מיט רויטע שנור־קאַרעלן
אויף די קופּער־ברוינע העלדזער,—
ניט דאָ פאַר אײַך צו אומבלאָנדזשען
אין גרויסער שטאָט, אין קאָכעניש,—
צוריק אין אײַער וויגעלע,
אין ברייטן פרייען פעלד!

דאָרט אין דער געדיכטעניש,
צווישן ווילדע קרייטעכצער,—
עס גריזשען פערד דאָס פרישע גראָז
און קאָפּען שוואַרצע ערד —
וואו אײַערע געליבטע,
מיט אויגן ווי די פײַערן,
קאָכן זיך און שילטן זיך
פאַר נעגאַנוועטע פערד.

אהין! צעלייגט אַ פײַער דאָרט,
אַז צווייגן זאָלן פלאַקערן!
אַז ביימער זאָלן וויגן זיך
און ציטערן די ערד!
זאָל גליענדיק און פלאַמענדיק,
ווי איר אליין שוואַרץ־אויגיקע,
צעוויגן זיך, צעטראָגן זיך
אײַער ציגײַנערש ליד!

מיין שטעטל

. . . איז מיין שטעטל
טויט, טויט.
בעטן דאָרטן קינדערלעך
ברויט, ברויט.

ליגן שטיבלעך כאָרעווע
פוסט, פוסט.
בלויז אַן אַלטע באַבושקע
הוסט, הוסט.

מישוגאָים לאַכן דאָרט.
שוואַרצע ראָבן ענטפערן
קראַ! קראַ! קראַ!

אײדאַ טילעס

[1918]

צום וואַגאַבונד

כ'האָב ליב דיך, וואַגאַבונד, דו שלעפּער־יונג.
איך עפן ברייט פאַר דיר מיין טיר:
קום, מיין פריינט, אין הויז צו מיר!
לאָמיר טרינקען אַ גלעזל וויין
און פאַרטרינקען אונזער זיין...
מיין נאַטור, ווי דיין, איז פריי —
כ'בין אַ שקלאַפין סיי־ווי־סיי.
כ'בין אַ שקלאַפין, כ'בין אַ הונט,
כ'בין אַ וואָרים אינם שימל,
און טרוים פון דיין פרעיריי־בלויען הימל;
פון דיינע פויגל־פרייע וועגן;
פון דיין קיניגרייך אין רוים:
דו ביסט דער האר פון דיינע שעה'ן,

דו ביסט דער אויספּרוך פון וואנזין־וועלט,
דו ביסט פאַרגליווערטער פון שטיין!
מיין וועלט — פינצטערניש א שרעק!
ס'הענגען גלאָקן ניט געקלונגען,
לידער שטומען ניט געזונגען.
רוקן — שווער און גלידער — מיד,
קייטן שלעפּן גליד נאָך גליד...

א בלום

דו, אַלערנעמענדיקע און קאַלירנדיקע בלום,
לאָקסט מיך ניט מיט דיין אַראָמאַט,
דו — פון טוי און לופט, וואָס זאַט:
ביסט א צייטפאַרטרייב
ביי יענער ווייב,
וואָס נעמט אַלע אין דער פרי
ציען אירע הענט און קני,
און ביי בטלנים א פאַרלאַנג
צו זוכן דיין באַרוף
אין ווערטערבוך.
אָט רייס איך דיך אַראָפּ פון צווייג,
און נעם דיך אהין
אינם גערויש פון קראַפּט־מאַשין.
הערסט דעם רעדל־קלאַפּ?
און דעם חלף־בליץ?
פילסט דעם ציטער פון די בלייכע הענט?
און דעם פאַרגליווערטן געוויין פון קאַלטע גרויע ווענט?
ווי עס רעווען ווילד
מחנות הינט —
אויף צעשטערטע טעג און שעה'ן! —

פון לעבנס אײנגעהילט אין גרויען
אינם אומקום דורך אײזן־קראפט...
נאָר דו, מײן בלום,
מיט דײן אראָמאַט,
ס'האָט דיר די לופט פון שטויב און רויך פארשאַדט.
ליגסט, װי אַ פּגר, אויף מײן האַרץ,
אי געל, אי שוואַרץ.
אָט װאַרף איך דיך פון שטאָק אַראָפּ.
אונטן שטײט אַ שכור מיט אַ פליכן־קאָפּ,
און די נאָז איז רויט;
אינם אָפפאַל פון דער שטאָט
אַזוי ער שטײט.
רײסט דעם געלן טאַבאַק
פון קעשענע אַרויס,
און קײַט און שפּײַט.
און אַז אַ רויטע נאָז, איז וואָס? —
אַ מײדל האָט ער סײ־װי־סײ,
אַ בעסער בלום, װי דו — עט, ניט כדאי...
בליקט ער מיט אויגן, װי דורך אַ ברודיק גלאָז,
און מיט דער רויטער נאָז
אַרויף־צו אין דער הייך
צווישן קוימען־רויך,
פון וואַנען ס'איז געקומען,
ווער וואַרפט אים בלומען?
גיט ער זיך אין פליך אַ קראַץ,
און זעצט דיך אויף זײַן לאַץ.
ער גײט צו איר — צי פרי, צי שפּעט.
אַ ברודיק װינקל און אַ בעט.
דיר, מײן בלום, אַזאַ שאַנד
דורך מײן האַנט.

טאָג

און אז אין מיטן נאכט?—
ווײנסטו אין דער נאכט אריין ווי א קראנקער הונט,
בײסט דײן אײגן לײב ביז בלוט —
ניט גאָט, ניט מענטש, ניט שד עס הערט דיך צו;
שלומערסט מיטן באגינען פון דײנע װוּנט ארויס,
שפרײט א טאָג זײן אומרו גרוי.
הימלען שטרייפן גרוי — קינדער פון דער נאכט געבוירן
צעוואקסן זיך אין פולן ליכט.
פון מזרח רײסט זיך אויף א רויטער פּאס,
צוזאָגנדיק א זון,
וואָס וועט ניט שענקען הײנט איר פרייד צו דיר.
שטומע גוואלדן —
שטומע ווייען גליווערן אין גרוי!
און די באאייזנטע קאָפּיטעס פון די פערד,
אין שווערע וואָגנס געשפּאנט,
מיט אײלנדיקע טריט,
גארן נאָך רו,
אײלנדיק אין יאָך, ווי דו.
ברומט דער צאָרן אויס זײן ליד
אויפן ברוק פון גאס,
אויפן שטויב און מיסט —
אונטער אײלנדיקע טריט,
אונטער בראזגענדיקע טריט.
רעוועט ווילדע פײפן פון די עקן שטאָט.
ווײנען שווארצע קוימענס
מיט קנוילן שווארצע טרערן
אויף מידע לעבנס
און אויף טויטן ווערן...

אסתר פּעווזנער

[1919]

די שליסל מיינע

איך בּיינק נאָך דיר,
דיין פּנים האָב איך קיינמאָל ניט געזעהען.
א טיפער טרויער נאָגט און נאָגט מיין הארץ.
אליין בּין איך פאר זיך א צייכען אין דער לופטען,
א באוועגונג, וועלכע זוכט א ציעל.

אין א שווייגען־נעץ בּין איך פארפּלאָנטערט,
אין דער שטילקייט קלאפּט זיך אָפּ מיין בּליק.
אין פארגליווערונג פארמאך איך מיינע אויגען —
עס עפענט זיך ערגעץ ווייט פאר מיר א לאנד.
אין יענעם לאנד בּיסטו,
בּיי דיר די שליסלען מיינע.

פארשלאָסען אין מיין וועלט, בּין איך אליין פארבּליבּען.
רייס דעם שווייגען־נעץ פון מיר ארונטער,
וועל איך פריי צו דיר אין יענעם לאנד זיך לאָזען.
אומזיסט פּרואווסטו די שליסלען צו אלע טירען,—
זיי נוצען קאָן נאָר איך אליין.
מיין וועלט איז פעסט פארשלאָסען.
איך בּיינק צו דיר
פון לאנד פון מיינע סודות.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

[1919]

פרויען לידער

א

עס וועלן די פרויען פון אונזער משפּחה
בײַנאַכט אין חלומות מיר קומען און זאָגן:
מיר האָבן אין צניעות אַ לויטערע בלוט איבער דורות געטראָגן,
צו דיר עס געבראַכט ווי אַ וויין אַ געהיטן
אין כּשרע קעלערס פון אונזערע הערצער.
און איינע וועט זאָגן:
איך בין אַן עגונה געבליבן, ווען ס'זיינען די באַקן—צוויי רויטלעכע עפּל—
אויף בוים נאָך געשטאַנען,
און כ'האָב מיינע ציינער די ווייסע צעקריצט אין די איינזאַמע נעכט
פון דערוואַרטונג.
און איך וועל די באָבעס אַנטקעגן גיין זאָגן:

אייערע זיפצן האָבן ווי פּאַכיקע בייטשן געטאָטעמט
און האָבן מיין לעבן מיין יונגן געטריבן פון שטוב צום ארויסגאנג,
פון אייערע כשרע בעטן אנטלויפן.
נאָר איר גייט מיר נאָך, וואו די גאַס איז נאָר טונקל,
וואו ס'פאַלט נאָר אַ שאָטן.
און אייערע שטילע פארשטיקטע געוויינען יאָגן נאָך מיר זיך ווי
הארבסטיקע ווינטן,
און אייערע רייד זיינען זיידענע פעדים אויף מיין מוח פארבונדן.
איז מיין לעבן אַן אויסגעפליקט בלאַט פון אַ ספר
און די שורה די ערשטע פאַרריסן.

ב

צו דעם וועל איך קומען,
ווער ס'האָט דער ערשטער מיר מיין פרויען־פרייד געבראַכט, און זאָגן:
מאַן,
כ'האָב נאָך איינעם מיין שטילן בליק פאַרטרויט
און אין אַ נאַכט לעבן אים מיין קאָפּ געלייגט.
איצט האָב איך מיין צער ווי בינען אָנגעשטאָכענע
ארום מיין האַרץ געבראַכט,
און האָב קיין האָניק ניט אויף לינדערן די וואונד.
און ס'וועט דער מאַן מיך אָננעמען ביים צאָפּ,
וועל איך אַנידערברעכן זיך אויף ביידע פיס,
און בלייבן אויף דער שוועל, ווי די פארשטיינערונג פון סדום.
איך וועל די הענט ארויפהויבן צום קאָפּ,
ווי ס'פלעגט מיין מאַמע טון ביים בענטשן ליכט,
נאָר ס'וועלן מיינע פינגער שטיין
ווי צען געציילטע זינד.

אמאָל איז אַ שטיינערנער טרעפּ
אַזוי זיס ווי אַ קישן,
אַז כ׳ליג זיך אַנידער לאַנג־אויס אויף זיין קאַלטקייט,
ווען כ׳קאָן ניט דערטראָגן צום שטאָק צו דעם דריטן
מיין קאָפּ מיט די דינע פּאַרטריקנטע ליפּן.
כ׳בין דעמאָלט אַ שטילע פּאַרחלשטע מיידל,
וואָס שאַרט זיך אָן דר׳ערד מיט פּאַרגליווערטע גלידער
און בלייבט ערגעץ ליגן
אַליין ביידערנאַכט אויף די שטיינערנע שטיגן.

ד

פּאַר כּלות אָרעמע, וואָס זיינען דינסטמיידלעך געווען,
צאַפּט די מוטער שרה פון פּעסער טונקעלע
און קרוגן פינקלדיקן ווײַן.
ווען ס׳איז אַ פולער קרוג באַשערט,
טראָגט די מוטער שרה אים מיט ביידע הענט;
און ווען ס׳איז באַשערט אַ בעכערל אַ קליינס,
פאַלט דער מוטער שרהס טרער אין אים אַריין.
און פאַר גאַסנמיידלעך,
ווען ווייסע חופּה־שיכלעך חלומען זיך זיי,
טראָגט די מוטער שרה האָניק לויטערן
אויף קליינע טעצעלעך
צו זייער מידן מויל.

פּאַר כּלות אָרעמע, פון אַ מיוחסדיקן שטאַם,
וואָס שעמען זיך דאָס אויסגעלאַטעטע וועש
ברענגען צו דער שווינגער פאַרן אויג,
פירט די מוטער רבקה קעמלען אָנגעלאָדענע
מיט ווייסן לייוונט־ליין.

און ווען די פינצטערניש שפּרייט אויס זיך פאַר די פּיס,
און ס'קניען אַלע קעמלען צו דער ערד צו רו,
מעסט די מוטער רבקה לייוונט אייל נאָך אייל
פון די פינגערלעך פון האַנט
ביזן גאָלדענעם בראַסלעט.

פאַר די, וואָס האָבן מידע אויגן
פון נאָכקוקן נאָך יעדן שכנותדיקן קינד,
און דאַרע הענט פון גאַרן
נאָך אַ קליינעם קערפּערל אַ וויקס
און נאָך אַ וויגן פון אַ וויג,
ברענגט די מוטער רחל היילונג־בלעטער,
אויסגעפונענע אויף ווייטע בערג,
און טרייסט זיי מיט אַ שטילן וואָרט:
ס'קאָן יעדע שעה גאָט עפענען דאָס צוגעמאַכטע טראַכט.

צו די, וואָס וויינען אין די נעכט אויף איינזאַמע געלעגערס,
און האָבן ניט פאַר וועמען ברענגען זייער צער,
רעדן זיי מיט אויסגעברענטע ליפּן צו זיך אַליין,
צו זיי קומט שטיל די מוטער לאה,
האַלט ביידע אויגן מיט די בלייכע הענט פאַרשטעלט.

ת

ס'איז נעכט אַזוינע פרילינגדיקע דאָ,
ווען ס'וואַקסט אונטער אַ שטיין אַ גראָז פון דר'ערד אַרויס
און ס'בעט דער פרישער מאָך אַ גרינע קישן אויס
אונטער אַ שאַרבן פון אַ טויטן פערד.
און אַלע גלידער פון אַ פרוי בעטן זיך צו ווייטאָק פון געבורט.
און ס'קומען פרויען און לייגן זיך ווי קראַנקע שאָף

בײַ קרעניצעם — אויף הײלן זײער לײַב.
און האָבן שוואַרצע פּנימער פֿון לאַנגיעריקן דאָרשט
צום קינדס געשרײ.

ס'איז נעכט אַזוינע פֿרילינגדיקע דאָ,
ווען בליצן שנײַדן אויף מיט זילבערנע חלפֿים
די שוואַרצע ערד.
און פֿרויען שוואַנגערע — צו ווײַסע טישן פֿון שפּיטאָל
קומען צו מיט שטילע טריט
און שמייכלען צום נאָך נישט־געבוירענעם קינד
און אפֿשר נאָך צום טויט.

ס'איז נעכט אַזוינע פֿרילינגדיקע דאָ,
ווען ס'וואַקסט אונטער אַ שטײן אַ גראָז פֿון דר'ערד אַרויס.

ו

אין נעכט, ווען איך בין וואַך,
און ס'קומען צו מיר טעג מײַנע פֿאַרגאַנגענע
זיך פֿאַר די אויגן שטעלן,
קומט פֿאַר מיר מײַן מאַמעס לעבן.
און אירע אויסגעדאַרטע הענט
אין צניעותדיקע אַרבל פֿון נאַכטהעמד אײַנגעהילט,
ווי אַ גאָטספֿאָרכטיקע שריפֿט אין ווײַסע גווילים,
און ס'בײַזערן זיך ווערטער פֿון „המפּיל“,
ווי פֿײַערדיקע קוילן געלאָשן פֿון איר שטיל געבעט,
און אויסגעטריקנט איר דאָס מויל,
ווי אַ פֿאַרדאַרטע פֿלוים.

און ס׳קומען אירע טרערן, ווי אַ קאַרגער איינציקטראָפּנדיקער רעגן.
און ערשט,
אַז כ׳בין אַליין אַ פרוי,
און גיי אין ברוינעם זייד געקליידט,
מיט בלויזן קאָפּ
און נאַקעט האַלדז,
און ס׳האָט דער אומגליק פון מיין אייגן לעבן מיך דעריאָגט,
און ווי אַ קראָ
אויף אַ קליין הינדעלע ארויפגעפאַלן,
איז אָפט באַלויכטן העל מיין צימער אין די נעכט,
און כ׳האַלט די הענט איבער מיין קאָפּ פאַרוואָרפן,
און ס׳זאָגן מיינע ליפּן אַ שטילן איינפאַכן
געבעט צו גאָט,
און ס׳קומען טרערן, ווי אַ קאַרגער איינציקטראָפּנדיקער רעגן.

אָפּגעשיטע בלעטער

אַן אַלטער סדור ליגט פאַר מיר
מיט בלעטער געלע איינגעבויגענע אין ראָגן:
ביי תחינות וועגן טל און מטר,
ביי דער עקדה יצחקס
און ביי דעם ברענענדיקן קאַלעך־אויוון פון נמרד.
עס זיינען טרערן דאָרט געפאַלן שטילע
און ווייך געמאַכט דאָס בלאַט,
ווי ווייך אַ האַרץ ווערט ביי אַ תחינה,
און יהי רצונ׳ס זיינען אַלע אויסגעטייטלט מיטן פינגער,
און שוואַרץ פאַרלאָפן פון דעם זיבנמאָליקן זאָגן.
איז ווער וועט איצטער דעם סדור גאָטס־פאָרכטיק
אונטערן אָרעם טראָגן?

און ווער וועט איבערמישן געלע בלעטער?
אפשר גאָר זאָל איך אים נעמען אויף מיין גרין געדעקטן טיש,
אוועקלעגן אין מיטן,
און ווען א טרוקעניש וועט פאלען אויף מיין הארץ,
דעם סדור נעמען צו די ברענענדיקע ליפּן.

אָטוואָצק

ווילעם — עגנות פארלאָזטע פון מענטש און פון וואוינען.
נידעריק פּלויטן. ס׳וועט דאָ קיינער נישט קומען אויף גנבענען עפּעס בּיינאכט.
וועגעלעך שמאָלע — פארגליווערטע פינגער אין פּארק,
און בּוימער — מצבות פון עמיצנס אויסגעשפּייט הארץ.
נישט קיין טראָט. נישט קייל קול.
כא-כא-כא — הילכט א הוסט פון אן אָפענעם פענצטער ארויס:
ס׳גייט דאָרט עמיצער אויס . . .
איז מיין הארץ דאָ א גאסט.
א צעשראָקענע האסטיק צעיאָגט עס מיין בלוט,
37,3° — 37,5°
און ס׳האָט קיינער מיט טריט נישט צעפּודלט דעם וועג.
איך בּין דאָ?
דאָ־דאָ־דאָ — קלאפּט מיין הארץ.
איז די ערד דאָ פארקאמט מיטן שניי און פארגלעט,
נאָר א הענדלער גיט הילכיק אמאָל א געשריי:
—פּאָמעראנצן ווער קויפט?—
שטעקט ארויס זיך א האנט — אן אָפּגעוועלקט בלאט:
—„פּראָשען מניע“.

ניט לאָז מיך אונטערגיין

ניט לאָז מיך אונטערגיין, ווי ס'נידערט אָפּ א שטיין
צום הארטן גרונט,
און מיינע הענט זאָלן ניט דאר ווערן,
ווי צווייגלעך פון א בוים, ווען ס'שלאָגט אראָפּ דער ווינט
די לעצטע בלעטער.
און ווען ס'רייסט אויף דער שטורעם דעם גרויען שטויב
מיט רעש און וואָיען,
זאָל איך דיר זיין די לעצטע פליג,
וואָס צאַפּלט זיך צעשראָקן אויף א שויב.

ניט לאָז מיך אונטערגיין,
כ'אָב אזוי פיל געבעט,
נאָר ווי א גראָז דיינס
אין ווייטן ווילדן פעלד
פארלירט א קערנדל אין שויס פון דר'ערד
און שטארבט אוועק,
פארזיי אין מיר דיין ליבנדיקן אָטעם,
ווי דו פארזייסט א קערנדל אין דר'ערד.

ס'איז גוט דעם קאָפּ באהאלטן

ס'איז גוט דעם קאָפּ באהאלטן אין א סקירדע היי
און איינשלאָפן פון שמעקעדיקן גראָז.
און ס'חלומט זיך א פעלד און האָז
און אלץ, וואָס ליב איז הערן און געדענקען.
נאָר ס'שטעלט א קראָ זיך אויפן סקירדע אויפן שפיץ,
און עפנט אויף א הייזעריקן מויל א ברייטן.

און קראַקעט אויס, אַז ס׳איז שוין שפּעטער האַרבסט,
אַז ס׳זיינען פעלדער וויסט
און פּוסט זיינען די בייטן.
און ווען דער ערשטער שניי וועט פאַלן,
וועט גרוי ווערן דער קאָפּ,
און ס׳וועט די ליפּ די אויבערשטע זיך אָנהויבן צו קנייטשן.

אַ מצבה

ווען ס׳איז מיר קאַלט אין וועג פאַרטאָג
און כ׳שעם זיך מיט מיין גרין געזיכט
אריינפאָרן צו זיך אין שטאָט,
ווייל טאָמער וואַכט אַן אויג אין וועג
און וועט מיין עלנטקייט דערזען,
און וועט מיין אומגליק אויסמעסטן —
אָט דעמאָלט וויים איך מיט מיין גאַנצן איסגעוויינטאַקסט בלום,
אַז דו ביסט, מאַמע, טויט,
און ס׳איז ניטאָ שוין מער דיין וואַרעם בעט
אַ גרייטע צוטוליען מיין ליידיק לעבן.
און זאָל איך, אפשר, דורכפאָרן ביי זיך לעם שטוב,
ניט אָפּשטעלן דעם וואָגן,
און לאָזן פירן זיך צום פעלד
און דאָרט, צוקאָפּנס ביי דעם שטילן בערגל ערד
אליין זיך גאָר פאַר אַ מצבה שטעלן?
אָנשטאָט אַן אויפשריפט וועלן מיינע ליפּן
שטיל און וויטאָקדיק זיך קרימען:
„מאַמינקע, מאַמינקע מיינע.“

רחל ה. קאָרן

[1919]

דיר

כ׳בין דורכגעווייקט מיט דיר, ווי ערד מיט פרילינגדיקן רעגן,
און ס׳הענגט מיין בלאָנדסטער טאָג
ביים קלאַפנדיקן דופק פון דיין ערשטן וואָרט,
ווי א בין ביים בליענדיקן צווייג פון ליפעס.

און כ׳בין איבער דיר, ווי דער צוזאָג פון שפע אין דער צייט,
ווען אין פעלד גלייכט זיך אויס דער ווייץ מיטן קאָרן
און לעגט זיך מיט דער האָפענונג פון גרינקייט
איבער די אויסגעקערטע פאָדלאָגעס פון שפייכלערס.

פון מיינע שפיצן־פינגער טריפט געטריישאַפט אויף דיין מידן קאָפ,
ווי גאָד געלער האָניק —

און מיינע יאָרן —
פעלד, אויף וועלכן ס'טרעטן דיינע פיס,
ווערן פעט און אָנגעשוואָלן
פון ווייטיק — ד י ך צו ליבן,
געליבטער מאַן.

זומערדיקער רעגן

ווי די פאַרזעסענע מיידלעך שטייען איבערצייטיק
פולע לאַנעס תבואה
און וואַרטן אויף די זינגענדיקע מחותנים,
וואָס זיינען אַלץ נאָך נישט געקומען
צוליב די אַבלדיקע, כמאַרנע רעגן־טעג.
זיי קוקן מיט פאַרשעמטע קאָנקאָל־אויגן
אין דעם זומערדיקן הימל,
וואָס האָט זיך אָנגעטאָן אויף בלויען, יונגן קאָפּ
אַ גרויע עלטערבאָבע־קופּקע
און וויינט אויף פעלדערס טרויעריקן מזל.

אין קאַמערס הענגען, נאָך פון צייט פון ערשטן היי,
די קאָסעס אויסגעשאַרפט און בלישטשענדיק מיט חתן־לוסט און פרייד,
און קוקן אויס דעם ערשטן, בענטשנדיקן שמייכל פון דער זון,
וואָס וועט זיי רופן צו דעם חופּה־טאַנץ
איבער די צייטיק־ברוינע, פולע לאַנעס.

רחל ה. קאָרן

פרימאָרגן אין דאָרף

ס'באַהאַלט דער סאָד דעם טיפן סוד פון נאַכט
אין שאָטן־לײַלעכער פון ערשטער מאָרגן־גרויקייט.
עס שפּרינגען שוין די ערשטע רויזנרויטע שטראַלן זון,
ווי וועווערקעס פון בוים צו בוים, פון צווייג צו צווייג
אַלץ נידעריקער צו דער ערד, אַלץ נידעריקער
און טרינקען צו דער זעט איר קילן טוי.

די גרויע פּעכערס רויך אויף דעכער שטרויענע פון כאַטעס
גיבן צו וויסן דעם בלויען, פּרילינגדיקן הימל,
אַז ס'האָט די צייט פאַראַקערט נאָך איין נאַכט
און גייט אַרויס אַנטקעגן זון מיט אירע אָקעראַייזנס
אויף ברייטע פעלדער פון דעם נייעם טאָג.

ס'באַווייזט זיך ערגעץ אויף אַ שוועל אַ יונגע שיקסע,
שטרעקט אויס אַנטקעגן נייעם טאָג איר נאַכטיש אויסגעוואַרימט לײַב
און קוקט זיך אום, צי ס'קומט נישט אָן מיט זיינע גניאַדע פערד
דעם שכנס זון —
טוט אָן אויף אירע ווייכע אָרעמס האַרטע קאַראָמיסלעס
און גייט דעם ערשטן, פרומען גאַנג צום ברונעם.

די קאַנען טאַנצן, הוידען זיך פון ביידע זייטן
צום טאַקט פון אירע זינגענדיקע טריט
און לאַשטשען זיך דורך דינעם לייוונטקליידל צו די פיס.
און אַז זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף לאַנגער רוט אין ברונעם
און שעפּן דאָרשטיק מיט די נאַכטפאַרשמאַכטע מיילער
פון מאָך באַוואַקסענעם דנאָ דעם קילן מאָרגן־טראַנק.
לאַכט ווער פון טיפעניש צו זיי מיט אַ פאַרשטיקטן קול:
„בול, בול"
און רוימט זיי סודות איין,
פון וועלכע ס'טרוימען שוין אַ גאַנצן טאָג די קאַנען
אין זייער שפּינוועב־אויסגעבעטן ווינקל ביי דער טיר.

חשון

די פרישע, שוואַרצע סקיבעס ערד
ליגן הכנעהדיק און מיד אנטקעגן אָסיענדיקער זון,
ווי די געווינערינס אין זייער ערשטן קימפּעט,
וואָס שמייכלען שטיל אפער פון זייער וויטיק
און זיינען גרייט צו ווערן מאַמעס נאָך־אַמאָל.

עס זיינען זיך צונויפגעקומען ווראָנעס צו דער שמחה,
שפּאַצירן מיט געציילטע, דריבנע טריט,
זוכן מיט שוואַרצע, קלוגע אויגן אויסגעגראָבענע ווערים
און שאָקלען מיט די קעפּ, ווי אַלטע מומעס
בשעתן קייען שטיקלעך לעקעך מיט די בלויע יאַסלעס:
„נישקשה, עצ׳ט דערלעבן נחת נאָך צום פרילינג“.

ווינטער

דער ווינטער האָט געגעבן שלום מיט זיין האַנט דער ערד,
געקומען, דאַכט זיך אויף אַ קורצער צייט צו גאַסט,
געזוכט זיין נאַכטלעגער אין טיפע טאָלן,
געקאָרטשעט אין די שמאָלע, קליינע ראָוועס,
זיך עפּעס ווי געשעמט מיט זיינע ברייטע שטיוול
פאַר קרענקלעך־בלאַסן, וויהעדיקן שמייכל פון דער זון.

נאָר, אַז די זון האָט זיך פאַרשטעלט איר פּנים מיט אַ שווערער כמאַרע
און מער נישט נאָכגעקוקט אויף יעדן שריט און טריט,
איז ער געוואָרן שוין אַ גאַנצער באַלעבאָס:
געבראַכט זיין בעטגעוואַנט פון ווייסן, ווייכן פּוך,
געדעקט מיט קלאָרע טישטעכער די פעלדער,
און אויסגעקוקט איעדן טאָג די געסט,
וואָס זיינען פון דער צפון־זייט געגאַנגען און געגאַנגען.

דערווייל זיך רייטנדיק אַרויפגעזעצט אַ פֿויער אויף דער פּלייצע,
געלאָזט זיך טראָגן אין דעם נאָנטן וואַלד
און אים געהאָלפֿן גנבענען דאָס האָלץ.
און דאַן דעם קעלטפאַרשטאַרטן פֿויער אין די ציין געבלאָזן,
אַזוי רחמנותדיק זיך צוגעבויגן צו דער פֿאַזוכע דער דאַרער,
ביז ס׳איז דאָס פֿויערל קוים לעבעדיק פֿון אים אַנטלאָפֿן.

אַ ביסל שפּעטער, מיט דער נאַכט צוגלייך,
אַ ייִד באַגלייט,
וואָס גייט מיט קויבערס און מיט זעקלעך
איבער די טרויעריקע דערפֿער —
עקשנותדיק אַריינגעקוקט אין ייִדס פֿאַרטרערטע אויגן,
און דווקא אין דעם דאָרפֿסגייער געוואָלט דערקענען אליה־נביא׳ן.

31 קעמלען

עס מעסטן דורך סאַהאַראַס ווייס־צעגליטע זאַמדן
איין און דרייסיק קעמלען שווער באַלאָדן
מיט דער מאַסע פֿון מיין ניט־געשטילטן בענקעניש.
מיטן אוצר פֿון געהייליקט האָפֿן
לויפֿן זיי נעשמיסן אין די זייטן
מיט הונדערט גליענדיקע גורל־בייטשן.

ס׳שטרעקט אַנטקעגן זיי אין פֿוילער מידקייט
איר גליאיק־ברוינעם לייב סאַהאַראַ.
גרויסע אָדלערס פֿאָכען איבער איר מיט פֿליגלען־פֿעכערס,
און די לייבן מיט די פֿלאַמען־גריוועס
ברומען איר אין שטערן-נעכט אַ וויגליד,
שטאָלץ און היים ווי זייער זאַמד־מלוכה.

גייען איין און דרייסיק קעמלען
צווישן ווייסע קאַראַוואַנעס
פון סקעלעטן אויסגעבלייכטע,
מיט דעם חותם פון פאַרניכטונג
אין די טרייע אויגן —
גייען איין און דרייסיק קעמלען
אין דעם מדבר־לאַנד סאַהאַראַ
אָן אַ וועזער, אָן אַ פירער.

ליבע בורשטין

[1919]

יונג יאָר

איך בין דאָס אויפגייענדיקע יונגע יאָר,
איך שטיי ביי אייערע טויערן
מיט דעם ווייסן טאָג אין האַנט,
ווי דער כהן־גדול מיט דער ווייסער טויב.
עפּנט נאָר!
און מיינע זיבן וואונדערן
וועלן זיך צו אייערע פיס לייגן,
ווי קנעכט צו די פיס פון זייער האַר,
און אייערע שטייענדיקע לעבנס וועלן זיך צעזינגען,
ווי דאָס בלוט פון באַגער.
איך בין דאָס אויפגייענדיקע יונגע יאָר.
עפּנט נאָר!

וואונדער

איך ווייס ניט
פון וועמענס בליענדיקן גאָרטן
האָט זיך דער דופט צו מיר דערטראָגן,
אַז מיטאַמאָל אַ בליענדיקער גאָרטן
בין איך אַליין געוואָרן.
וואו איטלעך גליד מיינס בליט,
און מיין איטלעך אָדערל
איז אַ זינגענדיקער קוואַל געוואָרן.

דער רוף

מיר זיינען געלאָפן
דאָרשטיקע, ווילדע,
מיט ציינער פאַרקריצטע,
מיט ליפּן פאַרברענטע.
מיר זיינען געלאָפן —
עס האָט אונדז גערופן
דער יומטוב פון גופן.

שעה׳ן

עס זוכן אַ תקון די שעה׳ן פון מיינע וואַכנעכט
און וויינען ווי קינדער ביי ליידיקע ברוסטן.
זיי ליגן אויף וועגן געקנוילטע אין שאָטנס
און בילן ווי הינט ביי די פּלויטן.
זיי דרינגען אריין אין חרובע טורעמס
און ציילן זיך איינע די אנדערעס וואונדן.
פון זייער קרעכצן צערייסט זיך די נאַכט־רו
אין איינסן, אין צווייען, אין דרייען,—
ביז עס קרייען די הענער און עס טאָגן די שרעקן.

מאָן־בלום

איך בין די ווילדע מאָן־בלום פון מדבר;
צווישן מיינע פורפלנע בלעטער
וויגט זיך אַ גילדענער בעכער
מיט זיס־ביטערן אָפּיום.
דורכגייער, געפּאַנצערט
אין בראָנז פון דיין מענלעכקייט,—
אויב דאָרשט האָט דיינע ליפּן צעשפּאָלטן,
שטרעק זיי אויס צו מיין גילדערנעם בעכער
מיט זיס־ביטערן אָפּיום.

ביידע

איך וועל אראָפּרייסן פון זיך די קליידער,
מיין משוגעת פון שטייג ארויסלאָזן —
און ביידע וועלן מיר איבער גאסן לויפן.
מחנות יינגלעך וועלן אונדז נאָכיאָגן,
מיט שטיינדלעך צעבלוטיקן,
און הינט וועלן אונדז נאָכבילן.
אזוי לאנג וועלן מיר לויפן,
ביז פארמאטערטע אנידערפאלן —
איך און מיין משוגעת.

יונגער שרעק

יונגע קנייטשן האָבן ארומגערינגלט מיינע אויגן,
ווי מחנות וועלפעלעך א יונגע רויב.
האָט א שרעק פון מיין קעל
ווי פון א פּלייט מיט דריי רערלעך
ארויסגעוויינט:
מאמע!

וואוהין

וואוהין זאָל איך גיין
און צו וועמען?
עס האָט זיך מיין מאסקע
פון קינדערשן שמייכל
פאררוקט אָן א זייט,
און עס שרעקט איצט די וועלט
מיין אמתער פנים.
עס ליגן באטרונקען מיינע ליפן
פון אייגענעם עקל,
וועמעס שכורער שלוכצן
קאָן יעטווידע רגע
באגיסן אייך אלע
מיט גרינלעכע קללות.
וואוהין זאָל איך גיין
און צו וועמען?

אין אָנדענק

איך גיי אוועק.
אפילו מיינע פוסטריט
וועלן קיין נאָכקלאנג ניט איבערלאָזן,—
די זאמדן זיינען אזוי טיף.
בלויז די בערג וועלן מיט געבויגענע קעפ
בלוי און פיאָלעט איבער זייערע רוקנס ווארפן
צו מיין אָנדענק.

פּערל וואָלפֿינגער

[1920]

גאָס

הויקער

צווישן גלייכע
מענטשן־ביינער
עס גייט
פֿאַמעלעך זיך
אַ קזשאַק...

דעם גרויסן קאָפּ
אויף קערפּער קליין
ער טראָגט
און שפּרייזט...

נמאס געוואָרן
דער נאַטור
דאָס גלייכע, מעסיקע,
דער מענטשן־בוים...
און זי טוט
אַ פּיר,
אַ שמיר
מיט פּענזל:

באַרג — פון פאָרנט,
באַרג — פון הינטן...
און אָט —
אויף קליינע
וואָרצל־פיס...

ער שפרייזט,
ער גייט
אין מענטשן־וואַלד
דער הויקער־קזשאַק...

פיס

פיס —
נישט יעדער איינער
האָט זיי...
אָט קריכט
אַ וואָרעם־מענטש...
הענט, ווי פיס,
אָן דר'ערד' אָנגעשפּאַרט...
זיי שטעלן טריט...
און דאָס מויל —
עס איז דאָ —
עס שרייט...
קריכנדיק.

קריכנדיק...
דער וואָרעם לעבט...
די אויגן —
זיי קריכן
אין פענצטער אריין:
נאָך מענטשן־האַנט,
נאָך געשאַנק...

אנאַ מארגאָלין

[1920]

פינפטע עוועניו פאַרנאַכט

א

עס איז אפריל
און דער ריינער רוף פון א גלאָק.
אויף פייערדיקע הענט
הויבט די גאס אויף
דעם שטארבנדן טאָג.

ווי שיין, ווי טרויעריק זיינען אַלע געזיכטער.

עס איז דער טרויער פון אפריל.
און שווארצע פּראָצעסיעס פון אָטאָס,
פארבלייכטע דין־רוישנדע קליידער,
און אויף מארמאָרנע טרעפּ פון האָטעל —
מענטשן איינגעפאסט אין איידלשטיינער
פון איידל־רואיק־לויכטענדע ליכטער.

ב

איבער דער אָוונטיקער עוועניו,
אין לילענעם נעפּל פון דער עוועניו
האָבן פייערדיקע שמעטערלינגען
אויפגעפלאַטערט.

איבער דער עוועניו
שווימען,
ווי פאַרסודעטע שיפן,
לימוזינען,
און עס הענגט דער פאַרצווייפלטער רויער געשריי פון סירענעס
דראָהענדיק.

טראָגנדיק נאַכט אין זייערע אויגן,
נאַכט און צעשטערונג און גאָלד אין די אויגן,
ווי לידער זיך וויגנדיק, גייען יונגע פרויען,
און שפרייטן אויס נערוועז איבער דער עוועניו
זייערע קליינע פליגל
פון וואַנזיניקע שמעטערלינגען.

אין קאַפע

א

איצט אַליין אין קאַפע,
ווען עס לעשן זיך שטימען און וויאָנען,
ווען פערלדיק צינדן זיך לאָמפּן
און שווימען אַרויס פון קאַפע,
ווי לויכטענדיקע שוואַנען
איבער דער גאַס —

— קעלנער, שוואַרצע קאַווע — דעמיטאַס.

איצט אַליין אין קאַפע,
ווען עס שאָרכען די רגעס, ווי זייד,

הויב איך אויף צו דער גאַס, צו דער ווייט
מיין שוואַרצן און דופּטיקן ווייַן.
און ווי אַ געזאַנג איז דער גערויש,
אַז ס'פאַלט פון מיר אין טונקלקייט
אַ ווייסער שיין.

ב

און אַלע פּנימער אין רויך, ווי מאַסקעס.
אַ וויץ, אַן אַקסל־צוק, אַ בליק אַ מידער.
און פאַלשע ווערטער צינדן זיך, פאַרבלאַסן.
האָב איך דיר ווי געטאָן, מיין ליבער?

מיר טראָגן אַלע דאָ פאַראַכטלעך קאַלטע מאַסקעס.
מיט קלוגער איראָניע פאַרשטעלן מיר דעם פיבער
און טויזנט שמייכלען, און געשרייען, און גרימאַסן.
האָב איך דיר ווי געטאָן, מיין ליבער?

ג

מיטן פּראָסטיקן שיין פון די לאָמפּן
און בליקן, און שטימען
שווימט דיר אַנטקעגן מיין שווייגן —
אַ געהיימער און ליכטיקער סימן.
קרייזט, ווי אַ זומער־ווינט, אַרום דיר,
רעדט ציטערדיק צו דיר
וועגן דיר און מיר.
אָ, שטילע, שטילע ווערטער
וועגן דיר און מיר.
און שווייגט.
און וויגט דיך מיט בענקענדע הענט.
און נעמט דיך מיט ווייסע און צוקנדע הענט.

אַנאַ מאַרגאָלין

בראָדוועי אָוונט

דער אָוונט בליט. די גאַס רוישט העל, ווי טויזנט קוואַלן.
עס שווימען פייערן ארויף פון זונשטויב און קאָראַלן.
וויטרינעס שימערנדיקע. טורעמס. וואַסערפאַלן
פון טיפן סאַמעט, זיידנס שווער און קיל.
און מענטשן אין אומענדלעכן קאַדריל
באַגעגענען זיך און ווערן וואו פאַרפאַלן.
און ס׳זוכן אויגן, אויגן זינגען, לאַכן,
אָבער מיר דאַכט, עס בוקן זיך די זאַכן.

בלוי בליט דער ווינט. בלויע שאָטנס פאַלן.
עס פליט א קאַר פאַרביי אויף לאַנגע שוואַרצע שטראַלן.
א רעקלאַמע שניידט אין הימל איין זיך, ווי א שווערט.
און שטימען שאָרכען, קושן זיך, אי יאָ אי ניט דערהערט,
און וויקלען זיך ארויף ווי ליכטיקע ספּיראַלן.
און אויגן זוכן, אויגן זינגען, לאַכן,
אָבער מיר דאַכט, עס איז א טרויערן, עס איז דאָס לעצטע וואַכן.
די לעצטע שעה פון געזעגענען מיט דער ערד.

דער גענגסטער

אין טיר פון טענעמענט, וואו פון די טרעפּ אראָפּ
רייסט אויף די פינצטערניש דאָס אויג פון א לאַמטערן,
שטייט, ווי אין הייליק־שיין, זיין קאָפּ.
אויפן שטיינערנעם געזיכט די אויגן פון מעטאַל,
קיילעכדיק און ליכטיק, אָן ערינערונגען,
האָבן די גאַס מיט יעדן דורכגייער און יעדן אָטאָ־שטראַל
אין הונגעריקער לערקייט איינגעשלונגען.

ער טוט אַ הויב דעם אַקסל לייכט און שאַרף,
אַ שאַר, אַ בויג אין טאַש דעם סטילעט דעם קילן.
עס ליגט די גאַס פֿאַר אים ווי אַ גאָלדענע האַרף,
און זיינע ווילדע פֿינגער יאָגן זיך צום שפּילן.

מוטער ערד

מוטער ערד, פֿיל געטראָטענע, זון־געוואַשענע,
טונקעלע שקלאַפֿין און האַרין,
בין איך, געליבטער.
פֿון מיר דער נידעריקער און דער באַטריבטער
וואַקסטו אַרויס ווי אַ מעכטיקער שטאַם.
און ווי די אייביקע שטערן און ווי פֿון זון דער פֿלאַם
קרייז איך אין לאַנגן און בלינדן שווייגן
אין דיינע וואָרצלען, אין דיינע צווייגן,
און האַלב אין וואָך, און האַלב אין דרימל
זוך איך דורך דיר דעם הויכן הימל.

האַרבסט

אין הייסן שאַרפֿן גלאַנץ פֿון ווילדן גאָרטן,
וואו ווערבעס הענגען בלייך און סאָסנעס וואָלקן־טונקל,
וואו טולפּען פֿלאַקערן ווי גאָלד און ווי קאַרפֿונקל,
אין זון־דורכשטראַלטן, זון־באַרוישטן גאָרטן
שמידט דער היישעריק דעם האַרבסט.

אַ פּראָסטיק האַסטיק ליד שטייגט אויף פֿון יונגע גראָזן
און האַמערט אין די בליענדיקע בוימער־שפּיצן,
און פֿויגל זון־באַזוימטע וויגן זיך און בליצן.
אין שטילע, ציטערדיקע, ברענענדיקע גראָזן
שרייט דער האַרבסט.

יאָרן

ווי פּרויען, וועלכע זיינען פיל געליבט און דאָך ניט זאַט,
און גייען דורכן לעבן מיט געלעכטער און מיט צאָרן
אין די אויגן זייערע פון פייער און אגאַט —
געווען אזוי זיינען די יאָרן.

און זיינען אויך געווען ווי אקטיאָרן,
וואָס שפּילן מיט א האלב־מויל „האמלעט" פארן מארק;
ווי אין א לאנד א שטאָלצן גראַנסיניאָרן,
וואָס כאַפּן אָן דעם אויפשטאנד פארן קארק.

און זע, ווי דעמוטיק זיי זיינען איצט, מיין גאָט,
און שטום ווי א צעשמעטערטער קלאַוויר,
און נעמען אָן פאר ליב איעדנס שטויס און שפּאָט,
און זוכן דיך, ניט גלויבנדיק אין דיר.

מיין הײם

הײזער װיגן זיך און שװימען ליכטיק־גרוי
מיט פײכטע גערטנער, זילבער־העלע גאַסן,
און מענטשן בײַ שװעלן פון טירן
נויגן זיך, שמײכלען, פאַרבלאַסן,
װערן און ניט װערן
דורכן רעגנבויגן פון טרערן.

אַ קינד זיצט בײַם פענצטער.
אין לבנה־שײַן שטראָמען די האָר װי טונקעלער רעגן.
פאַרעקשנט און ליכטיק זוכן די אויגן
װי דורך אַ װאַלד
די אײגענע װײַטע געשטאַלט.
אָ, װאָס ציטערסטו, קינד, װען איך קום דיר אַנטקעגן?

אסתר סיגאל

[1922]

צום בלויען יינגל

בלויער יינגל, דו ביסט לופטיק,
דיינע אויגן—פרישע קוואלן,
דיינע גלידער זיינען דופטיק
און עס שמעקט פון זיי מיט קאָרן.

בלייב א יינגל אזאַ בלויער—
הענגען זאָל אין לופט דער טרויער,
צי אים ניט אויף דיינע אויגן,
זיי מיין ראָזער רעגנבויגן—

צי זיך אוים איבער מיין הימל,
וועלן מיר אין לייכטן דרימל
רייטן ווייט, ווי פייל פון בויגן,
ביים ראַנד פון הימל זיך פאַרנויגן.

אסתר סיגאל

מיין גערטנער

איך האָב אַ קליינעם גאָרטן פאַר מיין טיר,
האָב איך קיינעם ניט, ווער עס זאָל פארזייען אים פאַר מיר,
און עס קומט ניט קיינער צו אַקערן די ערד.
זיץ איך יעדן אָוונט אויף מיין שוועל און קוק אַרויס,
ביז עס שאָטנט שלעפעריק אַראָפּ די נאַכט אויף דער ערד,
גיי איך שלאָפן אין מיין ווייך און וואַרים בעט,
און לאָז אַליין מיין גאָרטן שטיין הינטער דער טיר...

וואו איז מיין גערטנער? וואו? ————
ס'איז בלוי און לויכטענדיק אַזוי דער הימל;
אין אַזעלכע פרישע פרילינג־טעג
שטייט מיין גאָרטן ניט פארזייט...
ברויט און וויין האָב איך אין שטוב ביי מיר
און אַ ווייך און וואַרים בעט,—
קומט ווער עסן ביי מיין טיש,
שלאָפן אין מיין בעט איין מאָל נאָר,
וועט יענער טרינקען גאָר מיין וויין
און וועט מיין גערטנער אויך זיין...

פריהארבסט

פריהארבסט הייבט שוין אָן אויף די פעלדער צו קומען,
שניידט אָפּ פון זומער די זיידענע צעפּ
און פארוועבט זיי אין סאמעטענע בלומען.
לאָמיר פארגעסן אין אלץ, וואָס פארגאנגען.
אין דער הארבסטיקער זון וואקסן גאָלדענע זאנגען —
רייס זיי מיר אויס, אָ, רייס זיי מיר אויס,
און דעק מיט זיי צו אונזער אָרימע הויז.
וועלן מענטשן פארבייגיין, קוקן און שטוינען:
אָט דאָ מוזן רייכע, פארמעגלעכע וואוינען!
וועט איינער א פּרואוו טון, אָן עפן די טיר
און וועט פרעגן ביי מיר:
וואו איז דער ווירט פונם גאָלדענעם דאך?
וועל איך זיך צעלאכן, און לאכן א סך, אוי, א סך —
אָט דאָ איז מיין מאן,
פון גאָלדענעם דאך מיט'ן שטיבל, די גרויס פינעף שפּאן...
וועל איך זיי דערציילן ווי גוט און ווי בראוו איז מיין ליבער —
נאָך שטארקער פון שמשון הגבור.
זעט איר, מיין מאן האָט געריסן דאָס גאָלד פון דער זון,
און א דאך צו מיין שטיבל געמאכט פון דערפון...

מיין פּרינץ — דער בעקער

מיין פּרינץ —
מיין מאַן דער בעקער.
ווי עס קומט נאָר אָן די נאַכט,
טוסטו אוים פון קאָפּ די קרוין,
טוסט אוים פון זיך דאָס בלויע קלייד,
ציסט אַ קלייד פון לייוונט אָן.

דעם יומטוב פון די אויגן טוסטו אוים.
שלייכסט פון פּאַלאַץ זיך ארוים.
אָט בלייבסטו שטיין ביים קעלער־שטוב —
אַזוי ווי יוסף פאַר דער גרוב,
בויגסט איין דיין שטאָלצן קאָפּ
און גייסט די שמאָלע טרעפּ אַראָפּ —
דאָ איבער אַ פולן מולטער ברויט
שטייט מיין פּרינץ —
מיין מאַן דער בעקער
אין אַ לייוונטענעם קלייד.
ביי דעם אָנגעהייצטן אויוון
בריט ער און צעברענט די הענט,
און דאָס פייער גרויסט זיך, רייצט זיך:
דאָ ווערן דיינע נעכט פארברענט...
דאָרט דיין ליידיק בעט — דער פּאַלאַץ
שטייט פון הימלס אויג באוואכט,
דיין פארלאָזענע פּרינצעסין
דערוואַרט דיין קומען נאכט נאָך נאכט.
ס׳טוט די איידעלע פּרינצעסין
ניט אוים פון זיך דאָס קלייד.
עס קאָן דער שלאָף, ווער ווייסט, חלילה,
אויסטרינקען די פולע ברוסט מיט פרייד...

און די קלײנינקע פּרינצעסין
שטעכט דעם שלאָף די אויגן אויס —
ער זאָל ניט זען דעם יועג צום פּאַלאַץ,
עס זאָל דאָס בעט זײַן גלאַט און ריין,
ביז עס וועט דאָס ראָז פון מאָרגן
ברענגען דעם פּרינץ אין בלוי אַהיים...

אַ ליד

טויער פון נאַכט —
עפן זיך אויף
און פיר מיך אַרויף
צום זילבער־ווײַסן בעט
פון דער לבנה.

צו לבנה דער וועג
איז דאָך ריין, אַזוי ריין:
ווי די טעג פון געבעט,
ווי די פעלדער פון מאָן. —
אַזוי ווײַס, אַזוי ווײַס,
ווי אַ ווײַסע אַ זײַדענע פאָן.

מײַנע הענט זײַנען פלינק,
דער גוף אַזוי ליכט, אַזוי גרינג —
ווי אַ בלעטל אין מאַי
אויף די פליגל פון ווינט —
צום זילבערן בעט פון דער לבנה.
כ׳האָב אין לוסטן געברענט,
האָב אין זיך זיי פאַרברענט,
אַצינד קום איך אַ ריינע
אין אַ שנייווײַסן העמד...

שניטער

אך, דו שניטער!
ווי גראַציעז עס ליגן דײַנע גאַרבן,
אַ קאָסע האָסטו פּונקט ווי דו די גרויס,
און שנײַדסט, און שנײַדסט די זאַנגען —
— קעפּלעך פון דער מאַמעס שויס...
די פּעלדער ליגן נאַקעטע און ווײנען —
וואַשן מיט די טרערן אָפּ די גאַרבן.
זאָג נאָר ברוינער שניטער, דו!
האָסטו ווען געטראַכט פון שטאַרבן?
און דער יונגער שניטער
פירט זײַן קאָסע לינקס און רעכטס,
עס קײַקלט זיך אין דער לופט אַן עכאָ —
אַ טיפער, שאַרפער קרעכץ...
שניטצײַט, שניטצײַט:
זינגען פייגל —
עס קומען בייזע געסט,
אך, די זאַנגען פאַלן, פאַלן —
עס וועבט דער טויט זײַן נעסט...

אסתר שומיאטשער

[1922]

אַלבאַטראָס

אַלבאַטראָס,
אַלבאַטראָס,
דיין גוף — פּערלמוטער,
בראָנז — דיינע פליגל,
וואַסער און הימל — דיין אויג.

אַלבאַטראָס,
צעפלאָסענע כוואַליעס — דיין שפּיל.
צעשלאָגענע שוימען — דיין טאָג.

נע־ונד איז דיין גורל:
קרייצנדיק ווינטן
נאָך שיפן פון שטאָל.

צירקלענדיק,
נישטערט דיין הונגער
ערדישע אָפּפאַלן,
אַלבאַטראָס !

און ווען ליכט
ווערט אין טונקל דערטרונקען —
זיינען כוואַליעס — דיין היים,
זיינען כוואַליעס — דיין בעט.
אַלבאַטראָס,
אַלבאַטראָס !

זעאונגען

איך זאַלב מיין גוף
נאָך איעדן טאָג פון פרעמדע בליקן.
און בענטש די אויגן
זיי זאָלן נישט בלינד ווערן
פון די זעאונגען פון טאָג,
ווען נאכט פאַלט צו.

אין פייכטן, פיאָלעטן ליכט
שטייען פולע זומערס
שורותוויים,
שורותוויים אין שווייגנדיקן שוואַנגער —
זינגען אויס די זאַטע זומערדיקייט
פון דער ערד —
ווען נאכט פאַלט צו.

ווען נאכט פאַלט צו
ברענגען הענט געלייטערטע אנטקעגן מיר
פולע שווייגנס,
אויסגעוואָגלטע אין וואָגלען,
אויסגעוויגט אין פּיינען,
אינם בלאָנדזשען איבער וועלטן —
ווען נאכט פאַלט צו,
ווען נאכט פאַלט צו.

ווייען

א

פרוי, איך הער צום מאָן דיין רוף,
פאררינגלט, פארחתמעט אין טויבע ווענט.
מוטערשאפט־דראנג געשלאָסן האָט גוף,
דיין אומעט, דיין פרייד אין ווינט פארשווענדט.

וועלקן דיר צופוסנס בליענדיקע נעכט,
פאַלן פּירות צופוסנס דעם רייפן שטאם —
ווער וועט אויפלעזן די נעט פון דורותדיק געפלעכט?
ווארטן גרייט די רייפע שעה'ן. נישט פארזאם!

ב

חלומות איינגעפלאָכטן אין כלה־צעפּ.
שלעסער אויפגעשלאָסן מיט כלה־פרייד.
יונגע טעג האָבן זיך געשפּילט אויף פריי פון סטעפּ.
פייער האָט געגארט פון מאן באשייד.

חופּה־רגעס האָבן געבונדן טריט.
כלה־טעג פאַרשוואונדן מיטן ווינט.
קנאָספּן האָבן מיט מוטערשאַפט געבליט.
(מיידלשאַפט, יאָג זיך נאָכן ווינט געשווינד!)

ליגן טעג אויסגעצוואָגענע אין אָוונט בלייך:
לעבן האָט געפורעמט זיך אין איינגעווייד.
מוטערשאַפט — געקוואָלען הויך —
(מיידלשאַפט האָט זיך געשפּילט מיט יונגער פרייד).

ג

האָט זיך לייב געריסן צום שאַרף פון שווערד,
דורך ווייען רוף פון לעבן דערהערט.
געלאַכט, געוויינט אויס פרייד, אויס פאַרדראָס —
ערגעץ האָט זיך פאַרשלאָסן דער שטאָלענער שלאָס.

הילפלאָז אויף רוקן געלעגן מיט מאַכטלאָזע הענט,
ווען טעג האָבן אין פריי פונם סטעפּ געברענט.
געבוירן אַן עופהלע, גרינג ווי אַ שפּריי.
חלום — צערונען אין ערשטן געשריי.

פרוי, איך הער צום מאָן דיין רוף,
פאַררינגלט, פאַרחתמעט אין טויבע ווענט.
מוטערשאַפט־דראַנג געשלאָסן האָט גוף,
דיין אומעט, דיין פרייד אין ווינט פאַרשווענדט.

שעלט נישט

שעלט נישט די ברכה, וואָס קוואַלט פון דער ערד,
קוואַלט פון דער ערד:
ס'האָבן זונען געזוניקט די זוניקע זאַנגען,
געבורט פון דער ערד,
געזאַנג פון דער ערד,
שעלט נישט די ברכה, וואָס קוואַלט פון דער ערד.

וויפל נערוון האָבן פיבעריש געצוקט
נאָך טראָט פון מיינע יונגע הירשן־פיס!
וויפל סערפּן האָבן מיך געשניטן,
וויפל הענט האָבן מיינע בליאונגען געריסן,
וויפל ליפּן האָבן אין הונגער מיך גערופן,
מיך—די בליאונג פון דעם זומער!
מיך—די בליאונג פון דער ערד!

שעלט נישט די ברכה, וואָס קוואַלט פון דער ערד.

ביים לאָדן אַ שיף

א

אָרעמס, וואָס שליידערן אַנקער אין אָפּגרונט פון ימען,
אָרעמס, וואָס צינדרן די לאָדונג־מאַשינען
מיט חשק פון אַרבעט,
אָרעמס פאַרברוינטע אין טראָפּישע זונען —
קילט זיי דער זאַלציקער ווינט פונם ים,
אָרעמס פון אַרבעטערמאַן!

מוסקולן וואָרצלדיקע, נאַקעט פאַר פרייִ־ים און ווינט,
גבורה צעעפנט ביז צו די לענדן —
ער און מאַשין!
באַוועגן זיך מוסקולן פון אַרבעטערמאַן
מיט טאַקט פון מאַשין,
געבראָכן אין פילפאַכע ווינקלען,
געקלאַמערט אין שטריק־אָרעמס,
ציען אַרויף זיך די קופּערנע שטאַבעס —
אַ בּרכה געבאָוועט אין אָפּגרונטן טיפע.
זינגט ערדיקייט הימן צום מאַן מוסקוליסטן:
„מיט כּוח געהאַמערט,
„מיט אָפענער בראַווקייט
„שניידט ער מיט ווילן, ווי זעגן געשאַרפטע,
„ממשלה פון שטיין און גראַניט!“

ב

איר ווישט מיט רויער האַנט דעם שווייס
און עסט דעם שווער־פאַרהאָרעוועטן ברויט,
און שעפּט אין צענער, אין צוועלפער
פון קעסל ווי איין מענטש —
איר קייט געשמאַק מיט אייגן טאַקט פון די מאַשינען אייער לוין.
איר זיינט רוי און שווער און ברוין,
ברוסט — שווער־געגאָסענער טשוהון —
לאַכט גראָב און הויך אין וועלן־רויש.
אָ, פולסירנדיקע, מאַזאָליסטע הענט,
געהאָדעוועט אויף וועלט־באַראָט
אין רעגן, שטויב און ווינט.
אָ, שווערע אַקסלען, צעצויגן אין רחבותדיקער ברייט,
געאַנקערטע ביי ברעגעס וועלט —
וויבּרירט אין שיפן־פייף און ים־געבּרום,
אויף ים־באַראָט!

יודיקא

[1922]

העי, ליבער, זאָג

(פראַגמענט)

העי, ליבער, זאָג, געפעל איך דיר?
טאָ קום מיט מיר!
איך בין נאָך גאָר א קליינע, קליינע קינד,
מיין לייב — פארוויקלט מיט א פעל פון קראָקאָדיל,
פון שלאַנגן-הויט א גורט ארומגעדרייט,
פון גליווערים א קראַנץ די האָר באַליינגט,
מיט בינען־שנורן אויף מיין לייב פארזייט.
מיך האָט געבראַכט ניט לאַנג א פרילינגסווינט
פון ווייטער אייביקייט,
פון מוטער־אייביקייט
א וועלט צו זיין,
א פרילינגס ערד!

מיט פרילינג איז פארשוועסטערט
זונען־ליכט,
הימל־בלוי,
לבנה־קלאָר,
וואָס אייביק ליגן זיי אין ווייט און ברייט
און סודען זיך און ליבן זיך,
אזוי ווי איך מיט דיר.
דו ביסט מיין ערדן־כוח, דו ביסט מיין ערדן־פריינט,
דו ביסט מיין אייביק־מאָרגן און איך דיין היינט.
דו רופסט מיך: „רויטער גליק“,
דו רופסט מיך: „ווייסע פרייד“,
דו רופסט מיך: „פרילינגס־בלום פון אייביקייט“,
מיין נאָמען קענסטו ניט!

אין ווינטן

און פּאַטשן מיך ווינטן אין פּנים דעם בלייכן,
און ווייען מיט פרעכקייט מיין קלייד אין דערלופטן,—
טאָ ווייט נאָר, איר ווינטן, וואָס פרעכער, אלץ שענער!
איך דריי זיך ארום און איך לאַך אייך אנטקעגן.

זאָל נאָר די וועלט זען די פיס מיינע שיינע,
מיט שפּיצן פון הויזן, מיט בענדער פון זאָקן,
איך וואָלט זיי אפילו צום קושן ניט געבן.
ווייט נאָר, איר ווינטן! וואָס פרעכער, אלץ בעסער!

און גנבעט אריין זיך דער ווינט דורך מיין בלוזקע
און קריכט דאָרט ארום אויף מיין נאקעטער ברוסט,
טאנץ איך א טאנץ מיט דעם ווינט אויף די גאסן
און לאָז ווי א מיידל פון גאס זיך אנטבלויזן.

ווייט נאָר, איר ווינטן! רייסט פון מיר שטיקער!
עס דרייט זיך אַ פרייַלעכער טאַנץ פון אַ שכור.
וואָס אַרט מיך, וואָס ס'דרייען אַרום מיר זיך וועלטן?
וואָס פרעכער, אַלץ שענער! ווייט נאָר, איר ווינטן!

מיין זיין

מיין זיין איז שטיין,
מיין זיין איז טוי,
מיין זיין איז רווישיקער פאַנטאַן.
איך שמעק מיט פלייש,
איך שמעק מיט בלוט —
איך לאַך מיט ווינט.
און וועלטן זיינען מיינע בלומען־בינט,
איך שטעק זיי אָן אין גאַרטל פון מיין קלייד
און זעץ זיך אויף אַ פייערדיקער לייבן־צייט.
מיר שפרינגען אום צווישן הימל, ערד
און שטעט אָנגעוואָרפן, ווי די ווילדע פערד,
דרייען אום זיך אין אַ קרייז.

עס ליגט אַן ערד מיט אַ דיקער גרינער פעל,
עס הענגט אַ זון ווי אַ גאָלדענער שפין אין הימלדיק געצעלט,
און ציט די פייער־דינע פיסלעך אין דער ווייט און ברייט.
עס גייט די אייביקייט, געצאַמט אין טעג און נעכט,
שוין אַלט־געבויגן,
די האָר, ווי שטיקער גרויער טוי פון דר'ערד,
מיט אויגן, ווי די קאַלטע שנייען־בערג,
און סאָפּעט דורך די נאָזלעכער פון ים . . .

י ו ד י ק א

וואָס זיינט איר, טעג? וואָס ביסטו, אייביקייט?

אין מיטן דרייט זיך מיט דאָס בלאָסע וועלטן־קינד.
מיט הענטלעך בלאָסע אויסגעשטרעקט אין לופט,
און יאָגט זיך נאָך א גאָלדענער פליג־מינוט.

ביי פאַרמאַכטע וועגן

ביי דעם וואסער־ברעג,
וואָס שניידט זיך אָפּ פון דיר, דו שיינע ערד,
איך פאַל אוועק
און דריק מיין פּנים צו דיין ערדן־גוף,
און קוש א גרעזעלע פון דיר,
דיין גליקלעך גרין באַפוץ.
און לאַנגזאַם לאָזט א הימל אויס די גאָלדנע ברוסט.
און יעדעס גרעזעלע זויגט זיך אָן פון ריינער גאָלדנער מילך
און דרעמלט איין אין דרעמל־שלאָף,
אין דיין, געבענטשטע מוטער, ערדן־שויס.
ביז וועןׂ אן אָטעם גיט דער פרילינג דורך דער נאָז,
און ווארפט א פעדער אויף דעם דרעמלענדיקן גראָז,
וואָס כאַפּט זיך מיט אן אָטעמל פון פרישקייט אויף.
אָ, הימל, ערד!
איך בין דורך אָדערלעך פון אייך א ווער
און ניט קיין טרער, וואָס גיסט זיך אויס אין וועלטן־קלאָג.
איך בין פון זון און ערד,
און טייל וועלטן זיינען מיינע טעג,
און טעג זיינען מיינע טייל וועלטן.
און הונדערט יאָרן איז א טאָג,
און הונדערט טעג איז א יאָר.

און איך גיי אום, און איך בין דאָ.
מיט טויזנט נעמען איז מיין לייב געבענשט.
איך בין אַ מענטש און בין אַן אייביקייט,
איך בין אַ בעטלער־קינד
און בין די קייסערין פון ערד
מיט נעכט און טעג.
איך לייג מיין פּנים דאָ צום טייכן־ברעג,
מיט קייטן שווערע שטיי איך איינגעקייט
און בעט, מיין מוטער־ערד, צו דיר.
איך ווייס ניט וואָס איך זוך,
נאָר, כ'ווייס: ניט דאָ ז'מיין זיין.

איך אַנטלויף

איך אַנטלויף פון דיר, צייט,
אַלץ ווייטער אין ווייט!
איך לויף אין אַן אַנדערער צייט!
איך ווייס ניט קיין וועגן,
איך פרעג ניט ביי קיינעם, —
איך וועל זיי אַליין שוין אויסטרעטן.

איך אַנטלויף פון די שטעט
און זוך זיך אויס דערפער,
אין זיי וועל איך לויפנדיק לאַכן
און שמעקן די פעלדער,
וואָס ווייען מיט אָטעמס,
ווי מיידלאַך, וואָס הויבן אָן בליען.

און קוקן אויף מיר די פיר זייטן פון וועלט,
פאַרדריי איך דעם קאָפּ און איך לאַך אין דערלופטן,
און לויף מיר אויף וועגן פון אַנדערע צייטן; —

וואָס אַרן מיך, וועלכע, — איך וועל זיי אויסטרעטן ...
ביז ענטפערן וועט מען מיין פרייילעכן לאַכן
פון אַלע פיר וועלטזייטן־עכאָ!

צום ליבן

איך בין פון ערדן־באַל אַרויסגעשפּראָצט!
מיט ערדן־שענקייט שטיי איך אָנגעטאָן.
איך גיי אין וועלטן אויף אַ גרויסן גאָלדנעם פּלאַם
און שפּריץ מיט פונקען גאַנצע וועלטן פול.
מיט ווייסע פליגלען נעם איך ערד און ים אַרום
און טייל די וועלטן אָן מיט מאָרגנס, טעג און נעכט.
איך לייכט די ערד אַראָפּ לבנה, שטערן, זון.
העי, ליבער, קוק מיך אָן!
איך בין מיט ליבע פול, ווי פול דאָס אויג אין קאָפּ.
געדענק, אַ גרויסער מוזטו זיין!
מיט נייע טעג מוזטו זיין אָנגעטאָן
און אומפירן אַ גרויסע צייט ביים האַנט.
און איך וועל דורכן לעבן מיט דיר גיין
פון וועג צו וועג, פון ענד צו ענד ...
איך גיי אַנטקעגן דיר אויף גרינע, גרויסע ערדן,
אויף פרייע ברייטע וועגן.
עס בויגן קעפּ פאַר מיר די טעג,
עס ליגן נעכט פאַר מיר אויף ערדן,
העי, ליבער, קום אַנטקעגן!
העי, הימל, ערד, ווייט און ברייטן!
אַלע זייגען מיט מיר איינגעדרייט —
איך בין די יאָרן, טעג, —
די אייביקייט אַליין ...

פרימאָרגן

אַן אויסגעשלאָפענער פרימאָרגן
שטייט פאַר מיר ווי ניי באַשאַפן,
מיט די טיפע קלאָרע אויגן
און דעם וואַרים רויטן שמייכל.

לויף אַרום איך הויל און באָרוועס
אויפן הויף אין גראָז ־דעם פייכטן,
אויסגעשלאָפן, פריש און מונטער,
אויסגעלאָסן קעגן מאָרגן.

לויפט דער הונט אַרויס פוןביידל,
שפרינגט מיר אויפן לייב מיט ווילדקייט,
קוקט מיך אָן מיט גוטע אויגן.
לעקט אַרום מיין לייב מיט הייסקייט.

ברענג פון קוואַל איך פרישע וואַסער,
וועק דערמיט אויף אַלע בלומען,
וואָס זיי ליגן נאָך פאַרדרעמלט,
וואַש מיך אויך מיט זיי צוזאַמען.

שטעל איך מיך אונטער די ביימער,
שפריץ מיך פול מיט טוי פון צווייגן,
און איך ציפּצע מיט די הינער,
און איך ברום די קו אין שטאַל אָן.

לויף אַרום איך הויל און באָרוועס
מיט דעם מאָרגן־טוי אין אויגן,
אויסגעשלאָפן, פריש און מונטער,
אויסגעלאָסן קעגן מאָרגן.

שפרה ווייס

[1923]

דורותדיקע בריק

דורותדיקע בריק.
אויסגוס פון שטאָלענע הערצער.
מיינע וואָרצלען געאייזנט אין אוראַלטע טיפן.
דורות האָבן דורך מיר זיך געבונדן און געשפּאָלטן.
ים־שטורעמס האָבן צו מיינע ברעגן פולע שיפן צוגעבראַכט —
געאַנקערט זיי אין מיינע אָרעמס.
אין מײַן שוים קומען יונגע טויבן זיך פּאָרן
מיט דער בענטשונג פון אויפגאַנג.

איצט האָבן פויגל פון צעשטערטע נעסטן,
פויגל פון שענסטן מין,
אין מיינע ווינקלען זיך פאַרקליבן
און פּראַלן דאָס ליד פון אונטערגאַנג ביז צום טויב־ווערן.

שטייגט אויף אין מיר דער אויפגאַנג פון אוראַלטע טיפן.
שטאָלצט אויף אין מיר מיין דורותדיקער שטאַם.
אַ טויזנט־יאָריקער אויפּקום וועט שאַלן דורך מיין שטאַם
ביזן אויפגאַנג.

צום מאַן

קוק ניט מער אויף מיר
מיט הונגעריקע אויגן:
דער ריף פון דיין לייב
האָט ביז דיין קאָפּ
זיך שוין דערצויגן. —

. . . .

צעבליטע פאַבריקן
האָבן מיינע צעפּ צעשוירן,
אייזערנער לעבן
האָט געאַנקערט מיך אין זיינע אָרעמס —
בין איך אַן אַנדערע געוואָרן.

איך אייל נישט מער מיין לייב,
ווי מיינע ברוינע שוועסטער,
און לאָז זיך ניט אין טאַנץ
ביזן האַרץ פאַרקלעם;
דאָס לעבן נאָנט צום לייב
בויט איבער מיין געביין.

אין מיינע הענט
ליגן טויערן פון שטעט,
מיין טראָט איז קאָכעדיק

און שווער,
דורך מיינע אויגן — וואָכעדיקע טעג.
הארטער שטיין
פון פיל־יאָריקן גאנג.

און, אז איך שטרעק אויס מיין האנט:
פלאַטערן רויטע חופּהס איבער קעפּ —
אונטער איין פלאַטערדיקער חופּה
איך און דו!
פארן יום־הדין פון לעבן.

מיינע טעג

מיינע טעג —
קארעלן אויף ציגיינער העלדזער.
אין דינעם פינגער־שפּיל האָב איך זייער שנור צערים;
קייקלען זיי זיך אין געשטויבטע ווינקלען
אראָפּ מיינע טעג, אראָפּ.

א ציגיינער־בויד אויפן אקס פון צייט,
פון ווינטן אָפּגעבלאָזט,
קייקלט זיך די אקס פון צייט
אראָפּ, —
אראָפּ.

וועגן

ווען עס ווערט אין הארצן שווער,
ווי א מוטער טוליעט זיך אן אומעט צו.
ווערן ברייטע וועגן — ענג,
וואו דו האָסט א לעבן לאנג
זיך געשלעפּט שווער און מיד,
ווי קאראוואנען אין וויסטן מדבר.

אין אזא בין־השמשותדיקער שעה
דערווייסטו זיך א סוד:

אלע וועגן דאָס ביסטו אליין . . .

לעבן מיינס

לעבן מיינס,
אין דיין ווייסער שיין
שטיי איך א תפילהדיקע,
ווי מיין גוטע מאַמע פאַר די בענטשליכט —
בעט פאַר דאָס גאַנצע הויזגעזינט,
פאַר אַלץ פון אויפגעגאַנגענעם לעבן.

לעבן מיינס,
אין דיין ווייסער שיין
גיי איך, ווי מיין פרומער פאָטער,
אין פאַרטאָגיקע תפילות
ביז שפּעט אין טאָג אריין.

לעבן מיינס,
זאָלן, ווי זילבערנע לבנה־שיין
אויף א שלאָפיקער שטאָט,
דיינע ווייסע שטראַלן
אין שפּעטער שעה
אויף מיר פאַלן.

ראָזא גוטמאַן

[1923]

וואָס ווייסטו?

וואָס ווייסטו? — ס׳איז אפשר געווען גאָר אַ קליינינקע רגע צו פרי.
און וואָלסטו מיך איצטער געפרעגט,
אָט איצט, בעת אַ גילדענער האָר האָט אַ פינקל געטאָן אויף די קני —
איך וואָלט אפשר אַנדערש געענטפערט, ווען דו וואָלסט מיך איצטער
נעפרעגט —

ס׳איז גאָרנישט, ס׳איז גאָרנישט...
כ׳קאָן זיין, איך וועל מאָרגן שוין קומען צו דיר אין דערפרי,
און ערגעץ, גאָר נאָענט, קאָן פלוצים אַ קלאַפּ טון אַ טיר,
און פלוצים קאָן זיין נאָר אַ קליינינקע רגע צו פרי.

דו בעטסט מיך

דו בעטסט מיך אויף די קני — און איך זאָג: ניין —
און אונזער קינד וועט שוין ניט זיין געבאָרן —
און דאָס נשמהלע, וואָס איז פאַר אים געווען,
איז אפשר פאַר אַ לעמעלע געוואָרן —

און איצטער: האָרך, — ס'איז ווידער פּונדאָסניי.
אַט איז,...געווען, — און ס'ט ווערן, ווערן, ווערן...
. . . .

און אפשר איז עס גאָר דער ווינט געווען פון קאַי,
און איך וועל דיר אַ וואָלקנדל געבערן — ?

איך צעפלעכט מיינע האָר

איך צעפלעכט פאַר דיר מיינע בלאָנדסטע האָר,
איך קוק צו דיר מיט מיינע בלויסטע אויגן —
און גאָר...

און ווען איך זאָל שטאַרבן?
אַזוי פיל אַנדערע —
אפילו פאַר דיר, אפילו אַט איצט —
איך קאָן נישט טראָגן אלעמענס פאַרבן.

פירן מיך ווייסע שטיינדעלעך אַרום אין טוי,
און עס געשיט, עס געשיט
מיט מיין גאָלד, מיט מיין בלוי.

איך ליב אַ דערוואַקסענעם

איך ליב אַ דערוואַקסענעם און איך בין אַ קליינע,
און נעבן זיינע גרויסע — שטעל איך קליינע טריט.
טרויעריק, גאָר טרויעריק, איך קלער וועגן וויינען,
נאָר רואיק, אַזוי רואיק, אַז איך ווייס עס ניט.

איך ליב אַ דערוואַקסענעם און איך בין אַ קליינע,
און בין אַזוי איינגאַנצן אין צוויי גרויסע הענט:
דאָ ביסטו, און דאָ ביסטו, און דאָ — מיר אינאיינעם,
אַנדערע ווי תּמיד, און באַקענט, באַקענט.

איך האָב דיך ליב

איך האָב דיך ליב, און מיין האַנט האָט דיך ליב,
און מיין איטלעכער פינגער האָט דיך ליב.

טאָ שטילער, די וויהעס, — די שעה זאָל ניט שלאָגן, —
זיי קאָנען אַ בליק אַזוי לייכט צעשלאָגן,
און איך האָב כמעט נישט באַוויזן צו זאָגן,
אַז איך האָב דיך ליב און מיין האַנט האָט דיך ליב,
און מיין איטלעכער פינגער האָט דיך אַזוי ליב.

לידעלעך פאַר דיר

א

אין דער בלויקייט בליען בלומען בלאַסע —
ליבסטער, בלייב.
ס'איז נישט נעפּל, ס'זיינען נעצן נאַסע,
וואָס עס וועבט דער ווינט זיין וואַסערווייב.
ליבסטער, בלייב.
אין דער בלויקייט בליען בלומען בלאַסע —
קלייב —

ב

טונק זיי איין אין מיינע האָר —
דיינע פינגער.
מיינע האָר —
לייכט־באַגילדטע לאָקן־צינגער
לעקן, לאַשטשען שלאַנקע פינגער.
מיינע האָר —
שלאַנגען־שלינגער,
ווילן — שלינגען איינעם גאָר —
פלינקע פינגער.
פילסט, ווי לייכט — דאָס פלאַטער־פלאָר? —
גרינג און גרינגער...
טונק זיי איין אין מיינע האָר —
דיינע פינגער.

ג

זאָג מיר עפּעס
סתם אזוי.

זעסט: איך ליג זיך
און איך וויג זיך
סתם אזוי.

כ'קוק: ווי זיינען דיינע אויגן:
ברוין, צי גרוי?

איך וועל שווייגן, זאָג מיר עפּעס
סתם אזוי.

מלכה לי

[1923]

היינט בײַנאַכט

דורך שוואַרצע שוואַנגערע בערג
שײַלט זיך אויס אַ קויל אַ בלוטיקע — די לבנה.
איך האָב דאָס בעט אַ לײדיקס הײנט געלאָזט,
ווי אַ נאַכטיק גרינעם רעגנבויגן
שימעריר איך בײַ דעם טײַך.

עס וויינט אַ ווײַנפויגל אין וואַלד
אפשר דאָרט אַזוי ווי איך פֿאַרבלאָנדזשעט.
מיט פֿינגער אויסגעקרימט פֿון פּײַן,
רופֿט זי עמיצן אין נאַכט אַרײַן.
דאָ, אין וואַסער ברעכן זיך לבנה־טעלער...

שוואַרצע שאָטנס גליען איצט אין טייך.
שאָטנס — מוראַדיקע פערד — שטרעקן זייערע קעפּ,
שווימען שלעפּן זיך פאַר די צעפּ.
קילן מיינע פּיס, גלעטן מיינע לענד,
ציען מיך אין הוידלדיקן וואַסער־בעט.

ערגעץ האָבן בערג לבנהס האַרץ אַריינגענאַרט.
אויף די אַקסלען פון די בערג בעט זיך אויס די נאַכט,
פינצטערע שאָטן־לייט באָדן זיך אין טייך,
ווי נאָנעס איינגעהילט אין קרעפּ.
פון די טיפן בלייכן זיך לבנהדיקע קעפּ...

באַליידיקט

דו האָסט זיך איבער מיר געבויגן —
סאַמעט פליגל זיינען אָנגעפלויגן,
געגלעט מיין פּנים מיט וויהעס פון דיינע אויגן...

האָבן ווייסע דעכער זיך געוויגט אין שטויבן,
הייזער האָבן זיך אין וואַסער־בערג געבויגן,
אונדז מיט זיך אַראָפּ־אַראָפּגעצויגן...

מיין קאָפּ איז אויסגעבויגן ווי צום שעכטן,
איך בין באַליידיקט נאָך פון נעכטן —
און בעט אויפסניי מיינע האָר צעפלעכטן...

יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

פאַרטאָג

ווער קאָן איינשטילן אַ האַרץ,
אונטער לבנהדיקן טרויער ביינאַכט,
אין געשפּאַן פון שטילקייט פאַרטראַכט.

וועלט האָט זיך אויסגעגלייכט פאַר אונדז,
אָטעם האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס —
פאַרוואָס איז דיין פּנים לבנהדיק בלאַס?

איך טרינק מאָרגנשטערן מיט מיין טרויער,—
מיין מאָרגנשטערן — מיין מאָרגנשטערן —
ערגעץ מוז דאָך זיין אַ טויער!

שפּאַן איבער שטילקייט אַוועק,
וועק ניט די שטילקייט מיט טריט —
לבנה שפּרייט פאַר אונדז צוויט...

ווי ציטערדיקע פיש אין אַ נעץ,
ווער האָט פאַרפּלאָנטערט די הענט
אין שטילקייט פון נאַכטיקע ווענט?...

קינדער מיינע

דורך די נעכט —
בלאָנדזשען שאָטנס אויף מיין בעט,
טאַנצן, שווינדן אין אַ בלוי געוועב.
און די אויגן מיינע אין אַ שטום געבעט: —
קינדער מיינע, קינדער.

מלכה לי

דורך די נעכט —
שווימען בלויע קינדער אויף די ווענט,
נעסטן זיך אין די קנייטשן פון מיין העמד,
פלעכט איך מיינע אָרעמס,
וויג זיי אויף די הענט:
קינדער מיינע, קינדער.

דורך די נעכט —
צוקן לעבנס אין מיין יעדן גליד,
זונען צינדן זיך אין מיין געמיט.
דינע ליפלעך זויגן אזוי ליב.
קינדער מיינע, קינדער!

גייט שלאָפן

פארנאכט איבערן שטעטל צופוסנס
וויגט א טרומייט זיך אין אַן אומעטיקן רופן,
העי, זעלנער! ג־י־י־ט ש־ל־אָ־פ־ן, ג־י־י־ט ש־ל־אָ־פ־ן.

זונפארגאנג לעשט זיך אין רופן,
בארג צו בארג פארטרויען דעם ניגון,
איינזאמער זעלנער וויל וועלטס צער פארוויגן.

ציען שאָף אין מחנות פון פעלדער,
פארוואָרפן קעפ — שפרייט די ערד זיך צום שלאָפן.
דער פאסטוך ווערט קלאנג אינם רופן...

הינטער בערג אַן איינזאמער קלויסטער
פארגייט זיך אין אַ פארנאכטיקן קלאָגן,
וויגט איין טרומייט דעם גלאָק אויך צום שלאָפן...

מיידלעך וויינען אין קישנס פון בעטן.
ער וויגט איין זיין געליבטע ו־ו־י־י־ט ו־ו־י־י־ט אינם רופן:
ג־י־י ש־ל־אָ־פ־ן ! ג־י־י ש־ל־אָ־פ־ן !

דאָס שטעטל אין געוויין איצט פאַרצויגן,
ווי אַ זומער־רעגן, טרערן די שויבן,
עס פאַלן שלעפעריק אויף ווענן די שטויבן.

די פויגלען ענטפערן אונטער דעכלעך צום ניגון,
דער וואַלד פאַרקייכט זיך אין אַ בוימערשן רופן:
ג־י־י־ט ש־ל־אָ־פ־ן ! ג־י־י־ט ש־ל־אָ־פ־ן !

קויפט פאַפּיראָסן

פאַפּיראָסן ! פאַפּיראָסן !
קלינגט מיין שטים דורך גאַסן,
מיט אויגן נעפּלדיקע פאַרצויגן —
קויפט ! קויפט ! קויפט !
יאָגן פוקסן זיך — קאָזאַקן —
מיט פאַדקאָוועס, ווי די קאַסעס —
שניידן קלאַנגען אַזוי ווי זאַנגען:
קויפט ! קויפט ! פאַפּיראָסן !

טאַנצט קאָזאַק מיט פערד אין ראָד,
שפרינגט איך צו אין קאַראַהאָד,
גלעט די פעל מיט פחד שטילן,
ווי איך גלעט מיין זיידנס תפלין —
מיינע אויגן בעטן, בעטן —
קויפט ! קויפט ! סיגאַרעטן !

קוקט קאַזאַק מיט לייבן־אויגן,
בריט מיין קערפּער ווי מיט שפּיזן —
שאַרפט מיט מעסערס דורך מיין לייב —
דורך מיין צוגעדעקטן קלייד
שלינגט ער, שלינגט ער נאַקעטקייט...
שיילט אַרונטער מיט דער הויט
גלידער פלאַמען, גלידער רויט.
מענטשן — גאַסן — קאַראַהאָד —
און איך נאַקעט — אין אַ ראָד,
און די אויגן בעטן, בעטן:
קויפט! קויפט! סיגאַרעטן!

פּראַלט קאַזאַק געלעכטער אויס,
אַזוי ווי וועש מע פּראַלט
פון טייך אַרויס: —
„אַך, דו שיינע קליינינקע!
דו ביסט נאָך אַזאַ קליינינקע!“

רויטע פאַרנאַכטן

א

אין זיין אייגן גאָלד צעגאַנגען דער פאַרנאַכט.
אין דער לופטן האָט קויל צו קויל געלאַכט,
שטאָט מיט שטאָט האָבן פאַרמאָסטן זיך ווי ריזן —
הימל האָט אויף רויטע שטיקער זיך געריסן...

פליען זעלנער אָן היטלען איבער שטאָט,
טראַמפּען דורך די פעלדער, ווי אַ ראָד,
רייסן מיט שראַפּנעלן פעלן פון די בערג —
די נאַכט קריכט איבער וויסטע מערק...

פון די שטיבער — דורך די שפּארעס — מאַמעס אויגן,
פינגער־פּויסטן אין קודלעס האָר אַריינגעצויגן.
ווען מיר וואָלטן קאָנען איינשלינגען אין ניטגעבוירנקייט די טעכטער —
ניט באַוואַכן זיי פאַרגליווערטע, ווי טויטע וועכטער.

עס איז דער קעלער, ווי אַ בויך מיט וואַסער, אָנגעשוואָלן.
די לעצטע שפּייז פּאַרטרונקען און צעמאָלן —
זאָלן מיר זיך איינוויקלען אין טליתים,
אויפן בית־עולם זיך באַהאַלטן מיט די מתים?

ב

אויפן בוידעם אין ווייכן היי ליגן כלה־מוידן —
זיי האָבן זיך פון שענדער דאָרט באַהאַלטן אויבן,
שטעכט דער היי — רייצט די אָנגעבריטע לייבער —
זאָלן זיי קומען נעמען אונדז פאַר ווייבער!

ליגט אַ זעלנער געאָרעמט מיט זיין שווערד,
קאַלטער שרעק פון מיידלעך קוקט אויף דר'ערד,
בליקן טרינקען זיך ווי אין אַ מוטנעם ברונעם —
וועמעס חתן איז איצט דאָ אָנגעקומען?...

טעג און נעכט אַריינגעגראָבענע אין היי,
עס גרוילט אין לייבער פּרוי־געשריי:
העי, זעלנער! וואַרף אַראָפּ די ביקס פון דיינע גלידער,
קום צו אונדז אויפן געלעגער דאָ אַ מידער!

דערוואַכונג

לייוויקן

דו האָסט געבראַכט מיט זיך דעם אָטעם פון היימישע שטעט,
סאָסנע־וועלדער האָבן ארויסגעבליט פון דיינע רייד —
מיך, מיט גרינקייט פון סאָסנע־שאַרף באַקליידט.

דורך דיין געלעכטער זע איך אויפגעשניטענע יונג־ערד,
דיינע האָר זיינען זוניק־ליכטיקער געוואָרן —
דיין בליק — רייפער ברענענדיקער קאָרן...

דו האָסט געוועקט אַלע שטעט — אויפגעוועקטע.
נאָר מיין שטאָט, מיין שטאָט האָסטו פאַרשעמט —
מיין שטאָט, וואָס איז פון זיך אַליין פאַרלענדט...

אין מיין שטאָט זיינען אויסגעהאַקט די וועלדער,
שטייט אַ בוים אין אַ גאָרטן, ביי אַ פענצטער,
שטאַרצט אַ מצבה פון אַ טויטן זעלנער...

אין מיין שטאָט אָדערן זיך טייכן פאַרגליווערטע,
ערד ליגט פאַרשטאָלט ווי שינעס,
חורבע שטיבלעך לייענען קינות...

ביינאַכט לויפן צוגן ווי די מאָנסטערס;
ערדציטערניש טרייסלט אויף די גריבער —
פייערלעך טוקן זיך אין שטיבער.

איבער שטאָט רופט עמיץ הויך: דערלייזער!
דערטראָגן עס העגער צום מאָרגן מיט קרייען —
שטאָט גייט צו קינד מיט מוראדיקע ווייען...

ריקודה פּאָטאַש-פּוקס

[1923]

דיין וואליזע

אזוי אומעטיק קאָן נאָר קוקן
דיין וואליזע.
האָסט אין איר אריינגעוואָרפן
אל'דאָס בייז און אל'דאָס גוטס.

האָסט זי ליידיק נישט געבראכט,
פירסט זי ליידיק נישט צוריק.
ס'ליגט אין איר בונטן פרייד,
ס'ליגט אין איר מיין גליק.

כ'האָב מיין בליק דיר איינגעפּאַקט
אין א בלייכן שטיק פּאפּיר:
וועט ער דיך באגלייטן
אויף דיין לאנגער שווערער פיר.

אזוי אומעטיק קאָן נאָר קוסן
דיין וואַליזע:
דריי שלאָפלאָזע נעכט, פיר — מיט חלומות.
דאָס פאַרמאָגסטו אין דיין וואַליזע.

ווען צוגן גייען אָפּ

אַז ביסט אַוועקגעפאָרן, און אויפן וואָקזאַל
האָבן נאָך אַזוי פיל פּאַסאַזשירן מיט ווייטע וועלטן
אומהיימלעך אויף דיר געקוקט,
האָסטו ווי אַ דריי־יעריק קינד וואונדערלעך די אויגן צעעפנט,
פאַרפירט זיי אין אַ ווייטן לאַנד,
וואו דו ביסט נאָך קיינמאָל נישט געווען.

די בופעטן מיט די אומעטיקע מיידלעך
האָסטו נישט דערפרייט,
נישט געקויפט גאָר,
און נישט געצאָלט,
און דער פּאַפּיראָס דיינער האָט געדרעמלט אין דיינע פינגער.

לאַנגע שווארצע צוגן קומען אָן
און פייפן אויס דעם אייביקן אומרו פון אַלץ.
גייען אָפּ, ווי שטילע אָוונטיקע שעה׳ן אום ווינטער.

קלומעקלעך, קויבערלעך, וואַליזעס
דערציילן אַזוי פיל וועגן ליידיקע קעסטעלעך־גליק . . .

און דו מיט לײדיקע הענט,
וואָס האָבן בײם באַגלײטער דעם דערמבענעם שטעקן פאַרגעסן,
לאָזט זיך פירן מיט צוגעמאַכטע אויגן —
נישט דײנע הענט די פאַרדרעמלטע,
נישט דו אַלײן
ווײסט נישט די עלנטקײט,
וואָס קומט אָן,
ווען צוגן גײען אָפּ.

דאָס דינסטמײדל

ווען דאָס דינסטמײדל האָט דערלאַנגט אַ גלאָז טײ,
האָבן נאָך זײנע אויגן גערוט אויפן װײסן פּאַפּיר.
ער האָט שנעל דעם קאָפּ אויפגעהויבן,
און געזאָגט:
— וואַרט צו, געהערט אַמאָל אַ ליד?
האָט זי זיך צעלאַכט.
און באַלד שטיל טרויעריק געזאָגט:
— כ׳ווײס, אַ ליד —
און ער האָט געלײענט הײמיש.
אירע הענט געשפּרענקלטע מיט שוואַרצע פּינטעלעך,
וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט הײסן זודיקן געפּעס,
האָבן זיך דערפרײט,
און ס׳שערצל מיט די גרינע פּאַסן האָט זיך אויסגעגלײכט.
נאָר די אויגן האָבן מאָדנע מיט די פּאָנעלעך געפּינטלט און געגלאַנצט,
האָבן וואונדערלעך געקוקט אַרום.
דאָס אומפאַרשטענדלעכע ליד איז געווען,
ווי אַ שטילער גלעט אויף אַ קינאָ־בילד,
ווען מענטשן ליבן זיך אויפן לײוונט־עקראַן.

ריקודה פּאַטאַש־פּוקס

און ווען ער האָט געענדיקט,
האָט זי מער שוין ניט געלאַכט.
רויטער גוטער ווייכער ווײַן האָט פון אירע אויגן געקוקט.
ס׳מויל האָט עפּעס געוואָלט זאָגן,
נאָר זי איז באַלד אַריין אין סיך,
די הענט אין הייסן שעפל וואַסער אײַנגעטונקט,
דאָס אומפאַרשטענדלעכע ליד
האָט איר אין די אויערן געזומט
ווי אַ פאַרבליבענע פליג אום ווינטער.

פּראַסטיקע פליטערלעך

די סי האָבן אויסגעמעקעט גוּ־טע נאַ־כט
פון רייכן שווייגערס שטאַל
און אַנטקעגנאיבער פון אַ פענסטער דורך די שפּאַרעס
האָט אויסגעהילכט אַ מאַמעס קול:
— מסתמא וויל „ער" אַזוי — — — —
האָט דער הימל טריבער זיך פאַרטוליעט אינם אָוונט,
און דער גאַנצער הויף האָט געווייסלט אַלע שויבן־שניי.
ביי דעם פלומפּ האָבן עמער פול מיט וואַסער־פּראַנזן לאַנגע
באַגלייט דעם טרעגערס טריט.
צוויי דינסטן האָבן זיך באַגעגנט אינם גאַנג.
האָט איינע צו דער צווייטער גלאַט געזאָגט:
— ס׳איז טאַקע ווינטער, באַנג — — —
אוןביידע האָבן צוגעשנופּט מיט די נעזער,
ברומענדיק און ווייזנדיק צו דער שפּאַרע פון דעם פענסטער...

און דאָס בלוט אין זיי האָט זיך שטאַרק צעזאָטן,
קללות מיט־אַמאָל האָבן זיך פון זייערע מיילער אויסגעשאָטן
אויף די באַלעבאַטים אויף די זאַטע,
וואָס אין כבוד ס'שטאַרבט אַ טאַטע
שטילערהייט.—
און אויסשיטנדיק חרמות אויף אַלעם,
וואָס די וועלט פאַרמאָגט,
האָבן זיי מיט פאַרביסענעם כעס
געטראָגן אַ געשריי
צו „דעם“, וואָס לעבט אייביק...

פֿריידל ס. טשאַרני

[1923]

קומט אומרו אין נאַכטיקע שעה'ן

קומט אומרו אין נאַכטיקע שעה'ן צו גיין,
מאָנט זין פֿון מיין לעבן און אינהאַלט און ווערט.
בין איך ניט אַ טייל דען פֿון נאַכט־סוד אַליין,
אַ שטויבל אַ קליינס פֿון דעם שטויב פֿון דער ערד?...

אַ זינגענדער זאַנג צווישן זאַנגען אין פֿעלד,—
פֿאַר אַלעמען זין — דאָס איז אַלץ, וואָס איך גאַר;
מיין תּפֿילה און טרייסט איז דאָס גליק פֿון דער וועלט,
איר פֿרייד איז מיין פֿרייד, און איר צער איז מיין צער.

ווי דאָס ווילדגראָז

ווי דאָס ווילדגראָז אויף זומפּיקע פּלאַכן,
הענגט מיין לעבן פאַרחלשט, ניט נויטיק;
פלעג איך פּוסטקייט פאַרזינגען, פאַרלאַכן,—
פיל איך איצט עס מיט קלאָרקייט ביז ווייטיק.

לעבן ברעקלט, פאַרפלאַכט און מאַכט שפּל
און פאַרוואַנדלט די פּערל אין שטויבן:
ווערט דער עיקר פאַראומזינט ביז טפל,
און דער טפל צום עיקר דערהויבן...

יאָרן

יאָרן, וואָס־זשע לויפט איר אזוי, יאָרן?
נאָענט איז דאָך סיי־ווי־סיי מיין וואַנדער־ברעג;
שטויב פון אייביקייט זיינט איר, מיינע יאָרן,—
אַש פון מיינע אָפּגעברענטע יונגע טעג.

זומער, וואָס פאַרפליסטו אזוי, זומער?
הארבסט, אַ הארבסט, וואָס־זשע קומסטו אזוי פרי? —
ס'בעט דאָס הארץ נאָך ווארימקייט און בלומען.
ערד, האַלט אָפּ אַ ווייל דיין בליציק־שנעלן פלי!...

לעבן, לאָז מיך ניט פאַרגיין

לעבן, לאָז מיך ניט פאַרגיין נאָך יונגערהייט,
לאָז מיך אויסזינגען אין שוים ביי דיר מיין צער,
לאָז מיך אויסשטורמען מיין גאַנצע מענטשלעך פרייד!
נאָר כאָטש אָפּ׳עט, ספינקס, מיין האַרץ מיט וואָס איך גאָר!...

כ׳וויים — אָט באַלד און ס׳וועט פאַרווייען מיך א ווינט,
ווי דאָס האַרבסטיק־בלעטעלע, וואָס ווערט פאַרגעלט;
כ׳וויים — מיין תפילה איז א פלאַפל פון א קינד.
כ׳וויל נאָך ציטערן אין דיינע אָרעמס, וועלט!...

ווען איך וועל איינשלאָפן

ווען איך וועל איינשלאָפן אין ערדיש שוים,
און פון מיין שטויב א גרעזל וועט ארויס,
און ווען ס׳וועט אין א טויאיק־שטילער נאַכט
פון אָרט, וואו ס׳האָט אמאָל דאָס האַרץ געוואַכט,
וואָס איז פאַר רחמים געווען צו ענג, —
א בלום ארויסזינגען צום מאָרגן־שיין,
און סט׳אָפּרוען אויף איר אמאָל אַן אויג,—
אָ, נָיט אומזיסט איז דאַן מיין ערדיש זיין...

עס פאַלט אַראָפּ

עס פאַלט אַראָפּ און לעשט זיך אויס אַ שטערן
פון לויטערער און ווייטער הימל־הייס,
און ס'מעגן טויזנטער געבוירן ווערן, —
דאָך בלייבט אַ פוסטער חלל אין דעם רוים...

ס'האָט ווּעמעס לעבן אויסגעהויכט זיין אָטעם;
און כאָטש נאָך אים פארבלייבן לעבנס פיל, —
פארהיט די ערד אַ לייכטן טרויער־שאָטן,
און אימעצער זאָגט „קדיש" אין דער שטיל...

איך ווייס

איך ווייס, אַז דו ביסט אומעטום:
אין אייביקייטס איעדן בויג
און אויך אין דעם, וואָס עס פארגייט;
אין אַ באַטויטן הארץ פון בלום
און אין דעם אַפּל פון מיין אויג;
אין ווינט, וואָס מיינע טריט פארווייט;
אין דעם, וואָס אָפן און פארהילט;
אין פרייד, אין אומרו און אין פיין;
אין שעה'ן, וואָס איך בענטש, צי שילט,
און אין מיין רגעדיקן זיין.

איך ווייס, אַז דו ביסט אומעטום...
און דאָך איך זוך דיך אַלץ אַרום.

כ'האָלט פרעגן דיך: צו וואָס איך בענק,
און לעב, און ווייטיק אַלץ און האָף? —
פארוואָס מיין לעבן, דיין געשענק,
פארוואַנדלסט אָפט מיר אין אַ שטראָף?...

זיי פרוכטבאַר ווי די ערד

זיי פרוכטבאַר, ווי די ערד, און אמתדיק, ווי זי:
אין פרילינג וואַקס און בלי, סוף זומער פרוכטן ברענג;
און שאַף נאָר, ווען דיין האַרץ אַ צאַפּל טוט, אַ גלי,
און שענק זיי, ווי די ערד, אָן דאַנק, ברייטהאַרציק שענק...

פון געפאַלן נידריקער און עלטער פון אַ מיה
איז זי, די ערד, און היט דאָך פייער אין איר טיף;
און אַלץ, וואָס איז צעצווייגט, צו הימלען הויך זיך ציט,—
האָט וואָרצלען טיף אין איר, איז פון איר לייב אַ גליד.

איר שווייגן איז אַ פעלז, איר וואָרט — אַ זאַפטיק בוים;
איר רעיון איז אַ וואַלד, אין סודות טיף פאַרשפּינט;
איר פּליסטערן — דאָס גראָז, וואָס גרינט ביים טייכלס זוים;
איר שפּיל איז דער קאַמיש, צערוישט פון פרייען ווינט.

איר תפילה איז אַ פעלד אין זונען־אונטערגאַנג;
איר שמייכל איז אַ בלום, און קאָרן — איר געזאַנג;
זי איז — דער קלאָרער טאָג, זי איז די ערלעך מי.
זיי פרוכטבאַר, ווי די ערד, און אמתדיק, ווי זי...

עס פלאַמט און לעשט זיך

עס פלאַמט און לעשט זיך אונזער זיין דורך שטראַלן און דורך שטויביקייט,
און יעדער זינגט זיין ליד אַריין אין סימפּאָניע פון אייביקייט.

דער גורל אונזערער איז בלינד; דאָס לעבן איז אַ רעטעניש,—
אַ בלאַט וואָס רייסט אים אָפּ דער ווינט, און ס׳טראָגט דער שטראָם
פאַררעטעריש.

וואוהין ?... און דאָך — נאָך אים אַ שיין צעלויפט אין ביסער־פּערימלעך;
אַ שטיין אין וואַסער וואַרף אַריין — צעפּליען זילבער־רעדעלעך.

אַ שטערן פאַלט אַראָפּ אויף דר׳ערד — אַ גאָלדיק פּאַס בלייבט פאַלנדיק.
צי איז מיין לעבן גאָרנישט ווערט און לאָזט קיין שפּור קיין שטראַלנדיק?...

עס פלאַמט און לעשט זיך אונזער זיין דורך שטראַלן און דורך שטויביקייט,
און יעדער זינגט זיין ליד אַריין אין סימפּאָניע פון אייביקייט...

וואָס זיינען אַלע מיינע לידער

וואָס זיינען *אַלע* מיינע לידער
פאַר *איינעם* אייערן אַ קרעכץ, וואָס איז פאַרהערט ?...

און מיינע צער און בענקשאַפט־טרערן —
סיין טראָפּעלע פון אייער שווייס ניט ווערט...

ווי נישטיק — מיינע ספקות נאָכאַנאַנד
פאַר *איין* מאָזאָל פון אייער אַרבעט־האַנט !...

ברכה קודלי

[1924]

פרילינג

פרילינג שלייכט:
יונגע גראָזן שפּרייטן בענקשאַפטן פונאַנדער.
און זיי קלערן —
מאַנדלבליטן פלעכטן זיך אין ווינט,
מיט ווייסן סאַמעט קרויזן זיך מאַגנאָלי־בלעטער,
זון העפט כשוף אין אַ צווייגן־פּלאָנטער,
און לאַנדישן וועבן דעם סוד פון ווערן.

אייביקייט וויגט איר כוח אין געווימל
און באַפעלט:
ס׳זאָלן אין בלימל שטענדיק דרימלען קערנער,
און אין קערנער נאָך־אַמאָל אַ בלימל.

מאַראַנצן

אין שטענדיקן זומער־טאָג
ליגט ערד מיט רייכן צוזאָג.
זויגן שטאמען גלוסט פון וואָרצלען
און ציטערן אויף זייער באגער.
באָדן זיך בוימער אין שוואונג פון ווינט,
און שטייפן זיך אויף מוטערשאפט.
קנאָספען זאפטיגן זיך,
רופן צו דער בינס פארלאנג,
און קלערן:
וויפיל רגע׳ס נאָך צום ווערן?
קערנער דרימלען אין דערוואַרטונג:
עמיץ וועט טרינקען זאפטיקן חלום פון ערד און זון...

שטיפמוטערלעך

א קערנדל גאָלד אויף שפּריצן פון טוי,
א הויך פונם פרילינגס באגינען —
אַן אוצר פון סודות
צוקאָפּנס פון גאָרטן פונאנדערגעשפּונען:
שטיפמוטערלעך —
בונטן נאָך בונטן.
איינס נאָך איינס איילן זיך,
בליען אין פארבן:
א לוין צו דעם גאָלד און דעם טוי,
איידער דער פרילינג וועט שטארבן.

ברכה קודלי

געטיפּט אין סאַמעטענעם גלעט,
נידעריק שטיל,
ווי אַ טונקעלער פאַרלאַנגען־שפּיל,
שלייפלען זיך בלעטלעך
מיט ברוין און פיאָלעט,
און די הערצלעך אין מיטן,
ווי אַ גאָלדענער געבעט.
געלינקע:
פלאַטערן, ווי פריידיקע קלאַנגען,
העל און דין
אין טונקעלע ברעגן געפאַנגען.
ליכטיק־בלויע:
קורץ און זעלטן,
ווי צופרידענע געדאַנקען,
וואָס וואַנקען אין יונגמיידלשע וועלטן.
שטיפמוטערלעך, שטיפמוטערלעך,
קורצווייליק און פילפאַרביק,
ווי אַ באַגער
אין אַ מאָמענט אַ גענאַרטן,
רייצן מיט אַן אַראָמאַט אַ צאַרטן
גינגאָלד, פיאָלעט,
שווייגן אויס אַ געבעט:
פליקט אונז שנעלער,
ווייל ס'איז פרילינג.
אַז ניט,
וועט זיין
צו שפּעט.

צום נזיר

צעריים דעם צודעק פון דיין אָפגענאַרטער גאָטהייט
און צוים ניט מער דיין יוגנט־שעה אין פריסטער־קלייד.
ביי דער זון פון דיינע בלוטן
באָרג אַ פייערדיקן ווילן,
וואָס זאָל דיינע גלידער מיט גליענדיקן גאַרן פילן.
קוואַל אוים דיין פרייד,
ווי אַ לויפנדיקער טייך אין פרילינג באַרג אַראָפּ
קוואַלט אַרוים זיין ווינטערדיק שוויייגן.
גיב אוים דיינע באַגערן,
ווי דער שטורעם־ווינט,
וואָס רייסט אין הארבסט דאָס בלאַט פון בוים.
נישט וואַרט,
נישט צייל —
איבער אַלע וועלטן איינס באַפעל,
ווי ס'וואָלט מאָרגן דיין אונטערגאַנג געוועזן.
זינג אוים דיין יוגנט־שעה,
ווי דער שוואונג פון גלאָקן־קלאַנג,
וואָס זאָגט אַ שמחה אָן;
ווי אַ רעגן,
וואָס טיפּט אַ מבול איין אין פעלד צוליב אַ זאַנג.

אין דער דינקייט

אין דער דינקייט
פון מיין געטאָקטן פּראָפיל
ליכטיקן אויס יונגעלייט זייערע פאַרביקע אילוזיעס.

קומען נעפּלדיקע שלייערן
פון מיינע ברעמען
און דעקן צו דעם זוניקן רייך פון מיינע אויגן,
ווי זיי וואָלטן זיי באַשיצן פון ווענען.
דאַן שפּרייזן אום אויף זיי פאַרבענקטע בליקן
און טרוימען שווייגנדיק, ווי די זאָמען אין די זאַנגען,
אַז זון זאָל פון אונטער דעם וואָלקן אַרויס
און כאָטש נאָר אויסלאַכן זייערע אויפגעבליטע פאַרלאַנגען.

מיינע שמייכלען,
וואָס באָרגן אויסגעטראַכטע וועלטן
פאַר אַן אָפּגענאַרטן מאָרגן,
לעזן אויף ביי זיי
אויף אַ רגע
די שוועריקייט פון גרוי געמיט.
און אין מיר
זינגט מיין נצחון שטאַרקער אויס די ריזיקייט,
זינגט אַ ליד אין יעדן גליד.

אײדא מאזע

[1925]

אין שמאָלן וועג

א

צוליב טאַטע־מאַמע,
וואָס זײַנען אַלט;
צוליב קינדער,
וואָס זײַנען קלײן;
צוליב זײ,
וואָס װעלן ניט פֿאַרשטײן —
מוזן מיר שוין
אַזױ גײן.

ב

שווער צו גײן
בײַ אַ פֿינצטערער וואַנט;
דער וועג איז שמאָל,
דערלאַנג די האַנט;
וועט זײַן גרינגער
אַזוי צו גײן:
אין שמאָלן וועג,
בײַ פֿינצטערער וואַנט.

מײַן טאַטע

גייט מײַן טאַטע מיט שמאָלע טריט,
טראָגט פֿאַרזיכטיק זײַן אַלטן גוף,
שטרעקט זײַנע זיבעציק רײַפֿע יאָר
צו דער זון — אַרויף!

ווייסט מײַן טאַטע, אַז ניט לאַנג
וועלן טעג נאָך בלײַבן אַזוי שײן;
און ווי די זון וועט ער אויך
שוין מוזן באַלד פֿאַרגײן.

קוקט מײַן טאַטע אויף מיר, זײַן קינד,
דורך שמייכלדיקע זאָרגן —
אַז זײַן זון וועט ניט אויפֿגיין מער,
בין איך דאָך שוין זײַן מאָרגן!

מוטער־ליד

כ'וואַש מײַן קינדס װיקעלעך
אין קלײנעם קלאָרן טײַך;
װעט מײַן קינד אױסװאַקסן
גרױס און שלאַנק און גלײַך.

טראָגט דער טײַך כװאַליעלעך,
זײ לױפן און זײ ברומען;
ס'איז מײַן קינדס אַ װיקעלע
מיט זײ אַװעקגעשװאומען.

טראָגט, קלײנע כװאַליעלעך,
מײַן װיקעלע אַװעק,
װאו ס'װאַשט אַ מאַמע אַן אָרימע
װינדעלעך בײַ אַ ברעג.

װעט זי אױפהײבן ס'װיקעלע,
װאָס איז אַװעקגעשװאומען,
און ניצן פֿאַר איר קינדעלע, —
טאָ זאָל איר װאױל באַקומען!

קינדער

א

װײַנען קינדער דורך די נעכט
און שלאָפן אין פֿרימאָרגן;
װאַכן מאַמעס לאַנגע נעכט,
שלאָפן ניט און זאָרגן.

װאַקסן קינדער אױף דער װעלט,
װאַקסן אױף אָן זאָרגן;
װערן מאַמעס קראַנק און אַלט,
בױגן זיך און זאָרגן.

ב

ס'האָבן זיך קינדער אין זאַמד היינט געשפּילט,
איך בין אין אַ װינקל געשטאַנען פאַררוקט;
איז די זון פון די װאָלקנס אַרױס,
אַרױס, און זיך אױף די קינדער פאַרקוקט.

האָבן די קינדער מיט זון זיך דערפרײט,
און זײער פרײד מײן האַרץ האָט באַגלײט;
די זון האָט געשפּילט מיט די קינדער אין זאַמד,
און מיך דאָרט געװאַרימט, אָן אַ זײט, בײ דער װאַנט.

אַ מאַמע זײן

און װאָס הײסט אַ מאַמע זײן
פון קינדערלעך־ברעקעלעך?
אָנטאָן זײ און אױסטאָן זײ,
קלײדערלעך און זעקעלעך.

און װאַכן נאָר און ציטערן
פאַר נישט זיכערע טריט,
און אַלע מאָל בעטן נאָר:
באַשיץ און באַהיט!

[library stamp]

מײַן קינדס קבר

נישט קײן בלומען, נישט קײן גראָז
וואַקסן אויף מײַן קינדס קבר:
א קלײנע מצבה, א גרויער שטײן
שטײט און קוקט אויף מיר אַלײן...

נישט מיט בלומען, נישט מיט גראָז
װעל איך באַפּוצן מײַן קינדס קבר:
מײַן קינדס קבר מוז בלײַבן רוי,
װי אין האַרצן בײַ מיר די װאונד,
װי ער אין זײַן גרוב,
װי זײַן שאָטן אין מײַן שטוב...

מײַן קינדס קבר מוז בלײַבן רוי...

לידער אין װינט

עס טראָגט דער װינט מײַנע לידער אין זיך,
דערפֿאַר זינגט ער אָפּט טרויעריק אַזוי,
און ברענגט מיר צוריק אײנציקווײַז
אָפּגעריסענע אַקאָרדן פֿון זײ.

און װען די זון שײַנט אויף העל,
און דער װינט בלאָזט װײך אַזוי,
הער איך מײַנע לידער װײנען שטיל
און זע זײ לײַכטן בלײך אַזוי.

כאַסיע קופּערמאַן

[1925]

דער קאַטעדראַל

הינטער דורכגעקרייזטע דעכער, גלעזער, אייזן,
שטייט דער קאַטעדראַל
אין מיין שטרענג־כאַאָטישן ניו־יאָרק.
הינטער בלייכע גאַסן,
הינטער גרינגע גאַסן
זונט מיין קאַטעדראַל.
און איבער דעם ברענענדן וויאָלעט און גרויען נעפּל
וואַכט אַ מאָדנער סוד.

און דאָרט קום איך רוען אין דעם לערן קאַטעדראַל
אויף אַ האַרטער באַנק
פאַרן ליידיקן אַלטאַר.
לאַנגע שאָען רו איך —
לאַנגע וואָלקנס, לאַנגע ליכטיקייטן.

און דו קומסט —
און דו קומסט אַ ווייסער דורך דעם טוי פון גרויען וויאָלעט
און דו קומסט —
און דו רעדסט ניט —
דו דורכזיכטיקער, דו פייערלעכער —
דאָס גרוי איז זילבער
און דער שטראָם פון וויאָלעט איז זונשיין.
און דו ווערסט טויט
און עס זוניקט מיין גרויסער, לערער קאַטעדראַל.

הינטער דורכגעקרייצטע גלעזערנע אייזערנע גאַסן
שטייט דער קאַטעדראַל.
געלע לאָמפּן ברענען ווען איך קום,
שוואַרצע אייזן־שלעסער הענגען.

און איך קום
און דרינג דורך אַלץ,
ווי דו, זוניק־טויטער.

דער בריק

פֿאַרוואָרפֿן איבער ברעגן,
נעם איך אַלעמענס געוויין צונויף
און טראָג זיי איבער זעגל־שפּיצן
הימל־הויך און ברייט און קלאָר,
און גייסט אָפּ ווייט פֿון מיר
מיין שוואַרצער וועג.
אין מיר פֿאַרגייט אַ ליכטיקער אזשור
און זילבערט פֿון מיר אויס דאָס בלוט —
און איך ווער עלפֿנביין.

פֿאַרהייליקט האָבן מיך מיליאָסן שפּורן,
באַשמוצט — די הויכע טעמפּלען,
בויגנדיק צו מיר זיך,
ווי צום רעטער.
וואָס האָט מען מיין געשטאַלט געטונקען
אין לבֿנה־שיין,
אַז מיינע ראַנדן זאָלן ווייסע שאַרפֿן זיין?

מיינע שאָטנס שפּינען איבער נאַקעט־דורכזיכטיקע שפּיגלען,
ווען איך הויב זיך, ווי אַ מעסער, קעגן הימל.

סאָנעט

גענפאַסט אין שטרענגע מויערן
בלייבן אַלע דיינע סוידעס. איך זוך
אַ שטראַל, אַ פאָרם אין גרויע טויערן,
וואָס קיינער האָט געוואַגט באַהאַלטן אין אַ בוך.

האָבן זעאונגען מיין זעל געצונדן,
האָב איך פייערן געלאָזן ברענען.
אומרירבאַר זיינען שאָטנס אין די שטונדן,
ווען געהיימע עדיפּוסן נענען.

איינזאַמקייט ברענגט אויפגאַנג ניט־דערמאָנטן,
רייניקט פון די נעפּל־שטראַלן שטויבן.
טראָגט מיך נאָענט, דעקט אויף האָריזאָנטן,
און באַהערשט און צערטלט מיך מיט גלויבן.

טרייסט־אימאַזשן, וואָס איך בוי אין איינזאַם,
פאַרליר איך אין טומאַנען פון דיין יאַם.

רבקה רויזנבלאַט

[1925]

איך האָב היינט געטראַכט

איך האָב היינט געטראַכט פון דיר,
האָט די זון אַזוי געשיינט,
און אַ בוים מיט לאַנגע צווייַגן
האָט זיך טיף געבויגט פאַר מיר.
ס'האָט אַ פייגעלע פול פרייד
אַ ווערימל אַזוי פאַרשלונגען...
און איך בין טאַנצנדיק פאַרביי
און האָב צו דיר, צו דיר געזונגען.

וועלכער גוטער חלום

וועלכער גוטער חלום
האָט דיך געבראַכט צו מיר?
ביסט געקומען,
און באַלד ביסטו אַוועק!
און געבליבן איז מיר נאָר
דיין איילנדיקער קוש אויף מיינע האָר —

וועלכער גוטער חלום
האָט דיך געבראַכט צו מיר,
אַז איך זאָל צערטלען אין מיין האַרץ
דיין איילנדיקן קוש אויף מיינע האָר?

ווי אַ טויב

כ׳בין אין אײַנגעמאַטערטע געלעגן אויפֿן בעט
און האָב די אויגן ציטערדיק געהאַלטן צוגעמאַכט,
כ׳האָב די פּיס, דערנאָך די הענט פֿאַמעלעך אויסגעשטרעקט,
און צוגעהערט ווי עפּעס האָט אין מיר זיך גרינג געלאַכט.

איז דער הימל קלאָר און בלוי און טיף געווען געליטערט,
און די זון געהאַלטן האָט די גאַס אין שוים —
איז די מאַמע פּלוצים רעשיק אָנגעקומען,
און געמיינט, איך שלאָף, און איז שטיל אַרויס.

איז דאָס פֿענצטער גרויס און פֿרײַ געווען צעעפֿנט,
און אַ ווינטל מיטן פֿאָרהענגל האָט זיך געשפּילט.
איז דער מאַמעס שטיל אַרויסגיין מיר געלעגן
ווי אַ טויב אַ הייליקע אין שטראַלן אײַנגעהילט.

עטל גאָלדבערג

[1926]

דורך אַלע מיינע טואונגען

דורך אַלע מיינע טואונגען
וועל איך שטענדיק ציען זיך צו דיר,
און זיך אָפּטיילנדיק פֿון אַלץ און אַלעמען,
וועל איך זיך לייטערן אין דער ליכטיקייט פֿון שווייגן.
איך וועל ריין האַלטן מיין האַרץ פֿאַר דיר,
מיינע טראַכטונגען אומבאַפֿלעקט
און מיין מיידלש לייב מיט אַ צנועה־קלייד פֿאַרדעקט.

ביינאַכט וועל איך מיט בענקשאַפֿט־טרערן
פֿאַרוואַשן די טויזנטיאָריקע אומווירדיקייטן מיינע;
בייטאָג וועל איך דיין גאָט — דעם אמת דינען,
און מיין בלוט וועט מיט די פֿאַרהאָרעוועטע מיד
קרבהשאַפֿט געפֿינען —
ביז איבער מיין עלנט וועט אויפֿגיין
אַ שטילע, הייליקע דערוואַרטונג.
מיט פֿרייד און האָב און גוטס פֿאַרזייט
וועט מיין טיש, ווי פֿאַר אַן אורח, שטענדיק זיין געגרייט.

און ווען אַ שוואַרצע, שווערע נאַכט וועט קומען,
וועל איך אין מורא האַלטן אָפֿן פֿון מיין שטוב די טיר.
דורך דער פֿינסטערניש וועל איך אַלץ ציען זיך צו דיר.
מיין האַרץ וועט ווי אַ ליכט אין פֿינסטער פֿאַר דיר ברענען.

ראָזע לאַקס-פּרץ

[1926]

אויפן היימישן ברעג

אויפן היימישן ברעג פון דער ווייקסל
איז פאַרנאַכט אַזוי דופטיק דאָס פעלד,
די שאָטנס פון טונקעלע ליפּעס
הילן איינעט די ערד אַזוי מילד.

אינדערהיים אויפן פעלד ביי דער ווייקסל
שמעקט פאַרנאַכט מיט געטריקנטן היי
און ס'בלייכן אין טונקל, ווי פּערל,
די טראָפּנס פאַרנאַכטיקן טוי.

ערגעץ ווייט שפּילט ווער שטיל אויף האַרמאָנקע,
ערגעץ הערט זיך אַ טרויעריק געזאַנג,
און ס'ציטערט דאָס האַרץ פון באַדויערן,
פון אַ שטילן נישט-קלאָרן פאַרלאַנג.

ווי איך בּענק נאָך די טונקעלע ליפּעס,
וואָס פאַרשטעלן מיט צווייגן דעם וועג,
נאָכן פּאַרק דעם פאַרלאָזענעם, אַלטן,
וואו מיין חלום דער בּלויער ז׳אַוועס.

מאָרגנפּרי

יעדן מאָרגן־פּרי ווער איך אומרואיק,
יעדן פאַרנאַכט־צו — בּלאַס און מיד.
טענער וויקלען זיך אין מידן קאָפּ בּיי מיר,
שטילע טענער פון אַמאָליק ליד.

קליינע מלאַכלעך מיט לייכטע פליגעלעך
קומען שטיל אין בּין־השמשות־צייט,
נעמען מיך אויף זייערע דינע פליגעלעך,
טראָגן מיך אַוועק אין בּלויער ווייט.

חלומען זיך מיר געשטאַלטן היימישע,
פון נאָרטן טונקעלן בּאַקאַנטע טריט,
כ׳הער דעם ריח פון מאַזשעיקעס נאַכטיקע
און טענער צאַרטע פון אַמאָליס ליד.

כ׳גיי נעבן פּלויט

כ׳גיי נעבן פּלויט פון בית־עולם מיט שמאָלן געטראָטענעם וועג,
און חלום א קינדישן חלום, און טראַכט פון פאַרגעסענע טעג.
אויפן היימישן פעלד — דער באַקאַנטער פאַרנאַכטיקער נעפּל,
ס׳באַטויעטע פעלד לויפט אַוועק אַזוי ווייט, אַזוי באַנג...
פון שטאָט זיך דערהויבט נאָר דער קלויסטער — דער שפּיץ מיט
באַגילדעטן קופּאָל,
פון באַגילדעטן גלאָק טראָגט זיך הילכיק א טויבער און דומפּיקער קלאַנג...

גיטל מייזל

[1927]

דיין קאָפּ

פֿון צופּיל שריפֿות איז דיין קאָפּ מיט אַש פֿאַרשטאָפּט,
און פֿייער פֿלאַמט שוין ניט, ווי פֿריהער, — רויך!

עך, איך זאָל קאָנען קאָפּ אַ רייס אַראָפּ,
אויסטרייסלען אַלץ, וואָס אַלט, וואָס ניי,
און שטעלן אים צוריק אויף אָרט —
פֿריש־ריין און לופֿטיק־פֿריי!

גראַם־אויפֿגעראַמט זאָל זיין דיין קאָפּ.
צו צינדן איז נאָך שטאָף נאָך שטאָף... זעסט?

איך ברען מיט קנאַל און פֿלאַקער —
ברען אויך!

מיין געשאַנק

האָסט צוגעשיקט מיר טרויער, איינגעוויקלטן אין גליק.
אַ דאַנק, נאָר נעם דאָס גליק צוריק,
און זאָל דער טרויער בלייבן הויל און נאַקעט.
איך וועל פּוצן אים אין דעם, וואָס מ י ר געפֿעלט.

איך לאַך, דו הערסט, איך הער ניט אויף צו לאַכן,
און דאָס איז דיר מיין ענטפער, מיין מתנה.
אויף סאַמעט־קישעלע, אויף אויסגענייטן,
מיט פאַרביקע, מיט אויפגערעגטע שעה'ן
שיק איך אָפּ דיר דעם געלעכטער, מיין געשאַנק.

דו זאָגסט

דו זאָגסט און זאָגסט מיר:
„וויל . . . און איך וועל קאָנען אַלץ!“ —
טאָ מאַך אַזוי —
אַז ווי די וועלט איז גרויס,
זאָל זי נאָך ווערן גרעסער,
און אויפן גאַנצן שטח
צוויי זאָלן זיין נאָר —
איך און דו.
דו קאָנסט ניט, זעסט?
טאָ זאָל־זשע יעדער שעה,
וואָס ביסט מיט מיר,
אויף פיר און צוואַנציק טעג זיך ציען,
און יעדער טאָג אָן דיר
זאָל זיין פון איין מינוט.
דאָס אויך ניט?
עך!
ווילסט פשוט גאָרניט טון פאַר מיר.
טאָ לאָז מיך אָפּ, לאָז אָפּ!

פאראַן אַזאַ מין שטאָט

פאראַן אַזאַ מין שטאָט,
וואָס דו באַטרעטסט זי,
און יעדער דורכגייער אין גאַס קאָן פריי דיך זען.
איך קאָן ניט מער!
די צייט, פארבראַכט אָן דיר,
איז מיר צו לאַסט.
איך בענק אַזוי —
די הויט פון מיינע ביידע הענט
לעכצט נאָך דיין גלעט.
איך קאָן ניט מער!
איך זאָטל אָן די לופט
און שיק אוועקטרייבן צו דיר דעם ווינט.
ער מוז טון אויפקאָכן אין דיר דאָס בלוט
און מאַכן גלוסטן דיך,
פונקט, ווי איך גלוסט.
הער!
הער, הער!
איך קאָן ניט, איך קאָן ניט מער!

דיין בליק

האָסט צוגעווייִנט שוואַרצאַפּלען מיינע
אָפּשפּיגלען דיין בליק
און ביסט אוועק.

עס גייען לאַנגע טעג
מיט לענגערע נאָך נעכט.

און פון דעם שעה׳ן־איבערפלוס
פלעכט איך און פלעכט
אַ טרייסט־פּרוכת.

אך, ווי די צייט
צערינט זיך איצט
אומזיסט!

פון זינט דו ביסט אוועק,
זיינען שוואַרצאַפּלען מיינע
געוואָרן פּוסט,
איינגאַנצן פּוסט.

פאַרלאָזטע פרויען

ביי פאַרלאָזטע, פאַרגעסענע פרויען
ווערן מאָרגנס העל־ליכטיק די אויגן,
דורכזיכטיקער טריפט דורך זיי טרויער
פון נים־גלויבן!

טוקן זיך פרויען אין וואַסער פון בענקען,
נישטערן, זוכן אמאָלס יעדן זכר,
ציטעריק־הויל, אויף אַ שטריקל פון ווייטיק,
הוידעם זיך, וויגט זייער האַרץ אָן און אויפהער.

ביי איינזאַם, סוף־איינזאַמע פרויען
ווערן קלענער שוואַרצאַפּלען פון אויגן.
פאַרהילט, איינגעהילט אין שטיל־טרויער,
פראַווען זיי חצות פון ניט־גלויבן.

דוואָירע כאַראָל

[1922]

טשאדרע

א

וועט אַ באָרוויסע בין איך אויף זאַמדן געגאַנגען
מיט טשאַדרע פון בליקן פון פרעמדע געהילט,
זיך געצויגן אַ שטילע צו מידבער־געזאַנגען, —
מיט גרינגע און קוועלנדע געגאַן בין איך טריט.

נאָר טשאַדרע — מיט צייטן מיט גרייזע — פאַרגאַנגען.
און זאַמדן זיך ציען ווייטע פאַרביי.
און איך, נאָך פאַרכאָלעמט מיט מידבער־געזאַנגען,
געצוימט גיי און פריי . . .

ב

היים זיינען זאמדן,
נאָך הייסער איז ווינט.
אייל איך אַ באָרוויסע,
איילן איז גרינג.

ארום מיר נאָר זאמדן.
איך וואוקסיק בין, הויך.
גרינג איז מיין טשאדרע.
גרינגער ווי רויך.

אַ שנירעלע פערל
איך טראָג אפּן האלדז,
ווי טויען באגינען
שפּילט העל זייער גלאַנץ.

ג

לעשן זיך שייטערס
אין בלוילעכן רויך.
נאכט ציט פון מידבער,
דער הימל ווערט הויך.

ווען לעוואָנע וועט זילבער
אף צעלטן צעזייען,
אַ גרינגע פון מידבער
אין אישעוו וועל גייען.

ד

ניטאָ קיין וואסער שוין אין קרוג.
מיין פּאָנים — דאָרעם־ווינט פארברענט.
וויגט זיך מידבער, ווי אַ וויג.
ברייטן מידבערשע — פארפרעמדט.

ווירבל־ווינטן, העלע זאמדן.
ברענט דער מידבער, ברענט אין שלאָף.
אלץ מיר דאכט זיך — פון אנטקעגן
גייט א טשערעדע מיט שאָף.

ניין, ניט ווארטן כ׳וועל קיין רעגע.
זון און ווינט נאָר בליק פארבלענדט.
נאָנט איז אישעוו, און בא שטעגל
ווארט מיך שאָטן, ווארטן ווענט.

ח

ארוף אף פעלזיקן שטיין
אליין אין דער הויך.
מיין אישעוו — אין נעפל.
מיין אישעוו — אין רויך.

כ׳שטיי דאָ העכער פון פאסטוכער,
דאָ איז זאמד ניט צעגליט.
העכער און העכער
מיט מיידלשע טריט.

ו

אין מידבער מיין מאמע
היט היים צווישן ווענט.
די זון קומט אין פלאמען
און בליקן פארבלענדט.

ווען אין אוונט אין צעלט
מאמע צינדט פייער,
שטיי איך פארציטערט:
ס׳מיר פלאם אזוי טייער.

ווי שטערן אין מיזראַך-זייט, —
פרי מיינער העל.
מאַמע, כ׳וועל היטן
פייער און שוועל.

ז

שטעקעלעך, רינגעלעך
כ׳פיר אפן זאמד,
זאָל זיך דיר דאַכטן: —
מיין קליינינקע האַנט.

סימאָנימלעך ווייכע
כ׳צייכן פארשייט,
זאָל זיך דיר דאַכטן:—
מיין טשאַדרע פון ווייט.

פון ציקל „חיים“

א

גראָווע כאָלעמען שטיבלעך אין אָוונט.
טריפט לעוואָנע מיט קלאַנגען פון שניי.
דאַכט זיך מיר — דו ביסט נאָוונט,
אייל איך אַנטקעגן דיר גיין.

קאָן איך ניט גלויבן דעם עמעס.
שלאָף איך ניט וויפל שוין נעכט.
מיינער אַן אומזין, צי ווּעמענס?
ס׳שיינען פאַרלאָשענע לעכט.

ב

און ענג איז מיין שטיבל.
פארשלאָסן די טירן.
וואוהין זאָל איך גיין?
און וואָס וועט מיך פירן?

און רייסן אַ טיר,
דארף מען קויאך דאָך האָבן!
ווי גרויס איז מיין קויאך,
ווער וועט מיר זאָגן?

ג

פארביי אונזער שטוב
האָט געצויגן אַ שליאך.
און גרעסער פון שטוב
איז געווען אונזער דאך.

פארנאכט, ווען פון ווינקלען
פון טונקלע פליסט טפילע,
אף שטעגלעך אין סאָד
טריט מיינע קוועלנדע, שטילע.

כ'האָב דאן ניט געוואוסט,
מיט הארץ נאָר געטראָפן,
אז לעב איך מיט שענקייט,
וואָס וועט שוין אנטשלאָפן.

אז טאָג איך אין בלוט מיינעם
בלויקייט פון טאָגן,
און וויים נאָך אליין ניט
וואוהין כ'וועל זי טראָגן.

דוואוירע כאַראַל

באַם יאַם

א

גרינע קוועלנדע כוואַליעס
אין בלוילעכן זילבער.
גיי איך א שטילע
צו אייך, שוימיקע, מילדע.

איר לויפט מיך באַגעגענען
מיט זאַט און מיט זילבער.
איר לויפט מיר אַקעגן,
ליכטיגע, מילדע.

איר נעמט מיך ארומעט
פון פיס ביז די אויגן.
כ׳וויל זיך א שטילע
פאַר אייך דאָ פאַרנויגן.

ב

אוי, ווייטן, צעוויגט זיך!
צעהוידעט זיך, ברייטן!
אָטעם מיין שטילן
פאַרטיפט און פאַרברייטערט!

מיט ליפּן פאַרקלעמטע
איך גיב זיך קיין ריר:
הונדערטער קוילעס
שרייען אין מיר.

הער איך אייך, מאַמעס,
אַלטע און גוטינקע,
הער איך אייך, מיידלאַך,
פאַרשייטע און מוטיקע.

אין יאָרן געליטערטע
אייער פרייד, אייער וויי
וואַקסט און צעוואַקסט זיך
אין מיין יונגן געשריי.

ג

אוי, דורך דיר כ'האָב אַ שפּאַן געטאָן ווייטער.
אוי, דור דיר מיין ליד כ'האָב געליטערט.

פּלאָנטערט זיך שטעגל פון הייכן צו יאָמישן נידער.
אַף צעהוידעטע שטרעקעס זע איך דיך ווידער.

נידערן מעוועס, ווייסע ווי שניי.
אין הייכן צעוואַקסט זיך מיין יונגער געשריי:

אוי, דורך דיר כ'האָב אַ שפּאַן געטאָן ווייטער.
אוי, דורך דיר מיין ליד כ'האָב געליטערט.

אַ מאַיסע

אין ווייסן אין ליכטיקן אָוונט,
ווען בוימער זינקען ביז צווייגן אין שניי,
אַ קינד פון דער באָבעס קני
פאַרטרויט מיר עמעסן צוויי:

— „מיר רופט מען טשעטין."
אין קינדערשע אוינגעלעך א כוואַליע,
דאכט זיך, פון גאָר ערגעץ ווייט,
זיך קייקלט א כוואַליע א העלע
פון ערגעץ פון וואָרימער ווייט.

מיך לערנט די באָבע דערציילן א מאַיסע,
איר פּנים — פארמאַטערט און גרוי.
מיט באַהאַלטענער וואָרים אין קנייטשן
הויבט אָן זי דערציילן אזוי:

— „א קינד, א קאַץ און א באָבע
געוואוינט ווינטער אין א דאָרף אין א ווייסן."
„דער איקער", — מיך וואָרענט די באָבע, —
„דער איקער איז דער קאָל בא א מאַיסע."
די ערשטע העלפט זינג איך,
„צעצי יעדער וואָרט שטיל און פאמיילאך.
„די אנדערע האַלבע — נאָך שטילער,
„מער טרויעריק, ווי פריילאך. —
„פאַלט אפן קינד דאן א שטילקייט,
„וויהעס ווערן שמעלער און שמעלער.
„דיין קאָל איבער קינד דעם פארשטילטן
„דאָרף קליגנען ווי שטילער געררויש פון די וועלן."

פון וויימן אוראַל קומט די באָבע
צום אייניקל דאָ בא מיר.
אונזער שטוב זינקט אין טיפע שנייען.
בוימער שטייען ביז צווייגן אין שניי.
כ'הער די באָבע, דאָס קינד און די מאַיסע.
פון פרעמדן אוראַל
אזא וואַרימע כוואַליע דערגייט.

דוואוירע כאָראָל

אוי, ניט קיין שוועלבעלעך

אוי, ניט קיין שוועלבעלעך מיט שטילע פליגל
איבער פּאַרטאָגיקן פליען בלויען טייך,
כ׳שיק מיינע נייע שטילע לידער
אין ווייטן היינט צו אייך.

צו אַלע אייך און אייערע שטיבער,
צו אַלע אייך, וואָס לייענען מיך,
וואָס האָבן ליב מיך און מיינע לידער —
אַ גרוס אַ וואַרימען שיק איך.

אוי, היינט אין אָוונט ניט רויטאַרמייער
אין גאַסן גייען מיט יונג געזאַנג.
ס׳זיינגט ערגעץ, איינגעגנשפּאַנטער אין רייען,
מיין איינגענער מיין שטילער גאַנג.

ווערסטן לויפן מיט פעלדער טויבע.
ווער ווייסט, צי כ׳וועל נאָך זען אייך.
באַ שליאַכעס ווינטן ווערבעס הוידען,
כ׳גיי געשפּאַנט מיט אַלע גלייך.

שיפרע באַלאַדענקאָ

[1922]

עס וועט אין מיר וואַקסן

עס וועט אין מיר וואַקסן,
מען וועט אין מיר זייען —
האָניק פון קנאָספּן
איך וועל אין זיך פילן,
איך וויים אַף געוויס דאָס!
אַזוי ווי דער גראָבן ביים וועג דאָרט איז זיכער,
אַז ס׳וועלן צערייסן זיך בליענדע ציכן,
און דרייען און טראָגן וועט זוימען דער וויכער.
זאַמדיקע וועגטלאַך
וועלן פּאַרהאַלטן פון זיי אַ פּאָר צענדלינג
און וואַקסן זיי לאָזן אין פייכקייט פון גרונט!...
ס׳וועט אין מיר וואַקסן —
איך וויים אַף געוויס דאָס,
אַזוי ווי דער גראָבן ביים וועג דאָרט איז זיכער,
אַז ס׳וועלן צערייסן זיך בליענדע ציכן,
און דרייען און טראָגן וועט זוימען דער וויכער.

אַלע כוידעש

אַלע כוידעש הויבט די לעוואָנע
די וואַסער פון ערדישע ברעגן,
הער איך דעם רודער פון כוואַליעס
אין פריש־רויען אָרט פון מיין לעבן.

און טרערן שטיל ווארימע פאַלן —
טראָפּן געזאַלצענע יאַמען.
איך פיל היינט דעם אָנהויב דעם ווייטן
פון אָראָם מיט כאַוועו.

איך בין פול

אי, בין פול . . .
איך צענים זיך . . .
כ׳גיי אויף היינט מיט טראָפּנס
געדיכטע און שווערע.
געדענק איך אַ סאָסנע,
אַ ווייכע, אַ דינע,
זי זייעט איר סמאָלע
מיט געלבלאַכע הענט.
איז מיר אינעווייניק ליכטיק. —
מיט קווייטן מיט רויטע
בליט היינט מיין העמד...

מיין בלוט

מיין בלוט, מיין ווארים בלוט!
כ׳האָב היינט געוויינט, כ׳האָב היינט געלאַכט,
און אַלץ געווארט,—
אָף וואָס, אָף ווען?
און נישט געוואוסט פון וואַנען קומט
אַזאַ מין פרייד צו מיר אין הארץ,
ביז וואַנען ס׳האָט אַ טראָפּן בלוט
דערציילט דעם סאָד
אין טיפער נאַכט.

אַז מײַנע פֿרײַדן

אַז מײַנע פֿרײַדן װילן ניט זיצן,
אַז מײַנע פֿרײַדן װילן ניט װאַרטן,
װאָס קאָן איך זײ זאָגן?
װאָס קאָן איך זײ טון?
צי קאָן איך זײ האַלטן,
צי קאָן איך זײ דריקן די גאָלדענע גלידער
מי ציטריקע הענט?
נו, װאָס קאָן איך טון זײ, די פֿרײַדן פֿון פֿרילינג,
װאָס קערן מיר איבער מײַן מײדלשע מיט?...
נײן! כ׳װעל אײַך נישט האַלטן,
אײַך, פֿרײַדן פֿון יוגנט,
איך װעל אײַך צעעפֿענען טירן און פֿענצטער —
און פֿליט !
און װעלכע ס׳װעט קומען מיט טויען באַפּײַכט
צוריק אין טירל, צוריק זאָל אַרײַנגײן —
און װאַקסן, און װאַקסן.

צעװיקלען זיך קנאָספּן

צעװיקלען זיך קנאָספּן,
צענעמען זיך בלעטער,
און װאַרים איז צװײַגל,
און קלעפּיק, װי האָניק.
האָניק פֿון קנאָספּן,
װײַטאָק פֿון בליען,
אַ זון מיט אַ רעגן,
אַ ליכטיקער פֿרילינג.

עסטער כאַסים

[1923]

סע מרוקעט אין מיר אַ בעהיימע

סע מרוקעט אין מיר אַ בעהיימע,
סע ציט מיך צו שטרויענע דעכער,
מיר איז שוין נימעס באַווײַנען
די געדערים פון װעלטישן ברעכן.

אָ, נעמט מיך, נעמט פאַר די לענדן
און טראָגט מיך אָפּ אין מײַן װאַלד,
איך ווייס, איך וועל גאָר דאָ ניט ענדערן,
ס'האָט געפּלאַצט בײַ דער זון שוין די גאַל.

איך ווייס, איך ווייס עס וועט קומען,
דאָס וועט מוזן זײַן —
אַ גאָרגל — אַ שטיינערנער קוימען
שלינגט שטערן אײַן.

און ס'ווילט זיך ניט, ס'ווילט זיך ניט זאָגן
דאָס, וואָס אויגן זען,
אַז מײַן אייגענעם מענטשישן מאָגן
פאַרבײַט אַן אײַזן-מאַשין.

און ניט איך, ניט מיין פֿרומע בעהיימע,
וואָס דאָרט קייעט איר איינענע צונג,
וועלן ניט אויסקייקלען אויף אוראַלטע בוידימער
קיין צווייטע נייע זון.

אַ גרויסער, אַ מעכטיקער, אַן אַנדערער,
ס'ווייסן קינדער שוין, ווי מע רופֿט אים —
און ווינטן אין פֿעלדער שוין וואַרגן זיך
מיט בײַן פֿון זיינעם אַן אויפֿטו.

דינע ליבקעס

[1923]

טעג

פרי

דער גאָט פון פרימאָרגן האָט הימל נעעפנט, און מאָרגן־מילך געמערט פולער די מאָסן. אַ הענדל אַ יונגס, מיט זון גאָר באַשיינט, האָט זיך אומגעקוקט פלוצים און מיט פליגלען פון ברכה דעם פרימאָרגן באַשאלט.

און קינדער, און זונען, און בוימער, און שאָטנס אויף פלאַץ אויף באַשנייטן, אויף זילבערנעם רייגעם, און איך אין דער מיט פאַר גאָט פון פרימאָרגן, הויב היינט מיין תפילה, טראָג היינט מיין קרבן...

געסט

מיין ברוסט האָט געוועקט היינט א יונגער פאַרטאָג.
א באָרוויסער שבת, מיט ערשטן פרילינג־ווינט פאַרטראָגן, האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער, פאַר מיין נאַקעט פאַרשעמט זיך און הינטער לאָדן זיך באַהאַלטן...

— א יונגע כלה קומט צו מיר היינט.

קלאַפּט דאָס האַרץ אין מיר פאַר פרייד.

איך עפן טיר און לאָדן — —

אזוי פיל פריענדיקע לאָדן שפּאַרן זיך צו מיר, און איך בין איינע אליין.

ווי וועל איך אויפנעמען יעדן באַזונדער? — — —

איך האָב זיי צעשטעלט ארום אין א רינגל —
און איך מיט הענט ביי די זייטן, — פוס רירט ניט דעם דיל.
איך מאַך מיר א ראָד נאָך א ראָד. אזוי גייט עס מיין שפּיל...

ערב

איז שטאָט אזוי ציכטיג געלעגן, מיט אויסגעווישטע שויבן פריילעך געקוקט און געגרייט זיך צו ערב.

טויערן האָבן זיך גדלותדיק שטיל צעעפנט:
ווער ס'וועט דער ערשטער אריין, וועט מלך היינט ווערן.

א הונט, א לייב א שווארצער, מיט פיס ווייכע, מלכשע שטילע, האָט דעם טויער איבערגעטראָטן און מיט סאַמעטן פעל קעגן פריענדיקער זון זיך געשטעלט.

אויף קיין פּנים האָט זיך קיין קנייטש פון אומצופרידנקייט ניט געזען.

אזוי איז שטאָט יונג און וואַרטנדיק געווען.

אזוי איז הונט לייביש־קיניגליך געשטאַנען, און דאָס אָרט איז אים געפעלן.

מיט ברייטער שטאָלצקייט האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט, און אין פולער הערשאַפט זיך מיט די פעדערשטע פיס פאָרויס צעלעגט.

האָט יעדערער צו זיך אהיים ערבדיקע געזאַלבטע פרייד געטראָגן . . .

טויערן האָבן זיך ווי געעפנט שטיל אוג גדלותדיק פאַרמאַכט.

אין יאָך

האָב איך טאָג היינט דערזען א גרויען, צ נאַסן. ווי אַן אָפּגע־ שוירענע קאַץ האָט ער געשטוינט אונטער שווערקייט פון הימלשן בליי . . .
איז וואו זאָל אים אהינטאָן אזא, אז טעג האָב איך יונגע, ווי

גרינע בערגעלעך מאָך, און ווילדקייט פון וואַלד צעזעצטע — איך מיש זייער גרינעם זייד, איך טוליע מיך אין זייער פרייד, און ער איז געקומען מיין בענקשאַפט צו פאַרשוועכן.

איז וואוהין זאָל איך אים צוקנעפּלען, וואוהין, אז האַרץ איז פאַרנומען ביז ענג, און טאָג אזא בלייערנער, מידער קומט, ווי אַלע טעג, א לייט, און שיקט מיך גלייך צום יאָך . . .

פון יענער זייט וואַנט

געווידמעט ל. ר.

פון יענער זייט מיין בײדער־וואַנט
שלאָפט א יונגע מיט מיר באַנאַנד;
וויים איך, ווייסט זי,
אז פון יענער זייט וואַנט! . . .

טרעפט אמאָל אין כאָלעם,
רוקט זיך אָפּ די וואנט,
דערפיל איך איר נאַקעטן ווארעם —
איר האנט —

ברויזט אין מיר מיין יוגנט אוף,
איך כאַפּ זיך אוף —
א וואנט!
ווערט טויט־פארדראָסיק פאר ווענטישער אלטקייט,
פאר שטיינערנער קעלט...

פון יענער זייט וואנט
שלאָפט א יונגע מיט מיר באנאנד;
וויים איך, ווייסט זי,
אז פון יענער זייט וואנט...

בא הימלען

בא הימלען בא זויבערע, בלויע,
בא קלאנגען פון זילבערנעם טאָג,
נייט אוים דאָרט א יונגע, א בלאָנדע,
דאָס ליד פון איר מיידלשן טאָג...

הערט איין זיך גרייז־גרויער ווינטער,
קלעמט אין טונקעלער הוילקייט דער סאָד,
און מיידל בא הימלשע ברעגן
נייט דאָס ליד פום גאָלדענעם טאָג...

הערן עס יונגע אף גאסן, אף ראָגן,
און האַרץ אין ווייט זיך פארטראָגט,
צו בלאָנדער, צו מיידלשער יוגנט,
צום קלאנג פונם ליכטיקן טאָג...

אין אַ לויטערן באַגינען

אין אַ לויטערן באַגינען
האָב אַ ברודער מיר געפונען,
אין אַ לויטערן באַגינען.

אין אַ לויטערן באַגינען
איז מיין מאַן צו מיר געקומען,
אין אַ לויטערן באַגינען.

אין אַ לויטערן באַגינען
האָב איך אַ קינד אַ קליינס געוואונען,
אין אַ לויטערן באַגינען.

אין אַ לויטערן באַגינען
בין איך נישטאָ, איך בין אנטרונען,
אין אַ לויטערן באַגינען.

מירע כענקין

[1925]

יוגנט

איז מיין שאָ צעפלויגן,
אָט ווי איך אליין.
פליען מיינע אויגן
ווייט פון מיין געבֿיין.

בֿין איך צווישן מענטשן,—
ציט מיך אין דער שטיל.
וויל מיך שטילקייט בֿענטשן,—
רופט מיך רויש און שפּיל.

טרעף איך ליבֿע אויגן,—
איז פאַרמאַכט מיין הארץ.
זע איך ניט די אויגן,—
נעמט ארום מיך שוואַרצס.

כֿ'טו א לויף צו ווייטן,—
טוט מיין האַרץ א קלאַפּ.
אוי, א העלן רייטער
האָט פינצטערניש פאַרכאַפּט.

מירע כענקין

נויג איך זיך צום בוים

נויג איך זיך צום בוים אין צארטן גליווער צו,
שווימט מיין לייב אף כוואליעס ווייסער רו.
ווער איך זאפטיק, גרוים און מילכיק־ווייס,
כ׳שווים און שווים, און וואסער־בלומען רייס.

טוט א ווינטל נאכטישער א צי,
איז מיין האנט מיט שווערע בלומען מיד,
פאלט זי שטיל פון לייכטן צווייג אראפ,
קושט מיך פלוצים פרישער טויען־טראפ...

ערגעץ רופט מען

ערגעץ רופט מען, ערגעץ פירט מען
אף א נייעם שליאך.
וויפל שוועסטער נאך פארקלעמטע
צווישן דיל און דאך.

ערגעץ אטעמט מען מיט בלויען,
ערגעץ שווימט און לאכט.
טאג דו קיינעמס, טאג דו גרויער,
גיי אוועק פון וואך.

ערגעץ שפרייזן טריט געגרינטע,
ערגעץ ציט א ווינט.
טאג דו פרעמדער, טאג דו בלינדער,
גיי אוועק, ניט בינד!...

מירע כענקין

הארבסט

איז שווער אזוי פארנעמען, הארבסט, דיין ליד
פון בלוי־געזעגעניש מיט בלויען זומער.
א לעצטן גרוס פון שיף־זעגל אף דניעפר,
וואס שטייט בא ברעגן אומבאוועגלעך שטומע.

איז שווער אזוי מיר ענדערן מיין טראט
אף בלעטער גאָלדענע פון בלעטערפאל פון געלן.
די פרישקייט הארבסטיקע אריינגענעמען מיט אָטעם
אין טאָג נאָך לויטערן און העלן.

שטילע גאסן

שטילע גאסן מיט שווארצע טאָפּאָלן
מיך באגלייטן ביז מיין ווייסן הויז.
זילבער־שאָטנס פון לעוואָנע לויטערער
פלינק שניידט דורך א פלעדערמויז.

לייכט אף זילבער-שאָטנס לויפיקע
שטעל איך איילנדיקע טריט.
און אין הויז מיינעם געשלאָסענעם
טראָג איך שטילקייט, ווי א ליד.

ערשטער מאי

א

האָט ווידער זון אן איינס
אין פרילינג אויסגעקריצט.
אף טויערן אף הויכע רויטקייט בליצט.

און רויטסקייט איבער מאַכנעס איז צעהאַנגען,
און פּאַכט און פלאַטערט אום אױף דינע שטאַנגען.

און בלינדער בראָנעווײס,
מיט ווענט פאַרכאַסמעטע
און בליק,
באַהאַלטענעם אין אײַזן און אין שטאָל,
יאָגט אום זיך שטיל אויף מילדע נאַסן.

און מילדע גאַס,
באַשיצט מיט רו און ווייסן מאַי,
איז גרייט אַ שפּיל טון אויך מיט בלײַ.

האָט ווידער זון אַן איינס
אין פרילינג אויסגעקריצט,
אַ זײַל אַ ליכטיקן
אין לאַנד מײַנעם באַשיצטן.

ב

מיט פריש האָט אויפגעפּאַכט דער פרילינג־פויגל.
מיט העל האָט אויפגעהעלט די בלאַנקע זון.
און איך, אַ בויגעוודיקער רעגנבויגן,
מײַן וועג מײַן פליענדיקן כ׳האָב היינט געפונען.

איז וועג מײַנער היינט קורץ און גלײַך:
פון האַרץ צו האַרץ, פון האַנט צו האַנט.
מיט מענטש און ברודער כ׳בין היינט רײַך,
איז ווידער טראָט מײַנער וואַרים היינט.

מירע כענקין

איך און מיין כאַוועַרטע

גענוידמעט דעם יאָר 1905

אין און מיין כאַווערטע
עסטערקע מייטין,
צוויי שלאַנקע מיידלאַך אין קינדישן בעט
אַ גאַנצע נאַכט
פאַר שלאַכט פרימאָרגיקער
האָבן געפיבערט, גערעדט, גערעדט . . .

מאָרגן, אָ, מאָרגן,
אָפן מארק אָפן גרויאינקן
וועט שטראָמען, וועט גיסן זיך אונזער בלוט.
וועט מאָרגן געשעען . . .
וועט מאָרגן געשעען . . .
היינט איז שוידערלעך גוט . . .

און בערדיקער טאַטע,
און קליינינקע מאַמע
האָבן געקרעכצט:
„ס׳איז מיט קינדער ניט גוט.“

און איך און מיין כאַווערטע
עסטערקע מייטין
האָבן געגרייט אף מאָרגן בלוט

ספריה עממית · ייִדישע פאָלקס ביבליאָטעק טאָראָנטאָ · TORONTO PUBLIC LIBRARY

סאָניע טוטשינסקי

[1925]

ווערעטענעס

א

היי, איר הערט מיך אַלע, לופּטיקע, איר זינגערלעך,
פֿאַרוואָרפֿט שוין אייער הימל, כ'האָב געבראַכט מיט זיך וואָס שענערס;
ניט געשליפֿן איז דאָס ליד מיט ווייסע פֿינגערלעך,
נאָר אויסגעוועבט מיין נייע ליד פֿון אַ טויזנט ווערעטענעס.

איר, אויף סאַמעטענע קישעלעך פֿאַרזעסענע,
פֿאַרוואָס ט'איר זיך מיט הייליקייט געטשעפּעט צו די שטערן?
וואַלד און פֿעלד פֿאַרהילט מיט הימלישער פֿאַרנעפּלטקייט—
איר הערט ניט, ווי זיי לאַכן פֿון אייך—ווילן ערדיש ווערן.

מיר, וואָס גייען און וואָס קומען פֿון די געסלעך אָן
מיט אייזן און מיט ציגל צום אַקערן און בויען,
אַלץ פֿאַרוואָרצלען מיר אין ערד,—
וואָס לעבט און וואַקלט זיך אין נעפּלקייטן גרויע.

מיר, וואָס זינגען און וואָס וועלן זיך צעזינגען ערשט,
מיר ווערן ניט באַגייסטערט, ווען עס שווייגען בוים און בלעטער —
אונדז באַגייסטערט דער גערויש, וואָס מיר אליין, נאָך יונגע ערשט,
אים שאַפן אינם אופבויען פון נייע שטעט און שטעטלעך.

ברייטער, פרייד מיינע, צעהוליע זיך, צעטאַנץ אין מיר,
זאָל זיין, אַז צווישן זינגערלעך בין איך נאָך גאָר די קלענסטע,
נאָר אין זינגען איז מיט מיר אַ וועלט אַ גאַנצענע,
ווייל הארציק איז דאָס ליד מיינס פון אַ טויזנט ווערעטענעס.

ב

אַ זינג טון וועגן שטערנדלעך פארלאָשענע?
מיר וואָלטן עפשער זינגען, ווען מיר קאָנען שטילערהייט,
אַז אומעט איז פון לאַנג שוין אַ דערשאָסענער,
אַז וואו מע טוט אַ קערעווע זיך: פרייד, און פרייד, און פרייד!

איז וואָס, איז וואָס־זשע פינטלסטו מיט אויגן גאָר?
איז וואָס אזוינס האָט דיר זיך איצטער מיט־אַמאָל פארוואָלט?—
זאָל זיין, אַז ווערטער פלאָנטערן זיך, בויגן זיך,
אוואדע ז׳ניט געשליפן נאָך אין ווערטער יעדער וואָרט.

מיר זיינען קליין, מיר דארפן זיך צעוואקסן ערשט,
מיר וויסן שוין אף זיכער: מיר צעוואקסן זיך דאָס גליק,—
פון אייזן און פון פאדעם, שטייפע, פלאקסענע,
וועט אויפגייען אַ לויטערע, אַ צארטע אונדזער ליד.

ג

שווימט אָן אַ וואָלקענדל פון ווייטע האָריזאָנטן,
הענגט אויף געסעלעך אַ שווימענדיקער טונקל.
אַך, פאָדעם, פעדעמלעך, פּאַרוואָס ווילט איר זיך פּלאָנטען,
אַך, דו, סטענדערל, ביסט פאַררוקט איצט אין אַ ווינקל.

זאָל זיין אַזוי, סע וועט דאָך לאַנג שוין ניט געווערן,
כ׳וועל דיך, מיין סטענדערל, אַוועקשטעלן אין מיטן,
און ווערעטענעס נאָך אַ צענדלינגל, צי מערער,
וועל איך אָנטאָן דיר אַזעלעכע צעגליטע.

וועט זיין די וואָל אַזאַ מין שטאַרקע און געדרייטע,
קוליקעס ביינערנע אַ שלעפּ טון וועלן עקן,
וועסטו אַ גרילץ טון, אַפּן צעך וועסט אַ געשריי טון —
ווער ס׳איז שרעקעדיק, זאָל שטאַרקער זיך דערשרעקן...

ד

זון, האָסט דאָ צעהאַנגען ערשט אויף פּלויט,
אויף ברוין געוואַנט פון מיין פאַבריק אַ קלומעק שטראַלעכלעך.
זון, אַ יאָ ס׳איז גוט, וואָס כ׳בין פאַרגלויבט
מיט האַרץ מיט גאַנצענעס אין טויזנט גרילצן שטאָלענע.

זון, ס׳איז גוט אַ כאַווערל, ווי דו, אַזאַ
פילן אין דער טיפסטער טיף אין האַרציקער,
גוט אַפילו בלייבן אין דער נאַכט
אויף דריטער וואַכטע דאָ באַ שפּוליעכלעך באַ שוואַרצינקע.

ה

עך, זאָל זיין, אז אליין
פון זינגערלעך קליינע
בין קלענער נאָך,

היי, צעגרילצט זיך אין ליד,
אינם שטאָלענעם גלי,
ווערעטענעלעך.

ס'איז קיין הימל ניטאָ,
נאָר אַ לויטערער טאָג
אינם לידעלע,

עך, צעזיננט זיך, צעזיננט
אינם צעך מיט דער זון,
מיינע ברידערלעך!

כאַנע לעווין

[1925]

צו שטייער

בין איך אַוועק אַף קייוואַר אַוועס
צו מיין לעבעדיקער מאַמען.
וויינט מיט אויסגעזופטע אויגן,
וויינט אַף מיר מיין מאַמע שאַוויים.
— אין וועמען ביסטו גאָר געראָטן!
ניט אין מיר און ניט אין טאַטן —
אין אַ גויע, אין אַ שיקסע!
אונזער טאָכטער שפּילט מיט ביקסן!
— מאַמע, לעבן זאָל די ערד!
קאָן איך אויבעט זאַטלען פערד,
ווי אַ גויע, ווי אַ שיקסע.
כ'האָב געליבט זיך אין געוויקסן.
ברענט די וועלט און מיידל ברענט.
נעבן מיר אַ קאַלטער ביקס,
און אַף מיר — צוויי הייסע הענט.

ווי אַ שייגעץ, ווי אַ גוי
אַפן פערד אין פראָנטן־פייער!
— פרעג די פעלדער, וויאָרסטן פרעג —
גענעבן מיידל האָט צו שטייער
אַף דער וועלט, וואָס ווערט געבוירן:

כאַנע לעווין

איינגן בלוט און איינגן פלייש,
— מאַמע! ווייסט, ווי איצטער הייסט
דיין טאָכטע סימע —
דאיאַש טאָווארישטשאַ מאַקסימאַ!

היינט לענינס בילד

היינט לענינס בילד כ׳האָב אומגעקערט צום וואַנט.
איך בין צעבראָכן און געבויגן . . .
ווייבעריש האָב איך מיך היינט צעוויינט, —
ווי זאָל איך קוקן גלייך א י ם אין די אויגן? . . .
מיין לאַנד, מיין ראַטנלאַנד,
פון טיל און טאָל, פון הינטערגעסלעך
האָסט מיך דערהויבן צו דיין הויך...
אינאיינעם מיטן מאַן
פון שווערד און ביקס
קאַראַמעסלעס געמאַכט.
אינאיינעם פרייהייט עמערוויים געשעפּט
פון טיפן ברונעם „זינ".

איז . . . האָב איך ליב מיין קינד,
נאָר שווער איז מיר די וויג . . .
מיין לאַנד, מיין ראַטנלאַנד,
שטייסט איבער מיר
אינגאַנצן גרויס, אינגאַנצן העל,
און אַלע מאָל איך רייס אַראָפּ זיך פון מיין שוועל,
און מאַמע־הארץ
איך לאָז
אַף קליאַמקע
פון מיין טיר . . .
מיין לאַנד, מיין ראַטנלאַנד, —
אריינגעוויים האָסט מענערישן הויך

אין ווייכן מאַמע־גוף,
אין מאַמע-לייב . . .
מענעריש איך רייס זיך
אין מיטן פון דיין העל,
אין מיטן פון דיין שיין
און בלייב ביים שוועל . . .
איך מוז נאָך מאַמע זיין,
איך מוז נאָך זיין אַ ווייב . . .

הימל — קאָרנבלומ אַ קראַיעץ

גערווידמעט וו.

הימל — קאָרנבלוים אַ קראַיעץ,
געדיכט באַזאַלצענער מיט שטערן...
ליבער מיינער, ווילסט מיך הערן?
אָ, די נאַכט, זי בעט אַ גלעט טון.
שטילקייט גלעט זיך ווי אַ שאָף.

ליבער מיינער, ווילסט מיך הערן?
כ׳האָב אַ סאָד מיט זיך געבראַכט.
אונטער וועג איך מאַך אָן אָפּרו.
היינט איך לייג זיך אױף אַ נאַכט.

היינט וועל איך נאָר זיין אַ מיידל,
נאָר אַ פרייענדיקער קנוילכל.
אױף דיינע כמורעדיקע ליפּן
זונען־הענגלעך פון שמייכל
פאַרשפּיגלען כ׳וויל פון שפּיגל־גלאָז.

האָסט געמיינט, איך האָב פאַרשניטן
מיט די צעפּ מיין מיידל־צאַרטקייט?
עך, דו...

מאָרגן עפּשער
כ׳וועל מיין ליבע
אונטערוואַרפן און פאַרלאָזן
אַף גאַניקל פון „גיין“.
אַף מיינע זוכנדיקע פינגער
זאָל מיין צירונג מיר ניט ווערן
זאָל ניט ווערן מיר אַ שטיין...

היינט וועל איך נאָר זיין אַ מיידל,
נאָר אַ מיידל — בלוט און מילך,
נאָר אַ קנוילכל גליק און לייד.
אַף דיינע כמורנע ליפּן וויל איך
זונען־העגעלעך פון שמייכל
אָפּשפּיגלען פון שפּיגל־רייד.

גאַסן־קינדער

א

אין פּאָנים שפּרינגען כוצפּעדיקע בליקן,
וויעס — כאָלעוועס צערעפּעט —
לאָזט קיינער ניט אַראָפּ.
געגאַנוועט איינער האָט
אַ צאַצקעלע מיט גלעקלעך — אַ רויטע,
איינע̆ר מיט גריבלעך אין די באַקן
און אַ פּאַטלאַטן קאָפּ.

זיינען געוואָרן אויגן
בלויע־בלויע קיילעכדיקע מיאַטשן.
ער האָט די אַרבל די לאַנגע פאַרקאַטשעט
און גאַנצע שאָען
געשפּילט זיך מיט קלאַפּ,

און דערנאָך באַהאַלטן
אױף דער ברוסט,
אָדער צוקאָפּנס . . .

ווער ווייסט,
עפּשער אַזאַ צאַצקעלע
איז גאָר גליק און קישעף —
איז דער פּאַטלאַטער אויסגעוויילט
פאַר אָנפירער פון גאַנצן . . . אישעוו,
און צאַצקעלע — פאַר אַ קאַמייע און פאַר אַ פּאָן.

און איינמאָל, ווען די נאַכט
צעשאָטן האָט איר בליצנדיקן שניי,
האָט עמיצער אים אויסגעוואַרט אין ווינקל,
אראָפּגעריסן צאַצקעלע פון ברוסט,
און האָט אין ברוסט פאַרשטעקט
אַ מעסערל אַ „פינקע“. . .

ב

באַ אַ בירגערין אַזאַ מין וואַוילע,
אַזאַ מין גוטע,
אױף אירע ווייכע דלאָניעס
רויט מען,
אױף אירע ברייטע ברוסטן
זיך יאָגן קאָנען פערציק רייטוואָגנס
פון „ליבן“.—
ניט קיין בירגערין — אַ ווייכער היפּאָדראָם.
באַ אַ בירגערין אַזאַ מין וואַוילע
ציטערן די ליפּן:
אַ ניטגוטער —
אַ היימלאָזער פּאַטלאַטער —

האָט אויסגעדרייט
צוויי פּעקעלעך מיט עפּל,
צוויי פּעקעלעך מיט עפּל
און פּאַרפום.

באַ אַ בירגערין אַזאַ מין וואַוילע,
אַזאַ מין גוטע,
אויף אירע ווייכע דלאָניעס
רוט מען.
זיי לויפן סטאַיעסווייס —
רירעוודיקע,
אויסגעדאַרטע מאַלפּעס.
און מאַלפּיש — וואָס אין האַנט,
פאַרהאַקט מען הינטער באַק . . .
קוקן הייזער שטאָטישע אויף זיי
אַזוי אָפּהענטיק און שוואַך;
און ס'ברעכט זיך אונטער מאַלפּישע,
צי הענט, צי פּיס,
אַ שוואַכער אָוונט-סכאַך. . .
ס'דריקן זיך די הענדלעריננס צו קוישן,
גלייך סטאַיעס וועלף אויף זיי —
אינמיטן סטעפּ.
און וועלף וואָלטן אָפּגעגבן
די לעצטע העלפט פון הויזן,
אַבי מיט וואַסער זודיקע
זאָל עמיצער זיי אויסצוואָגן
די קעפּ . . .

אַניוטאַ פּיאַטיגאָרסקאַיאַ

[1925]

ציגײַנערין

אַז גאָר די וועלט איז היים,
איז ווער און וואָס—אַ צוים?
אין גרויסע שטעט,
וואו גאסן שפּרייטן אויס אַ פּלאַץ,
צעלייג איך מיינע לייוונטן,
שיט אויס מיין ביסל טוואוע טריקענען.
קוקט יעדער דורכגייער,
ווי איך באַפּעסטיק מיינע לייוונטן מיט שטיינער.
פרעגן זיך די דורכגייער ביי מיר...
זאָל איך דערציילן יעדן איינציקן,
וואָס כ׳וויים אליין:
אַז גאָר די וועלט איז היים!

ניט באַהאַלטן זיך

ניט באַהאַלטן זיך וויל איך אין פֿעלדן אין שוואַרצע פֿון נאַכט,
ווי די שטרויסן באַהאַלטן די קעפּ אונטער פֿליגלען,
נאָר, ווי ס'גיסן זיך אָן באַ די קוואַלן מיט וואַסערן פֿרישע די קרוגן,
זאָלן זיך אָדערן מיינע מיט בלוטן מיט פֿרישע זיך אָנגיסן רייך.

ווייל ווי פֿעלדער, באַ וועלכע עס האָט זיך שוין אויסגעשעפּט זאַפּט,
און וואָס גאַרן אַ טראָפּן פֿון רעגן פֿון פֿרישן אַף זיך צו דערפֿילן,
פּונקט אַזוי גאַרט מיין לייב אין דער רו פֿון דער נאַכט
פֿרישע קוויכעס דערפֿילן אין זיך, פֿרישן אימפּעט און ווילן!

דיינע טרים

דיינע טריט באַ מיין טיר האָבן שנייען פֿאַרווישט און פֿאַרשאָטן,
ווען סטו קומען צוריק, ווען סטו זוכן אַ סטעשקע, וואָס פֿירט צו מיין שוועל,
נאָר איך ווייס ניט, צי וועסט זי טרעפֿן, די טיר מיינע, אָפֿן,
און איך ווייס ניט, צי קאָן ווי אַמאָל זי צעפּראַלן דיין צויבערדיק-צאַרטער באַפֿעל.

ס'איז מיין צימער, ווי פֿריהער, מיט שטילקייט מיט העלער פֿאַרגאָסן,
און, ווי פֿריהער, איז יעדערן גוט אַזוי שווענקען אין אים זיין געמיט,
נאָר איך ווייס ניט, צי וועסטו זי טרעפֿן, די טיר מיינע, אָפֿן,
און איך ווייס ניט, צי וועלן ניט קלינגען דאָ פֿרעמד דיינע אינגלשע טרים.

פֿון ציקל: „געבוירן"

א

ווי אַ דינינקע גרעזעלע בין איך מיידלוויים געווען,
ס'האָט געדאַכט זיך — יעדער ווינטל וועט צעברעכן מיך אַף צווייען.

ס'האָט מיין מאמע ניט געלאָזט מיך אויפהויבן די קלענסטע זאַך,
ס'האָט מיין טאטע ניט געלאָזט מיך זיצן שפּעט באַנאַכט.

איצט בין איך אַליין אַ מאַמע פון אַן אייפּעלע אַ קינד,
ניט איך שרעק זיך פאַר אַ ווינטל, ניט איך ברעך זיך פון אַ ווינט.

טאָג נאָך טאָג בין איך אין אַרבעט — אויסכאָוועט איך מוז אַ קינד,
נאַכט אין נאַכט אַז איך דערשלאָף ניט — כ'וואַך איבער מיין קינד.

און איך האָב שוין באַלד פאַרגעסן, אַז ס'איז גאָר אַמאָל געווען:
אַז ווי אַ דינינקע גרעזעלע בין איך מיידלווייס געווען.

ב

זאָלן ווערן ווייס, ווי זילבער, מיינע האָר,
זאָלן קנייטשן זיך אַרום די אויגן שפּינען,
אַבי איך זאָל עס וויסן שוין אָף קלאָר:
ווער וועט ער זיין, מיין זון, וואָס כ'האָב געוואונען?

צי האָב איך ניט אומזיסט אין לעבן אים געבראַכט,
צי וועט מען ניט דערמאָנען מיך אַמאָל צום שלעכטן?
איך ווער ניט מיד מיין טרוימען־נעץ צו פלעכטן —
אָט בין איך אָדאָם־הויל, און אָט ווי קוויראַד־רייך.

טאָ זאָלן ווערן ווייס, ווי זילבער, מיינע האָר,
און זאָלן קנייטשן זיך אַרום די אויגן שפּינען,
אַבי איך זאָל עס וויסן שוין אָף קלאָר:
ווער וועט ער זיין, מיין זון, וואָס כ'האָב געוואונען?

אניוטאַ פּיאַטיגאָרסקאַיאַ

אין גאָרטן

מײַן פֿאָטער מיט ליבע געווידמעט

א

ערד האָט אָפּגעפּאַקט דעם לאַנגן ווינטער,
עסט דער פֿרילינג־הויך דעם האַרטן שניי,
שיילט זיך הויט און הענגט אויף דאַרן קערפּער,
ליגט נאָך פֿליכעסווייס פֿאַרהאַרטעוועטער שניי.

הויפֿנס פֿולע שטרוי אויף גערטענער צעוואָרפֿן,
געלע שטרויכן שורשען אונטער גרינגן ווינט,
וואַרטן קנאָספּן אויף אַ טאָג אַ זוניק־העלן
און צעשפּאַרן דינע הייטלאַך פֿון דער גרינג.

פֿון באַלקאָן די אָפּגעשווענקטע טרעפּלאַך
הוידען זיך, שוין אָפּגעוואַוינט פֿון טראָט,
און פֿאַרוויגטע דרימלען נאָר די בינען,
איינגעפּאַקט אין ענגן בינען ־ שטאָק.

פֿעטע ערד פֿאַרזויגט די וואָגן־רעדער,
היט די שפּורן, איינגעפּרעסטע טיף,
און אויף ווייטע הימלען לייטערן און בלענדן
שטיקער בלויקייט, איינגעפּאַסט אין האָפֿט.

ב

שמעקט די ערד מיט פֿרילינג־פֿייכקייט
און מיט גוט־צעפֿוילטער מיסט,
ס׳איז די ערד ניט לאַנג צעאַקערט,
איז זי זאַפֿטיק־פֿריש.

עממית בטורונטו
יודישע ... ביבליאָטעק

אַלע ווינטן זײַנען איצט צעעפֿנט,
הימל איבער זיי — די דעק,
שטייען בוימער נאָך אײַנגאַנצן נאַקעט,
בעטלערס בײַ דעם וועג.

בוימער לאָזן פֿאַלן צווייגן
אונטער גלעט פֿון מעסער־שטאָל,
בוימער מוזן ווייטיקן און שווייגן,
פֿרוכטן זאָלן בעסער זײַן אַמאָל.

שפּרייט זיך רויך פֿון ברענענדיקע בלעטער,
שייטערס פֿלאַקערן אינמיטן טאָג,
פֿונם אַש די ערד וועט ווערן פֿעטער,
גרויען אַש דער פֿרילינג־ווינט צעטראָגט.

ג

באַלאָדן מיט מאַסע פֿון עפּל פֿון רײַפֿע
קוים שטייען די בוימער אויף שטאַמען אויף שטײַפֿע,
עס ציִען צו דר׳ערד זיך די צווייגן די שווערע,
צו דר׳ערד צו דער שוואַרצער, וואָס האָט זיי גענערט.

און ווערט די לעוואָנע באַ וועלטן אַ שוימער,
ציילט זי די עפּל אויף צווייגן פֿון בוימער.
שווענקט זי מיט זילבערנער שײַן אַלע בלעטער
און העכער אין הימלען אין בלווילאַכע קלעטערט.

און קומט אָן אַ רעגן, און קומען אָן ווינטן,
שלאָגן זיי עפּל מיט קויאַך מיט בלינדן.
האָגלט אַ האָגל פֿון עפּל פֿון רויטע,
אויף גראָזן אויף גרינע, אויף בלומען און בייטן.

ד

היינט וועלן בוימער אויסטאָן זיך פֿון שפּאַן,
און ציען זאַפֿטן פֿריי, אָן זאָרגן:
אַ גאַנצן האַרבסטיק־קילן מאָרגן
איז מענטשן־טומל דאָ פֿאַראַן.

עס טוט אַ דראָנג אַ לאַנגער זיך אַ הויב,
דורך צווייגן טוט ער זיך אַ שלייך אַ גרינגן,
פֿאַרקלעמט אַ פֿרוכט, זיין קליינע רויב,
און גליטשט זי שטיל אַראָפּ אין אויסגעשטרעקטע פֿינגער.

שטייען בוימער שטיל, ווי מעלקעדיקע קי,
און לאָזן זיך באַרייסן און באַנעמען.
ניט פֿרעגן וועלן זיי — וואוהין און וועמען
טראָגט מען דאָס אין קוישן זייער פֿרייד און מי.

אַלץ גרעסער ווערן שוין די דורכזיכטן אין גרינס,
און בלייבן וועט דער גאָרטן הויל און נאַקעט,
און קאַסטנס, אָנגעשטאָפּט מיט זונען ־ גלי,
וועלן שווער די קעלער־טיר פֿאַרהאַקן.

הינדע רויטבלאַט

[1927]

אָ, טעג

אָ, טעג, אין פלאַמען אנטפלעקטע,
צעוואַרפט מיטן גאָלדענעם רייץ
אויף מיין וואַקסנדן גליק.
איר האָט מיך געפאַנגען
אָף פעלדער געפלעקטע
זיך פינטלען אין ווייץ
און פאַרצאַמט מיינע טריט.
וועל איך בא מעזשעס זיך וואַלגערן
ביז נאָכן שניט.

מיין אויג האָט פאַרלוירן

מיין אויג האָט פאַרלוירן
די שטיינערנע וועגן,
וואָס ציען און פעלזן זיך שנירלאַכוויים לאַנג.
ס'גיט איבער די נאַכט
איר מעמשאָלע דעם מאָרגן —
מיר טוט עפּעס באַנג . . .

הינדע ראָטבלאַט

בײַם שוואַרצן ים

אַ רויִקער ליגט שטיל
דער שוואַרץ־ים צופֿוסן —
גלײַך, ווי ער ווייסט ניט
זײַן ברויזנדע קראַפֿט.
מיך אַרט ניט, וואָס וואַסערן פֿליסן אין פֿליסן,
מיך אַרט —
וואָס ס׳פֿאַרשווינדט באַלד די נאַכט.

מיר שפּאַנען

מיר שטייען געבויגן די קעפּ פֿאַר די אָרנס,
און רירן פּאַמעלאַך מיט ציטעריקע פֿינגער
דעם רויטן געוואַנט.
איר זײַנט ניט די לעצטע,
פֿאַר וועלכע מיר זינגענדיק קניען.
צום וועג פֿון בײַסאַוילעם
פֿיל רויטע און שוואַרצע געוואַנטן זיך ציען.
מיר שפּאַנען.

אַ ווײַלע פֿאַרנעמט ווער פֿון אונז
אײַער לעצטן פֿאַרבאָרגענעם טרויער.
געבויגן די קעפּ פֿאַר די אָרנס,
פֿאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע דער אוילעם בײַם טויער.
מיר שפּאַנען.

פֿון אונז ווער פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע —
ווער זײַנט איר, הארוגים, פֿון וואַנען?
מיר שפּאַנען.

סניטקאָוו

סניטקאָוו — אַ שטעטל
אַ שטעטל באַם גרעניץ,
אַ שטעטל, ווי אַלע —
גרויס, ווי אַ גענויץ.

ענגער — די געסלאַך,
און גרעסער — די פּלעצער.
בלאָטיקע הייזלאַך
פון ברעטער און קלעצער.

נאַקעט דאָס שטעטל —
אַ לײמיקער באָדן.
קײן בוימל קײן גרינינקס,
קײן גרינינקער פּאָדים.

מײן צימער אין שטעטל —
דער שענסטער פון אַלע:
מיט דיל אַ פּארקעטן,
באַדעקט מיט ווארעטן.

מיט זאכלאָזן בילד,
פון פארבן באַפּלעקטן.
מיט אַ לײמענעם לֵענין,
נאָך ניט קײן דערקלעפּטן.

עס רײסט מיר דאָס האַרץ
אַף דעם נאַקעטן שטעטל,
וואָס ליגט, ווי פארוואָרפן,
אַף שאַכמאַטענעם ברעטל . . .

ליובע טשערניאַק

[1927]

אויב וועסט קומען צו מיר,
צי שפּעט צי פרי,
און גיין וועסטו דאַרפן
צוריק, —
וויסן זאָלסטו, ערשט,
אַז איך בין אַוועק
און אַרבעט שוין לאַנג
אין פאַבריק.
און וועב איך דאָרט, וועב
גאַנצענע טעג,
זינט איך בין געוואָרן
אויס קינד;
זינט איך בין אַוועק
זוכן מיין וועג,
צעיאָגט און צעטריבן
דורך ווינט . . .
דורך שניי מיטן דריי,
וואָס באַגעגנט איך האָב,
האָט ווינט מיר געבראַכט
א גרוס —

פון כעוורע פארשייטע,
וואָס אַף וועגן פארוויייטע,
ווי איך, איז אוועק
פון איר היים . . .
ווער פריער, ווער שפּעטער,
ווער היינט און ווער נעכטן,
נאָר אלע איניינעם —
צו איינס . . .
און אלע איניינעם
דורך וועגן דורך קרומע,
געיאָגט און געכאוועט
מיט ווינט,
געקומען מיר זיינען
צו זוניקע שיינען —
פון גליקלעכער פרייהייט,
פון ליכט . . .

ביאָגראַפיעס
און
ביבליאָגראַפיע

אביגיל

דעביוטירט אין חודש־זשורנאל „ליטעראטור און לעבען“. ניו יארק. 1915.

אולינאווער, מרים

געב. 1890 אין לאדז, פוילן. האט פארעפנטלעכט א בוך לידער „דער באבעס אוצר“. ווארשע. תרפ״ב. צום בוך האט דוד פרישמאן אנגעשריבן א הקדמה. איצט האט אולינאווער פארענדיקט א נייעם בוך „שבת“. אין דער אנטאלאגיע ווערן געבראכט עטלעכע לידער פון דעם נייעם בוך, וואס איז נאך נישט געדרוקט. וואוינט אין לאדז.

בארנשטיין, פייגע

דעביוטירט אין „דער יודישער זשורנאליסט“. לאדז. 1919.

בוים, שרה

דעביוטירט אין דער זאמלונג „געזאנגען“. לאדז. תרע״ט־פ.

בורשטין, ליבע

געב. 1901 אין סאקאלי, לאמזשער גוב., פוילן. דעביוטירט אין „דאס נייע לעבען“, ביאליסטאק. געקומען קיין אמעריקע 1921. אויסער לידער, געדרוקט קינדער־מעשהלעך, ארטיקלען און איבערזעצונגען אין פארשיידענע אמעריקאנער זשורנאלן. וואוינט אין לאס־אנזשעלעס, קאליפ.

ביילין, מאליע

דעביוטירט אין זאמלונג „געזאנגען“. לאדז. תרע״ט־פ.

בלאך, אננא

געב. 1901 ביי ארטאדאקסישע עלטערן אין דעם שטעטל „מיר“, מינסקער גוב. געלערנט ביי א רבין יידיש און א ביסל העברעאיש. שפעטער באזוכט א שולע, וואו געלערנט רוסיש און אנדערע שפראכן. איר פאטער איז פרי געשטארבן. די מוטער האט זי אפגענומען פון דער שולע און אפגעגעבן צו א שניידערין. אין 1913 אריבערגעפארן קיין לאנדאן צו א פעטער, וואו געארבעט אין א שאפ. דארט זיך אויסגעלערנט ענגליש. אין 1915 אויסגעוואנדערט קיין קייפטאון, דרום־אפריקע, צו די קינדער

פון איר פאָטערס ערשטער פרוי. פון 1918 וואוינט אין יאָהאַניסבורג, דרום־אַפריקע. אין 1921 האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט אַ ביכל לידער: „פּאָ־עזיע פון אַ ליטווישע מיידעל אין אַפריקא“.

בענקענשטאַדט, בערטא

געב. 1903 אין ווילנע. אויסגעוואַנדערט קיין קייפּטאון, דרום־אַפ־ריקע. זינט 1917 זיך באַטייליקט אין יאָהאַניסבורגער וואָכנבלאַט „דער אַפריקאַנער“. אין 1920 אָפּגעדרוקט אַ סעריע לידער אין דעם „סויטה אַפריקאַנישען יאָהר־בוך“, קייפּטאון.

גאַלין, רבקה

געב. 1891 אין לעכאָוויטש, מינסקער גוב. 1907 געקומען קיין אַמעריקע, וואו געאַרבעט אין שעפּער און אין די אָוונטן זיך געלערנט ענגליש. פון 1912 ביז 1915 אַרומגערייזט פאַרשיידענע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ביז לאָס־אַנזשעלעס, קאַליפ. אין דער דאָזיקער צייט אָנגעהויבן שרייבן און דרוקן אירע לידער. פון 1917 ביז 1920 גע־מאַכט אַ רייזע איבער דער וועלט, אָפּשטעלנדיק זיך אין כינע, יאַפּאַן, אינדיע, פּאַלעסטינע און איטאַליע. דעביוטירט אין דער צייטונג „פּראָ־גרעס“, לאָס־אַנזשעלעס. בעת איר זיין אין סיביר, מיטגעאַרבעט אין זשורנאַל „פּאַלעסטינא אי דיאַספּאָרא“, וואו ס׳זיינען איניקע אירע לי־דער איבערגעזעצט און געדרוקט געוואָרן אויף רוסיש. וואוינט אין ניו־יאָרק.

גאָלדבערג, עטל

געב. 1897 אין אַ דאָרף ליטאָווסק, גראָדנער גוב. געקומען קיין אַמע־ריקע 1912. דעביוטירט אין דער צייטונג „פריהייט“, 1926. האָט איבערגעזעצט עטלעכע קאַפּיטלעך פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרס בוך „גיטאַנ־דזשאלי“, געדרוקט אין זשורנאַל „קולטור“, שיקאַגאָ, 1926. וואוינט אין קאַליפ.

גאָלדשטיין, ראָזא

געב. אַרום 1870 אין פּיריאַטין, פּאָלטאַווער גוב., אוקראַיִנע. דעביו־טירט אין די ליטעראַרישע ביילאַגעס צום „יודישען פאָלקסבלאַטט“, סט.-פּעטערבורג, רוסלאַנד, 1888.

גוטמאַן, ראָזא

געב. 1898. דעביוטירט אין זאַמלבוך „רינגען“, וואַרשע, 1920. האָט פאַרעפנטלעכט אַ קליין ביכל לידער „פאַר גאָר דעם נאָענטסטן“, בערלין, 1925.

גלאַזער, אידא

געב. 1891 אין ליובאַר, וואָלין, אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. גע־ענדיקט גימנאַזיע אין זשיטאָמיר 1906. נאָך דעם געקומען און פאַרלאָזט באַלד אַמעריקע. אין 1909 זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק. געלעבט אין

אַ יידישער קאָלאָניע אין דער ווייטער וועסט (צפון־אַמעריקע). נאָכן אונטערגאַנג פון דער קאָלאָניע זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק. געשטו־דירט ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק. דעביוטירט אין דער „פרייע אַרב. שטימע", נ.־י. 1918 מיט אַ דערציילונג. האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך לי־דער „אין האַלב־שאָטן", נ.־י. 1922.

געלה

טאָכטער פון ר' משה בן אברהם, באַוואוסטער יידישער דרוקער און מחבר, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אין 1710 אַ סדור־איבערזעצונג אויף יידיש אונטערן נאָמען „תפלת משה", אין זיין דרוקעריי אין האַלע, דייטשלאַנד. אין סוף פון דעם דאָזיקן סדור האָט זיין טאָכטער געלה אָפּ־געדרוקט אַ ליד „תפילה", וואָס זי האָט אַליין אויסגעזעצט, ווי זי דער־ציילט דאָרט, אין עלטער פון קוים צוועלף יאָר. איר פאָטער איז געווען אַ גר. צווישן די ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, איז געווען אויך זיין איבערזעצונג פון נתן־נטע בן משה האַנאָווערס באַרימטער היסטאָרי־שער כראָניק „יון־מצולה" און זיין ווערק „תלאות משה או וועלטבע־שרייבונג", וואָס ברענגט דערציילונגען פון די פיר וועלט־טיילן, עשרת השבטים, סמבטיון, גן־עדן א. א. וו.

גערסאָן־ראַבינאָוויטש, חנה

געב. 1898 אין לאַסק, פוילן. טאָכטער פון ר' יעקב־יצחק גערסאָן פון לאַסק (וועגן אים זע: אין „עיר לסק וחכמיה". לאָדז. תרפ"ו). האָט דעביוטירט אין דער זאַמלונג „יוגענד". לאָדז. 1918.

דראַפּקין, ציליע

געב. 1888 אין באַברויסק, ווייסרוסלאַנד. איר פאָטער, יוסף־יונה לעווין, אַ וואַלד־סוחר, איז יונג געשטאָרבן פון שווינדזוכט. דערצויגן געוואָרן אונטער דער השגחה פון איר מוטער, וואָס קומט אַרויס פון דער אָנגעזעענער פאַמיליע גאַלאַדעץ. געענדיקט גימנאַזיע אין נאָוואָזיבקאָוו, טשערניגאָווער גוב., אוקראַינע. נאָכן ענדיקן געווען אַ לערערין אין אַ שולע, אין וואַרשע. אין 1912 איז איר מאַן, צוליב פּאָליטישע חטאים, אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, וואוהין זי איז שפּעטער אויך געקומען. האָט צו צען יאָר געשריבן לידער אויף רוסיש. אונטער דעם רושם פון דעם העברעאישן שריפטשטעלער א.־נ. גנעסין האָט, נאָך אַן איבעררייס, ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן. גנעסין האָט אירס אַ ליד איבערגעזעצט אויף העברעאיש. מיט דער יידישער ליטעראַטור זיך באַקענט ערשט אין אַמע־ריקע. אין 1917 איבערגעזעצט אויף יידיש איניקע פון אירע רוסישע לידער און אויך אָנגעשריבן די ערשטע ליד אויף יידיש, מיט וועלכע האָט דעביוטירט אין דער „נייע וועלט", נ.־י., 1917. וואוינט אין נ.־י.

האָפּמאַן, לאה ק.

געב. 1898 אין וואַרקלאַן, וויטעבסקער גוב. צו צוועלף יאָר אָפּגע־פאָרן קיין לאָנדאָן; צו זעכצען יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. גע־

וואוינט אַ צייט אין דעטראָיט, מיש., וואו ס׳געפינט זיך איר משפּחה. האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך קינדער־לידער „אין קינדער לאַנד“, נ.־י., 2טע אויפלאַגע 1921. צום בוך האָט אברהם רייזען אָנגעשריבן אַ הקדמה. אויך אַ בוך קינדער־מעשׂהלעך „קליינע אין דער גרויסער וועלט“ מיט אַ הקדמה פון מאָריס ווינטשעווסקי. וואוינט אין ניו־יאָרק, וואו איז אַ מיטאַרבעטערין פון דער צייטונג „דער טאָג“.

הערשפעלד, פּעסי

געב. 1900 אין קאָמענאָבראָד, וואָלין. איר פאָטער איז געווען אַ גראַ־ווירער אויף אַ געפּעס־פאַבריק. געלערנט יידיש און רוסיש ביי אַ פּרי־וואַטן לערער. שפּעטער באַזוכט אַ רוסישע דרייקלאַסיקע שולע. שטודירט אויך דייטש און פראַנצויזיש. אין 1913 אויסגעוואַנדערט קיין אַמע־ריקע. געוואוינט אין שיקאַגאָ, וואו די ערשטע צייט געאַרבעט אין אַ שאַפּ. דעביוטירט אין 1918. זיך באַטייליקט אין די אויסגאַבעס פון דער שיקאַגער גרופּע יונגע דיכטער, ווי „יונג־שיקאַגאָ“ און אַנד. פאַר־עפנטלעכט אַ בוך לידער „קאַרעלן“, שיקאַגאָ, 1926. וואוינט אין דעטראָיט, מיש.

וואָתּלמאַן־שעראַטשעק, מרים

דעביוטירט אין זשורנאַל „אילוסטרירטע וועלט“, וואַרשע. 1919.

וואָלפינגער, פּערל

דעביוטירט אין זאַמלבוך „רינגען“, וואַרשע, 1920. וואוינט אין זאַמאָשטש, פּוילן.

ווייס, שפרה

געב. 1889 אין קעלעם, קאָוונער גוב. קיין סיסטעמאַטישע בילדונג נישט באַקומען. צו פופצן יאָר געהערט צום „בונד“, און צו אַ ראַיאָן־קאָמיטעט אין אים. זיך אויסגעבאַהאַלטן פון פּאָליציי און 1906 אָפּ־געפאָרן קיין אַמעריקע. געלעבט אין פּיטסבורג, שיקאַגאָ און פון 1915 אין קאַליפאָרניע. טעטיק אין דער יידיש־אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַווע־גונג. געדרוקט אויסער לידער אויך אַרטיקלען אין דער „פרייע אַרב. שטימע“ און אַנד. לאָקאַלע צייטונגען. מיטגעווירקט דער גרינדונג פון אַ קינדער־שולע פון אַרבעטער־רינג אין האָליוואוד, קאַליפ. וואוינט אין לאָס־אַנזשעלעס.

וועפּרינסקי, ראשעל

געב. 1895 (?) אין איוואַנקאָוו, קיעווער גוב. איר זיידע פון מו־טערס צד, בראַהינסקי, איז געווען אַ סופר, דער פאָטער — אַ סוחר. גע־לערנט ביז ניין יאָר אין חדר, דאַן אין אַ רוסיש־יידישער שולע אין קיעוו. 1906 געקומען קיין אַמעריקע, וואו אויך באַזוכט אַן אָוונט־שו־לע. אונטער דער השפּעה פון מאָריס ראָזנפעלדס לידער אָנגעהויבן צו שרייבן צו פופצן יאָר. פאַרעפנטלעכט לידער זינט 1918, אויך א״ב

„ראשל־ראשל״. אין בוך־פאָרם: „רוף פון פליגל״, נ. י., 1926. וואוינט אין ניו־יאָרק.

זיידלער, אסתר

דעבּיוטירט אין זשורנאַל „ליטעראַרישע וועלט״, נ.־י., 1913.

זילבּערבּערג, שרה׳טשע

דעבּיוטירט אין דער זאַמלונג „געזאַנגען״, לאָדז, תרע״ט־פ.

טוטשינסקי, סאָניע

„געבּוירן 1902 אין שטעטל באָהוסלאוו. מיין פאָטער איז געווען אַ מוליער. אפן זעקסטן יאָר האָט מען מיך אָפּגעגעבּן צו אַ מעלאַמעד, אין עטלעכע וואָכן אַרום בּין איך פון כיידער אַנטלאָפן, ליידנדיק פון רעבּין. שפּעטער פלעג איך אָפּט אַוועקגאַנוועגען בּיי דער מאַמען שמ״רס אַ ראָמאַן און צו בּיסלעך זיך אויסגעלערנט „זשאַרגאָן״. מיין קינדהייט איז געווען זייער אַ שווערע. די מוטער מיט די איבּעריקע קינדער האָבּן מיך נים ליבּ געהאַט, דעם טאַטן בּין איך געווען זשעדנע, ווייל ער איז געווען פאַרנומען פון פאַרטאָג בּיז אָפּדערנאַכט, סאַידן שאַבּעס פלעגט ער מיך מיטנעמען אַף שפּאַציר און דערציילן מאַיסעלעך. מיט קינדער זיך שפּילן פלעגט די מאַמע מיך ניט לאָזן. לערנען האָט מען מיך מער נישט געגעבּן. אָבּער איך האָבּ געהאַט אַ גרויסן ווילן צום לערנען. אין 1914 איז מיין פאָטער דערהאַרגעט געוואָרן אַף דער מילכאָמע. אין זעלבּן יאָר האָט מען מיך אָפּגעגעבּן צו אַ וועבּער. פון דאַן אָן האָבּ איך אַלעס אָנגעהויבּן פאַרטרויען דעם וועבּשטול, און, נעכטיקנדיק אָפּטמאָל אפן האָלץ בּאַם בּאַלעבּאָס, פלעג איך „אויסטראַכטן סטיכן״ (לידער). אין 1917 בּין איך געוואָרן אַ מיטגליד פון טעקסטיל־פּאַראיין. אין 1921 אָנגעהויבּן אַרבּעטן אין דער „אַרבּקאָרן־בּאַוועגונג״. 1924 געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן אין מאָסקווער „עמעס״. 1925 אויך אין דער כאַרקאָווער ציימונג „דער שטערן״ און אין זעלבּן יאָר פאַרעפנטלעכט דאָס ערשטע ליד אין דאָרטיקן זשורנאַל „די רויטע וועלט״.

טילעס, אײדא

געבּ. 1888 אין דוניליאָוויטש, ווילנער געגנט. דערציאונג בּאַקומען אין הויז פון איר פאָטער יעקב אַלפּעראָוויטש. האָט געהערט צום „בּונד״. 1905 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. געלעבּט אין פּאָרטלאַנד — בּיים שטילן אָקעאַן, אין וויניפּעג — קאַנאַדע. איצט — אין לאָס־אַנזשעלעס. דעבּיוטירט אין „דאָס אידישע וואָרט״, וויניפּעג, אין 1918. זיך בּאַטייליקט אין לידער־קאָנקורס פון דער ציימונג „פריהייט״, נ.־י. אין 1924, וואו געקראָגן דעם ערשטן פּריז פאַרן ליד „אַ בּלום״.

טשאַרני, פריידל, ס.

געבּ. 1894 אין איהומען, מינסקער גובּ., ווייסרוסלאַנד. די פריע קינדהייט פאַרבּראַכט אין אַ דאָרף. דאָרט געלערנט בּיי מלמדים און לע־

רער, וועלכע מ׳פלעגט נעמען צו אירע ברידער,—חומש מיט רש״י, דקדוק. צו צען יאָר קלאָר געווען אין גאַנץ תנ״ך און שפּעטער מיט גרויס התמדה געלייענט די העברעאישע ליטעראַטור. מיט איר לייענען פלעגט אָנפירן איר פאָטער, וואָס האָט געהאַט אויף איר אַ גרויסע השפּעה. האָט געענדיקט גימנאַזיע אין קראָלעוועץ, טשערניגאָווער גוב. און געוואָרן לערערין אין איר געבורט־שטעטל. אין די מלחמה־יאָרן פאַרלאָזן די היים און געקומען קיין ווילנע. פון דאָרט אויסגעוואַנדערט קיין איטאַליע, דורך וואַנען געהאָפט אָפּצופאָרן קיין אַמעריקע. צוליב אימיגראַציע־באַגרעניצונגען אַריינגעלאָזט געוואָרן נאָר אויף זעקס חדשים קיין ברוקלין, נ.־י. אין 1926 צו איר משפּחה. וואוינט אין גראַס, פראַנקרייך. נאָך פון דער פריסטער יוגנט געשריבן העברעאישע, רוסישע, און שפּ:טער אָנגע־ דער פריסטער יוגנט געשריבן העברעאישע, רוסישע, און שפּעטער אָנגע־ שריבן אין די לעצטע יאָרן פון וואַנדערן איבער איטאַליע און פראַנקרייך. דעביוטירט אין ווילנער „טאָג“, 1923. לידער געדרוקט א״ב „פריידעל“ אין „צוקונפט“, און „גערעכטיגקייט“, נ.־י.

טשענסטאָכאָווסקא, שושנה
דעביוטירט אין זאַמלהעפט „יוגענד“, לאָדז, 1918

טשערניאַק, ליובע
דעביוטירט אין זשורנאַל „די רויטע וועלט“. כאַרקאָוו, 1927

יאַקובאָוויטש, ראָזע
„געב. 1889 אין רבנישן הויז פון ר׳ יששכר־בעריש גרויבאַרט אין שטעטל פּראַשניץ, פּלאָצקער גוב., פּוילן. דאָס הויז פון מיינע עלטערן איז אָפן געווען פאַר כל מיני וואַנדערער, גרים, פּערסישע און תימנער יידן, וואָס זיינען געקומען אין דער מדינה פּוילן זוכן הילף. דער קוואַל פון תורה און תורה־לערנען האָט דאָ ניט געשטילט. אונטער דעם איינדרוק פון לאַנגע געשפּרעכן מיטן פאָטער, וועלכער האָט מיט באַגייסטערונג דערציילט די קינדער וועגן דער פאָלקס פאַרגאַנגענהייט, און מיט שמערץ געשילדערט אַלץ, וואָס דאָס פאָלק האָט איבערגעלעבט אויף זיינע גלות־וועגן, האָב איך זיך פרי אויסגעלערנט דענקען און פילן. אין שעדלעץ באַזוכט אַ רוסישע שולע. אין בענדין דערנאָך געלערנט אין אַ פּוילישער. געלערנט אויך העברעאיש און זיך באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור ביי יעקב־בער זאַיאָנץ אין בענדין. נאָך דער חתונה זיך באַזעצט אין קאַליש, וואו איך וואוין ביז איצט. מיין מאַן אַ תורה־לערנער, האָט צוליב מיר זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער יידישער ליטעראַטור, און דערנאָך ארויסגעגעבן דאָס „בענדינער וואָרט“. דאָס ערשטע ליד „צו מיין טאַטען“ פאַרעפנטלעכט אין פּרצס זאַמלבוך „יודיש“, וואַרשע, 1910. אַ בוך לידער „מיינע געזאַנגען“, וואַרשע, 1924. האָב פאַרענדיקט אַ צווייטן בוך „לידער צו גאָט“, וואָס איז נאָך נישט געדרוקט.

יאקובסאָן, ראַזאַליא

דעביוטירט אין זשורנאַל „ראָמאַן־צייטונג“. וואַרשע. 1908

יהודית

פסיידאָנים פון רחל בערנשטיין. געב. 1869 אין מינסק אין אַ פאַמיליע פון פאַרמעגלעכע סוחרים. צו 12 יאָר געאַרבעט אין קראָם. שפעטער געקומען אונטער דער השפעה פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פון דער רוסישער קולטור. אונטער דער ווירקונג פון יידישע שריפטשטעלער, וואָס פלעגן אַריינקומען אין זייער הויז, זיך פאַראינטערעסירט מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור און אַליין אָנגעהויבן שרייבן. איר ערשטע דרוקזאַך „אַ ווינטער־שבת“—אַ קאַפיטל פון אירע יוגנט־זכרונות — פאַרעפנטלעכט אין „פריינד“, רוסלאַנד, 1907. שפעטער געדרוקט לידער, פראַגמענטן פון אַ ראָמאַן, אַן איינאַקטער „ביי דער אַרבייט“ („דאָס נייע לעבן“, נומ. 4, נ.־י. 1909), דראַמאַטישע סצענע „אין אונזערע טעג“ (אין „דאָס נייע לעבן“, נומ. 7־8, 1911). נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע 1917 אין רוסלאַנד פאַרעפנטלעכט אַ ריי דערציילונגען און זכרונות אין דעם „וועקער“, מינסק, און אַנד. אויסגאַבעס. אין בוך־פאָרם: „דער ערשטער מאַי“. פיעסע אין דריי אַקטן. מינסק. 1925

יודיקא

פסיידאָנים פון יהודית ציק. געב. 1898 אין גאָרזשד, קאָוונער ליטע, ביי דער דייטשער גרעניץ, אין דער פאַמיליע פון אַ האַנדלס־אַגעשטעלטן. נאָך גאָר אַלס קליין קינד איבערגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין לאָנדאָן. צו זעקס יאָר צוריקגעקומען מיט די עלטערן אין איר געבורטשטעטל. צוליב אָרימקייט זיך דערצויגן ביי קרובים, ביי אַ מומען אין פרייסן, ביי אַ ברודער אין פראַנקפורט־מאַין, וואו געאַרבעט אין אַ געשעפט. ביים אויסברוך פון דער מלחמה אינטערנירט געוואָרן אין אַ געפאַנגענס־לאַגער, דאַן איבער שוועדן, פינלאַנד, מאָסקווע אָפגעשיקט געוואָרן קיין כאַרקאָוו, וואו געאַרבעט אין אַן אינטערנאַט פאַר יונגע מיידלעך־ניטאָרינס. שפעטער אָנגעקומען אַלס גואוורנאַנטין אין לעטישאַנסק. אָנגעהויבן צו שרייבן לכתחילה אויף יידיש, בעת דער געפאַנגענשאַפט געשריבן אויף דייטש. אין קאַטערינאָסלאוו אַריינגעטראָטן אין דעם קרייז פון יונגע דיכטער—פרץ מאַרקיש, שמואל ראַסין, הנה לעווין און אַנד. עפנטלעך אַרויסגעטראָטן מיט פאָרלעזונגען אין קאַטערינאָסלאַוו. אין ראָסטאָוו־דאָן געווען אָנגעשטעלט ביי קינדער. אין 1920 געקומען קיין מאָסקווע, פון דאָרט אַוועק קיין פינלאַנד, ווידער אַריינגעפאַלן אין קאַראַנטין און געפאַנגענס־לאַגער, דאַן געלעבט אין שטאָקהאָלם, ביז אין אָנהויב 1922 צוריקגעקומען אין איר געבורטשטעטל. פאַרעפנטלעכט אַ בוך לידער „נייע יוגנט“. קאָוונע 1923 און אַ דראַמאַטישע פאָעמע „מענטש און צייט“. קאָוונע. 1925 מיט אַ פאָררעדע פון דר. אסתר עליאַשעוו.

כאַלאַדענקאַ, שיפרע

געב. און אָנגעהויבן לערנען אין אַ דאָרף יאסנאָגאָראָד, וואָלין. איר פֿאָטער איז געווען אַ וואַלד־מענטש, זיך באַזעצט מיט דער פֿאַמיליע אין דאָרף, וואו געהאַט זיין אייגנס 8 דעסיאַטין ערד און אַליין מיט דער פֿאַמיליע זי באַאַרבעט. פון דער מוטערס צד געווען משפּחה מיט דעם באַוואוסטן פֿאָלקסמוזיקער—דעם באַרדיטשעווער קלעזמער פּרהצור־כאַלאַדענקאַ. שוועסטער פון דעם דיכטער דוד האָפשטיין. איז איצט סטודענטין פון ערשטן מלוכה־אוניווערזיטעט אין מאָסקווע—פיזיש־מאַטעמאַטישער פאַקולטעט. דעביוטירט אין חודש־זשורנאַל „שטראָם“. מאָסקווע. 1922

כאַסיס, עסטער

דעביוטירט אין זשורנאַל „שטראָם“. מאָסקווע. 1923

כאַראַל, דוואוירע

„געב. אין 1898 אין דעם שטעטל אָכרימאָוו, קיעווער גוב. אוקראַינע, אין מיין זיידנס שטוב. מיין זיידע פון דער מאַמעס צד — רעפאָעל בערגעלסאָן — אַ רייכער וואַלד־סוחער. אַ כאָסיד ר׳ דאַווידל טאַלנערס. דעם זיידנס שטוב איז געווען אַ צענטער סיי פון גייסטיקן, סיי פון מאַטעריעלן לעבן פון שטעטל. מיינע ערשטע איינדרוקן—אַ גלעזערנער שראַנק, פול מיט זילבערנע לייכטער, און דער אונטערשטער שופלאָד —פול מיט עפל. גרויסע צימערן מיט רוישנדיקע יידן. אַ גרויסער קאַרשנאון־ווייִנשל־גאָרטן, און ווייטער, אָרום שליאַך, פאַרביקע געקעסטלטע פעלדער. מיין טאַטע, דעם רבינס אַן איניקל, אַליין אַ מאַסקל, איראָפּעאיש געבילדעט, האָט אַריינגעטראָגן וועלטלעכע קולטור אין אונזער כסידישער מישפּאָכע און געכאָוועט באַ די קינדער אַ ליבע צום בוך. פון דער מאַמען האָב איך געיאַרשנט נאַטור־געפיל און ליבע צום ליד. גאַנצע זומער־אָוונטן פלעגט זי מיך אַרומפירן איבער פעלדער און זינגען כסידישע ניגונים און פאָלקס־לידער. באַזונדערס האָט געווירקט אַף מיר דוד בערגעלסאָן (דער מאַמעס ברודער), וועלכער האָט באַ מיר אַרויסגערופן אַן אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור און בּיכלאַל געצויגן צו גייסטיקער אַנטוויקלונג. צו 14 יאָר האָט מען מיך אָפּגעפירט קיין קיעוו, וואו איך האָב געענדיקט די גימנאַזיע און אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט אַף נאַטור־וויסנשאַפטלעכער אָפּטיילונג. אין 1919 יאָר לערן איך זיך אין העכערן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. פון 1920 אַרבעט גלייכצייטיק אין פאַרשיידענע קינדער־אַנשטאַלטן: קינדערהויז, „יאסלי“, שולהיים. איצטער אַרבעט איך אין אַ שולע. אַ לערערין אין קיעוו, אַף פּאָדאָל.“

בענקין, מירע

דעביוטירט אין זשורנאַל „רויטע וועלט“. כאַרקאָוו. 1925

כ״ץ, חנה

טאָכטער פון ר׳ יהודה־ליב כ״ץ און אַלמנה פון ר׳ יצחק אַשכנזי. האָט פאַרפאַסט אויף יידיש־טייטש א דרשה אין גראַמען, וואָס באַשטייט פון פיר טיילן. אין דער זעלבער אויסגאַבע, וואו ס׳איז געדרוקט די דרשה, קומט צום סוף אירע אַ ״תפלה לשבת״, אַן איבערזעצונג פון ״מה טובו״ און אַ תחינה אויף ראש־חדש אלול. די אויסגאַבע איז פאַרעפנטלעכט אין אַמסטערדאַם אין 17־18טן יאָרה. די דרשה און ״תפלה לשבת״ ווערן געבראַכט אין אונזער אַנטאָלאָגיע.

לאַקס־פּרץ, ראָזע

געב. 1894 אין פּיליוו (נייִ־אַלעקסאַנדריע), לובלינער געגנט. איר פאָטער, ווי די גאַנצע פּרץ־פאַמיליע, האָט געשטאַמט פון וועלטלעכע יידן. אַליין אַ מאָדזיצער חסיד, איז געווען אַן אָנגעשטעלטער ביי אַ וואַלד־סוחר. פון דער מוטערס צד שטאַמט זי פון אַ רבניש־רבּיישער משפחה. באַקומען ערשטע דערציאונג אין חדר, געענדיקט מיטלשולע אין פּלאָצק, געשטודירט 1911 — 1914 אין דער הויכשול אין וואַרשע, פאַרבּרענגנדיק איר פּריוואַט לעבן אין דעם הויז און דער סביבה פון יצחק־ליבוש פּרץ (צו וועמען זי איז געווען שוועסטערקינד), וואָס זי האָט שפּעטער געשילדערט אין זכרונות וועגן י. ל. פּרץ און יעקב דינעזאָן, געדרוקט אין ״ביכער־וועלט״ און ״ליט. בלעטער״, וואַרשע. 1924. געענדיקט אויף צאַנדאָקטאָרין, האָט זי פּראַקטיצירט אין ליובאַרטאָוו, שפּעטער גע־וואוינט אין וואַרשע. נאָך דער חתונה מיטן סקולפּטאָר אַלעקסאַנדער לאַקס 1923 זיך באַזעצט אין ווילנע. צו 13־14 יאָר געשריבן לידער אויף רוסיש. זינט 1926 פאַרעפנטלעכט אַ ריי לידער אין ״ווילנער טאָג״ און ״ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע.

לי, מלכה

געב. 1904 אין מאָנאַסטערזיסקאַ, גאַליציע. געענדיקט אַ פינף־קלאַסיקע פּוילישע שולע. געלערנט העבּרעאיש, דייטש, רוטעניש. בעת דער מלחמה אַוועק קיין ווין, וואו באַזוכט אַ העכערע שולע. געשריבן אויף דייטש. אָנגעהויבן שרייבן אויף יידיש זינט 1923. וואוינט אין ניו־יאָרק. פון 7 יולי, 1927 פאַרעפנטלעכט אירע זכרונות פון דער מלחמה־צייט אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם א״נ ״מיט קינדערשע אויגן״ אין דער צייטונג ״פרייהייט״, נ.־י.

ליבקעס, דינע

״געבוירן אין יאָר 1900 אין סלאָוועטשנאָ, וואָלינער גוב. ביי על־טערן אייגנטימער פון אַ קליינער לעדער־פאַבריק. די עלטערן האָבן גע־פירט אַ גאַנץ ברייטע באַלעבאַטישקייט מיט עטלעכע בעהיימעס, אַ ברייטן הויף מיט שטוב־אייפּעס. אַרום שטוב זיינען געווען גערטנער און סעדער

און נישט ווייט—אַ וואַלד. פון קינדווייז אָן האָב איך דערקענט אַ קראַנקע מאַמע, און דעריבער געמוזט ווערן די באַלעבאָסטע און די על־טערע קאָפּ אין שטוב. נאָר עלטער פון מיר איז מיין ברודער, דער שרייבער י. קיפּניס. ער איז געווען מיין גייסטיקער דערציער. אים צו פאָלגן האָב איך געהאַט אַ באַזונדערע האַנאָע. ער איז מיר שטענדיק געווען נעענטער פון אַלע, אַפילו פון די עלטערן. אין 1920, אין דער פּאָגראָם־צייט, בין איך אַנטלאָפן פון די עלטערנס ליבער, נאָר ענגער צוים קיין קיעוו. געענדיגט יידישע פּעדאַגאָגישע קורסן. געאַרבעט אַ צייט אין אַ קינדערהיים באַ פּאָגראָמירטע קינדער. אויך דאַן ערשט אָנגעהויבן שרייבן. זיך געדרוקט צום ערשטן מאָל אין דער צייטונג „קאָמוניסטישע פאָן“, קיעוו.

לייב, מרים

דעבּיוטירט אין דער זאַמלונג „וועגן“. לאָדז. 1922

לעווין, כאַנע

געדרוקט לידער אין זשורנאַל „די רויטע וועלט“. כאַרקאָוו. 1925

מאַזע, איידאַ

געב. 1893 אין אַ דערפל אוגל, נעבן קאַפּוליע, מינסקער גוב., ווייס־רוסלאַנד. דערצויגן געוואָרן אין הויז פון איר פאָטער שמעון זשו־קאָווסקי. געקומען קיין אַמעריקע מיט די עלטערן אין 1908. וואוינט אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.

מאָלאָדאָווסקי, קאַדיע

געב. 1893 אין קאַרטוז־בערעזע, ליטע. דעבּיוטירט מיט אַ סעריע לידער אין זאַמלבוך „אייגנס“, באַנד 2, קיעוו, 1920. וואוינט אין וואַרשע, וואו איז אָנגעשטעלט אַלס לערערין אין אַ יידישער שולע.

מאַרגאָלין, אַנאַ

פּסעוודאָנים פון ראָזע לעבנסבוים. געב. 1887 אין בריסק דליטא אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. נאָך דעם פאָטערס טויט איז זי יונגערהייט אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. דאָרט געשטאַנען נאָענט צו דעם קרייז פון דער יידישער אינטעליגענץ אין ניו־יאָרק, וועלכער האָט זיך גרופּירט אַרום דר. חיים זשיטלאָווסקי, און זיך באַטייליקט אין דער יידישער פּרעסע אַלס פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטין. 1910־1911 פאַרבראַכט אין וואַרשע. נאָך דער חתונה מיט משה סטאַווסקי געלעבט אין ארץ־ישראל, שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, וואו זיך באַטייליקט דערהויפּט אין דער צייטונג „דער טאָג“. זינט 1920 פאַרעפנטלעכט לידער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן א״פּ אַנאַ מאַרגאָלין. האָט אַרויסגעגעבן אַן אַנטאָלאָגיע א״נ „דאָס אידישע ליד אין אַמעריקאַ: 1923“, נ.־י.

מייזל, גיטל

„געבוירן אין 1898 אין קיעוו אין אַ הרחבותדיקער הסידישער שטוב. די מאַמע פון אַן אוקראַיִנישער סוחרישער משפחה גלאָז־פאַבריקאַנטן, מיט אַ ברייטן פאַרשווענדערישן האַרץ און האַנט פאַר איר גרויסער צעצווייגטער פאַמיליע און פאַר דער גאַנצער וועלט. דער טאַטע—ישראל מייזיל — פון אַ גאַליציִשער „מיוחסים“־משפחה. קאָנצענטרירט, פאַרטיפט, מיט גרויסע בין־השמשותדיקע שלוש־סעודות־טישן און מיט אַ שטילן תלמיד־הכמדיקן באַגרעניצטן גאַנג אין לעבן און געזעלשאַפט. תמיד אין אַ זייטיקן צימער פאַרשפאַרט. דער טאַטע—מח, געדאַנק. די מאַמע—דאָס לעבן אַליין. אַדאַנק מיין ברודער נחמן מייזיל און דער קיעווער שרייבערשער חבריא, וואָס האָט אָפט פאַרבראַכט אין אונזער שטוב, האָב איך דערקענט אַ נייע וואונדערבאַרע וועלט אין די קינדערשע יאָרן. און ביז איצט זיינען נאָך געבליבן שפורן פון אַ באַציאונג צום שאַפן, ווי צו אַ פאַרבאָרגענעם נס, וואָס איז אויסער און העכער פון לעבן. געענדיקט גימנאַזיע אין קיעוו, אין 1917, יאָר פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט אָפגעטרייסלט פון מיר אַ געפילן־שטויב. אין דער צייט און שפעטער געווען טעטיק אין אַ געזעלשאַפט „קאַמף מיט עם־הארצישקייט“, וואו ס'האָבן זיך געלערנט הויז־דינערינס. אין 1921 אַוועק קיין מאָסקווע. פון דאָרט אין 1922 קיין וואַרשע, וואו זיך פאַרנומען מיט איבערזעצונגען, וואָס האָט זיך פאַר מיר אַרויסגעוויזן אַלס שעפעריש־נויטיקע אַרבעט. דאָרט באַזוכט פראַנצויזישע ליטעראַטור־קורסן, אָבער איבערגעריסן צוליב דער רייזע קיין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע און פון דאָרט צו די עלטערן קיין פאַלעסטינע. אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג“ געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן אשר שוואַרצמאַן, און איבערזעצונגען אין די „ליט. בלעטער.“ אין בוך־פאָרם: „דאָסטאָיעווסקי פאַר יוגנט“. וואַרשע. 1925. דעביוטירט מיט אַ סעריע לידער אין „האַמער“, נ.־י. 1927.

סיגאַל, אסתר

געב. 1895 אין סאָלאָפקאָוויץ, פּאָדאָלער גוב. געקומען קיין אַמעריקע 1909. דעביוטירט אין 1922. וואוינט אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.

ערדבערג, מירעל

געב. 1892 אין קוטנע, פוילן, ביי נישט־פאַרמעגלעכע עלטערן. ווען זי איז אַלט געווען 3 יאָר האָבן אירע עלטערן עמיגרירט קיין לאָנדאָן. אין 5 יאָר אַרום האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין פוילן. האָט באַזוכט 4 יאָר ענגלישע שולע. העבראַיש זיך געלערנט ביים פאָטער. געהאַט אויך פּריוואַטע לערער. באַזוכט אין לאָדז דעם העבראַישן לערער סעמינאַר און פאַרשיידענע יידישע לערער־קורסן. געאַרבעט אין אַ גן־ילדים, אָבער אים געמוזט פאַרלאָזן, נישט וועלנדיק איינשטימען, אַז העבראַיש איז

די אומגאַנגס־שפּראַך. געאַרבעט אויך אין יידישער פאָלקשולע אין קוטנע
אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ. דעיוטירט אין זש. „דאָס פאָלק“, וואַרשע.

פּאאולא ר.

פּסיידאָנים פון פּערל פּרילוצקי. געב. 1876 אין וואַרשע אין אַ פאַר־
מעגלעכער פאַמיליע פון יחיאל־משה אײדעלשטיין. באַקומען אַן אַסימי־
לאַטאָרישע דערציאונג, געענדיקט גימנאַזיע, געלערנט מוזיק אין דער
וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע. צו 17 יאָר חתונה געהאַט מיט אַ צאַנדאָק־
טאָר אדאם ראָזענזאַל, געפירט אַ ברייט הויז, אין וועלכן ס'האָט זיך
מיט דער צייט אויסגעבילדעט אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער סאַלאָן.
אין 1903־1905 פלעגן דאָרט פאַרקערן באַרימטע פּוילישע שרייבער, קינסט־
לער און אַרטיסטן. אין דער לעצטער צייט אויך יידישע שרייבער. אָנ־
געהויבן שרייבן 1904 אויף פּויליש. אונטער דער השפּעה פון נח פּרי־
לוצקי אַריבער צו יידיש און דעביוטירט מיט אַ ליד אין פּראָזע אין דער
ליטעראַרישער ביילאַגע צום „וועג“, פּרילינג, 1906. שפּעטער פאַרעפנט־
לעכט פּאָעמעס אין פּראָזע, אויך לידער און מעשהלעך א. א. וו. געשאַפן
אַ ריי דראַמען און איינאַקטערס. אין בוכפאָרם: „דער מלאך און דער
שטן“—פּאָעמע, וואַרשע, 1908. „די ירושה“—דראַמע אין 4 אַקטן; „דער
אַקטיאָר“—איינאַקטער; „אײנע פון יענע“—דראַמע אין 3 אַקטן—
וואַרשע. „נייער פאַרלאַג“. 1912־1913. אירע דראַמען זיינען אויך אויפ־
געפירט געוואָרן אויף דער יידישער בינע אין פּעטערבורג, וואַרשע און
ניו־יאָרק. „די ירושה“ איז אויך געשפּילט געוואָרן אין רוסישער אי־
בערזעצונג. האָט זיך באַטייליקט אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון
איר צווייטן מאַן, נח פּרילוצקי.

פּאן, טויבה

טאָכטער פון ר' לייב פּיצקער, פרוי פון ר' יעקב פּאן. האָט געלעבט
וואַרשיינלעך אין פּראג (17־טן יאָרה.?). פאַרפאַסט אַ פּאָעמע אויפן פאַל
פון אַ מגפה אין איר שטאָט. די פּאָעמע ווערט געבראַכט אין אונזער אַנ־
טאָלאָגיע.

פּאָטאַש־פּוקס, ריקודה

געב. 1903 אין טשענסטאָכאָוו, פּוילן, אין אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע.
איר פאָטער, יקותיאל פּאָטאַש, האָט געשריבן פון צייט צו צייט קאָרעס־
פּאָנדענצן אין „אונזער לעבן“, וואַרשע, איר עלטערער ברודער, מ.
נארקיס, האָט געשריבן איבער קונסט אין „אַלטנײלאַנד“, וואַרשע, א"ר
פון א. י. טריוואַקס. איצט איז ער אָנפירער פון נאַציאָנאַלן מוזעאום אין
ירושלים. זי איז דערצויגן געוואָרן אין סקאלע, ביי אוידאָוו, אין טראַ־
דיציאָנעל יידישן גייסט, צווישן דער הערלעכער נאַטור פון דער דאָזיקער
„פּוילישער שווייץ“, וואוהין אירע עלטערן זיינען אַריבערגעפאָרן, ווען
זי איז אַלט געווען איין יאָר. שפּעטער פאַרפּוילישט געוואָרן, האָט זי

אָנגעהויבֿן שרייבֿן לידער אין פּויליש און איינס פֿון זיי אָפּגעדרוקט אין „שוויאַט“. אָבֿער אונטער דעם רושם פֿון לעמבֿערגער פּאָגראָם זיך ווידער דערנעענטערט צו יידיש, באַקענט זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור, דערהויפּט מיט דער יונגער. פֿאַרעפֿנטלעכט לידער, קינדער־מעשה־לעך, דערציילונגען אין פֿאַרשיידענע לאָדזער אויסגאַבֿעס. האָט איבֿערגעזעצט זשולאַווסקיס דראַמען: „יאָלאַ“ און „פֿאַרן פּרייז פֿון טרערן“. וואוינט אין לאָדז.

פּיאַטיגאָרסקאַיאַ, אַניוטע

„געבֿוירן אין 1893 אין זשיטאָמיר, וואָלינער גובֿ. בֿאַ עלטערן — לערער. מיין מוטער, סאָרע אייזנשטיין, האָט געהאַט אַ פּריוואַטע פּרויען־שולע, וואו מ'האָט געלערנט יידישע מיידלעך אַף רוסיש. מיין פֿאָטער, איסראָעל פּיאַטיגאָרסקי, שטאַמט פֿון קאַווקאַזער יידן. פֿון דאָרט אויך דער פֿאַמיליען־נאָמען „פּיאַטיגאָרסקי“. ער האָט זיך שטענדיק פֿאַרנומען מיט לערעריי, נאָר אַרבֿעטן אין אַ שול אָנגעהויבֿן ערשט נאָך דער רעוואָלוציע, בּיז דאַן ניט געהאַט קיין צייגעניש וועגן „בֿלאַגאָנאַדיאָזשנאָסט“. ער און די מוטער האָבֿן געשטודירט אויף רוסיש, דערפֿאַר האָט אין דער היים געהערשט די רוסישע שפּראַך. דער פֿאָטער האָט זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט ליטעראַטור און פֿילאָסאָפֿיע און געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף מיר. פֿון קינדוויז אָן בּין געווען אין אַן אַטמאָספֿער פֿון ליבֿע צום בּוך. צו 16 יאָר געענדיקט גימנאַזיע. ליבֿ געהאַט שפּראַכן, בּאַזונדערס פֿראַנצויזיש. קרענקלעך ליבֿ געהאַט מוזיק, זיך געלערנט שפּילן. נאָר די מוזיק פֿלעגט ווירקן אַף מיינע נערוון, אַזוי אַז איינמאָל האָט מען אַוועקגעפֿירט מיין פּיאַנאָ, ווייל כ'בּין שיר נערוועז שלאַף געוואָרן. צו 19 יאָר געאַרבֿעט אין אַ יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער שול, וואו מ'האָט געלערנט אַף רוסיש. דאַן געשריבֿן רוסישע לידער. די אַרבֿעט צווישן יידישע קינדער האָט אַ שטויס געטאָן צו יידיש. זיך אויסגעלערנט די שפּראַך און דורכגעשטודירט די ליטעראַטור. און איבֿערגעגאַנגען צו שרייבֿן אַף יידיש. 1915 אָפּגעדרוקט אין די „גרינינקע בּוימעלעך“ אַ קינדער־מאַיסע. 1916 אָנגעקומען אַף די העכערע פּרויען־קורסן אין קיעוו, ליטעראַטור־אָפּטיילונג. 1921 אָנגעהויבֿן שרייבֿן לידער, נאָר אין ערגעץ נישט געדרוקט. 1925 פֿאַרעפֿנטלעכט דאָס ערשטע ליד אין „די רויטע וועלט“. בּין אַ לערערין. געווען מיטגליד פֿון דער ייד. סאָצ. פּ. „פֿאַראייניקטע“. אויך פֿון פּאַרטיי־קאָמיטעטן אין זשיטאָמיר און קיעוו. איין יאָר געווען אין דער קאָמ. פּאַרטיי. 1921 פֿאַרוואַלטערין מיט דער וואָלינער יידסעקציע בּאַם גובֿערניאַלן בּילדונגס־אָפּטייל. 1922 סעקרעטאַר פֿון צ. ק. פֿון ייד. סעקציעס בּאַם פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿאַר בּילדונג אין מאָסקווע. 1920 געווען אַפּן פּוילישן פֿראָנט אַלס לערערין צו ליקווידירן אַמאַראַצעס אין דער אַרמיי. איצט לערערין אין אַ יידישער אַרבֿעטערשול, קיעוו, און מיטגליד פֿון בּיוראָ פֿון דער אַסאָסיאַציע פֿון יידישע רעוואָלוציאָנערע שרייבֿער אין אוקראַינע.“

פעווזנער, אסתר

דעביוטירט אין זאַמלבוך „שריפטן“. ניו־יאָרק. 1919

קאָרן, רחל ה.

„געבוירן אין 1898 צווישן פעלדער און וועלדער, אויפן פּאָלווארק „סוכא גורא“, נעבן שטעטל מאָשציסק, אין גאַליציע. דיכטן האָב איך אָנגעהויבן אין מיינע ערשטע קינדעריאָרן, כדי זיך צו שאַפן אַן אייגענע וועלט אין דער איינזאַמקייט, וואו כ'בין אויפגעוואַקסן איינע־אַליין אָן חברים און חברטעס, פון מיין יינגערן ברודער מיט פינף יאָר עלטער. מיין ערשט ליד אָנגעשריבן אין עלטער פון 13 יאָר אויף פּויליש. דער טיטל — א „טיף“ ראָמאַנטישער. די פּריציוטיקע גרינע פּירות פון מיין לעבנסבוים האָב איך אָפּגעהיט ווי אַ סוד, מיט וועלכן מ'איז אַ ביסל שטאָלץ און שעמען שעמט מען זיך מיט אים נאָך מער. אָבער דאָס שרייבן פאַר מיר איז געווען פּשוט אַן אומבּרהמנותדיקע נויטווענדיקייט. דאַכט זיך ירושה פון מיין טאַטן, וועלכער איז אויך געווען אַ דיכטער. ער איז פּריציייטיק געשטאָרבן. וועגן דעם, אַז דער טאַטע האָט געשריבן, בין איך ערשט אַ סך שפּעטער געוואוירע געוואָרן פון זיינע פריינט. די ערשטע צוויי נאָוועלן האָב איך געדרוקט אין 1918 אין „נאָווי דזיעניק“ און „גלאָס פּשעמיסקי“. ערשט אין 1919 האָב איך זיך באַקענט מיט דער יידישער ליטעראַטור, אַדאַנק מיין מאַן. פון דער צייט אָן האָב איך שטענדיק געשטרעבט צו באַהערשן די יידישע שפּראַך. מיינע ערשטע פּרוּוון אין יידיש — זעהר נעבעכדיקע, ווי איך זע היינט — האָב איך געדרוקט אין „פּשעמישלער פּאָלקסשטימע“ 1919 און שפּעטעראָלס שטענדיקע מיטאַרבעטערין אין לעמבערגער „טאָגעבלאַט“ ביז 1924.

קודלי, ברכה

געב. 1892 אין יאָזעפּפּאָל, פּאָדאָלער גוב. דעביוטירט אין „פריַיע אַר־ביַיטער שטימע“, נ.־י. וואוינט אין לאָס־אַנזשעלעס, קאָליפ.

קופּערמאַן, באַסיע

„געבוירן 1907 אין ניו־יאָרק. געענדיקט עלעמענטאַר־און הויכשול אין ענגליש און האַנטער קאָלעדזש (אוניווערסיטעט). אויך העברעאישע שולע. אַרבעטער־רינג — עלעמענטאַר און מיטלשולע, און לערער־סעמינאַר. אָפּגעדרוקט צוויי לידער אין דער „פריַיער אַרביַיטער שטימע“, נאָך האַלט, אַז האָב ערשט אָנגעהויבן שפּעטער מיטן זשורנאַל „1925“. עפּשער אויך וויכטיק, אַז איך בין די ערשטע אַמעריקאַנער־געבוירענע יידישע דיכטערין.“

קלינג, בערטא

„געבוירן 1885 אין נאָוואָרעדאָק, מינסקער גוב. דעביוטירט 1916 אין דער „וואַהרהייט“, ניו־יאָרק. א סך פון מיינע פריהער געדרוקטע לידער געפעלן מיר איצט נישט.“

קניזשניק, זעלדע

געב. 1869 אין וויאזין, ווילנער גוב. באַקומען אַ שטרענגע רעליגיעזע דערציאונג ביי איר פאָטער, אַ גרויסן בעל־תורה און שפּעטער אַ פּרוש. צו 9 יאָר געשריבן שירים אויף העבּרעאיש. יידישע לידער אָנגעהויבן דרוקן אין „דער יוד", קראָקוי, 1900

ראָזענטהאל, רבקה

געב. 1888 אין אָדעס. דעבּיוטירט אין „דאָס נייע לאַנד". ניו־יאָרק, 1912. איצט מיטאַרבּעטערין פון דער צייטונג „דער טאָג", נ.־י. שרייבּט א"נ רעי ראַסקין.

ראטנער־בערקאָוויטש, דזשעניע

געב. 1881 אין דווינסק (דינאַבּורג) ביי אָרימע עלטערן. צו 9 יאָר זיינען אירע עלטערן געשטאָרבן. צו 10 יאָר געאַרבּעט אין אַ שוועבּל־פאַבּריק. צו 12—אַלס סיגאַרעט־מאַכערין. געקומען קיין אַמעריקע 1895. אָנגעהויבן שרייבּן אין 1900 אין „אָבענד־בּלאַט". געדרוקט אין „פאָר־ווערטס" און „פרייע אַרבּייטער שטימע" פון יענער צייט פאַרשיידענע אַרטיקלען. געאַרבּעט אין ניו־יאָרק אין סיגאַרעט־שעפּער. 1901 איבּער־געפאָרן קיין דענווער, קאָלאָראַדאָ, צוליב איר מאַנס געזונט. דאָרט אָנ־געהויבּן אויך שרייבּן לידער. זיי געדרוקט אין 1920 אין „אַמע־ריקאַנער", נ.־י.

ראַפּאָפּאָרט, אננא

געב. 1876 אין קאָוונע ביי אַ זעהר אָנגעזעענער פאַמיליע. איר פאָטער איז געווען אַ באַוואוסטע פּערזענלעכקייט אין די קאָוונער רבנישע קרייזן. געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פון 16 יאָר. אין רוסלאַנד דורכגעמאַכט אַ גימנאַזיע־בּילדונג. צו 17 יאָר אָנגעהויבן שרייבּן יידיש. איר ערשט ליד איז דערשינען אין דער „אַרבּייטער צייטונג", ניו־יאָרק, 1893 א"נ „אננא זיף". שפּעטער געדרוקט זיך אין דער „צוקונפט". פון 1911 — 1917 געשריבן פאַר דער ענגלישער סאָציאַליסטישער צייטונג „דהי קאָלל". אין 1910 געוואונען דעם ערשטן פּריז פאַר אַן אַרטיקל וועגן קינדער־דערציאונג אין „פאָרווערטס", נ.־י.

רויזל פּישלס

טאָכטער פון ר' יוסף הלוי פון קראקוי. האָט אַרויסגעגעבּן אין קראָקוי אין יאָר 1856 משה שטענדאלס געגראַמטע תהלים־איבּערזעצונג אויף יידיש־טייטש מיט איר פאָררעדע צום ספר אין גראַמען. די פאָררעדע ווערט געבּראַכט אין אונזער אַנטאָלאָגיע.

רויזנבּלאַט, רבקה

געב. 1906 אין כאָטין, באַסאַראַבּיע. געקומען קיין אַמעריקע 1910. גע־

ענדיקט אין קאנאדע א יידיש־וועלטלעכע שולע. שטודירט איצט אין לע־רער־סעמינאַר, ניו־יאָרק. דעביוטירט אין „צוקונפט", נ.־י. 1925.

רויטבלאַט, הינדע

„געבוירן אין קליין שטעטל טשערנאָביל, געוועזענע קיעווער גוב., אוקראַינע, אין אַ פאַמיליע פון אָרימער, אָבער שטאַרק רעליגיעזער. ביז 12 יאָר דערצויגן רעליגיעז און ראָמאַנטיש. דער יאָר 1905 אין רוסלאַנד, וועלכער איז צו אונז אין שטעטל אָנגעקומען אַ ביסעל שפּעטער, האָט מיך אַרויסגעריסן פון אונטער די עלטערנס ווירקונג. ווידער באַקומען אַ ראָמאַנטישע דערציאונג, נאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער. צו 12 יאָר געווען אַן אַרבעטאָרין אַ „טריקאָטאַזשניצע". געאַרבעט צום מערסטן אין קיעוו אין קליינע פאַבריקלעך, קאַטערינאָסלאַוו און אַנד. שטעט. ביז 1912 מיט־גליד פון ר.ס.־ד.פּ. דערנאָך אין 1915 ביז 1919 אַ פּויאַליזיאַניסטקע. אין 1919 אַרבעטאָרין אפן קולטורעלן פראָנט. געענדיקט, שוין פאַר דער ראַטן־מאַכט, אַ ספּעציעלע הויכשול. בין לערערין פון אַ יידישער אַר־בעטסשולע פון דער 2־טער שטופע. לידער אָנגעהויבן שרייבן 1912. אַ גרויסע ווירקונג האָט אויף מיר געהאַט מיין יינגערער ברודער ר. שאול — אַ העברעאישער דיכטער. ער איז שוין געווען באַקאַנט ביזן יאָר 1915. אין דעם יאָר איז ער איבערגעגאַנגען שרייבן אויף יידיש. סאָף 1915 איז ער דערטרונקען געוואָרן. איניקע מיינע לידער געדרוקט אין 1917—1918. זיי האָבן איצט קיין באַדייטונג נישט פאַר מיר. אַ געוויסן פּעריאָד איך גאַנצן נישט געשריבן, פאַרכאַפּט מיטן רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם."

רייזען, שרה

געב. 1885 אין קאָידאַנאָוו, מינסקער גוב. אויפגעצויגן געוואָרן ביי איר שוועסטער אין שטעטל מאהילנא — אויפן ניעמאַן, וואו האָט באַזוכט אַ שולע. צו 13 יאָר אַוועקגעפאָרן קיין מינסק און אַ געוויסע צייט געווען שניידערין. שפּעטער זיך גענומען צו בילדונג און געענדיקט אַלס עקסטערן די מינסקער גימנאַזיע. איר ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין רוסיש. אויף יידיש פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע אויסגאַבעס אַ ריי דערציילונגען און מעשהלעך, וואָס זיינען דערשינען אין בוכפאָרם א"נ: „חלום און וואָהר". וואַרשע. 1911. איר בוך „לידער" אַרויסגעגעבן אין ווילנע 1924. האָט אויך איבערגעזעצט גאָגאָלס „שינעל", אַנדרעיעווס „דער גובערנאַטאָר", „ראָבינזאָן קרוזאָ", אָסקאַר ווײַלדס „דער יונגער קעניג" און אַנד.

שומיאַטשער, אסתר

דעביוטירט אין זשורנאַל „אַלבאַטראָס", וואַרשע. 1922. אין בוכפאָרם אָפּגעדרוקט אַ קינדער־פּיעסע.

שטאַק, פראַדעל

געב. 1890 אין סקאלא, גאַליציע. געקומען קיין אַמעריקע 1907. דעבױ־
טירט אין 1910. אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט „געזאַמעלטע דערצעהלונ־
גען“, ניו־יאָרק. 1919.

שמ״ר־צונזער, מרים

געב. 1882 אין אדעס. שמ״רס טאָכטער. דעביוטירט אין זשורנאַל „דאָס
נייע לאַנד“. נ.־י. 1912.

שענפעלד, יוכבד

נאָוואָראַדאָמסק, פוילן. דעביוטירט אין דער זאַמלונג „געזאַנגען“.
וואַרשע. תרע״ט־פ.

שער־בלעטער פון לידער־זאמלונגען.

(קוואלן און ליטעראַטור)

א — קוואַלן

1 לידער־זאַמלונגען

(לויטן א"ב)

1 א ו ל י נ אָ ו ו ע ר, מרים — דער באָבעס אוצר. פ"ג ,,ברידער לעווין-עפשטיין און שותפים." וואַרשאַ. התרפ"ב. קטו זז' *)

2. ב ל אָ ך, אננא — פּאָעזיע פון א ליטווישע(ר) מיידעל אין אפ־ריקא. יאָהאַנעסבורג (דרום־אפריקע). 1921 32 זז'

3. ג ו ט מ א ן, ראָזא — פאַר גאָר דעם נאָענ(ט)סטן. לידער. פ"ג. ,,רענעסאַנס". בערלין. 1925 16 זז'

4. ג ל א ז ע ר - א נ ד ר ו ס, אידא — אין האַלב-שאָטן. פ"ג ,,סול-טור". ניו־יאָרק. 1922 68 זז'

---

*) ק י ר צ ו נ ג ע ן: איל.—אילוסטרירט. א"נ.—אונטערן נאָמען. אסס'ן — אסאָסיאיישאָן (אסאָציאַציע). א"פ. — אונטערן פסיידאָנים. אר. — אַרויסגעבער. א"ר. — אונטער דער רעדאַקציע. אַרויסג. — אַרויסגעגעבן. געב. — געבוירן. געז. — געזעלשאַפטלעכער. וו"ב. — וואָכנבלאַט. וו"זש. — וועכנטלעכער זשורנאַל. וויסנש. — וויסנשאַפט, וויסנשאַפטלעכער. וו"שר. — וואָכנשריפט. וו"צ. — וועכנטלעכע צייטונג. זמ"ב. — זאַמלבוך. זמ"ה. — זאַמלהעפט. זמ"ל. — זאַמלונג. זז' — זייטן. זש. — זשורנאַל. ח"זש. — חודש־זשורנאַל. ט"צ. — טעגלעכע צייטונג. יאָרג. — יאָרגאַנג. יאָרה. — יאָרהונדערט. ליט. — ליטעראַטור, ליטעראַרישער. מ"זש. — מאָנאַטלעכער זשורנאַל. מנ"ט. — מאָנאַטלעכער. מ"שר. — מאָנאַטשריפט. נ.־י. — ניו־יאָרק. נומ. — נומער. פ. א. ש. — פרייע אַרבייטער שטימע. פ"ג — פאַרלאַג. צ"שר. — צייטשריפט. קאַליפ. — קאַליפאָרניע. רד"ג — רעדאַגירט. רד"ק — רעדאַקטירט. רעד. — רעדאַקטאָר.

5. ה אָ פּ מ אַ ן, לאה ס. — אין קינדערלאַנד. פ"ג „קולטור". נ.־י. 2־טע אויפלאַגע. 1921 218 זז'

6. ה ע ר ש פ ע ל ד, פּעסי — קאַרעלן. ארויסג. פון אידישען פּרויען קונסט-קלוב. שיקאַגאָ. 1926 96 זז'

7. ו ו א ו ר צ ע ל, האַנע — הונדערט ליעדער. (נ.־י.) 1927 128 זז'

8. ו ו ע פּ ר י נ ס ק י, ראשעל — רוף פון פליגל. ניו־יאָרק. 1926 60 זז'

9. ח ו ו י י ד א נ ס ק י, פ"רל חנה לאה — געדיכטע און אפאָ־ריזמען. דרוקעריי מ. קאַטט. פּאַנעוועזש. 1922

10. י א ק ו ב אָ ו ו י ט ש, ראָזא — מיינע געזאַנגען. וואַרשאַ. 1924 48 זז'

11. י ו ד י ק א — נייע יוגנט. פ"ג „ליכט". קאָוונע. 1923 40 זז'

12. מ אָ ל אָ ד אָ ו ו ס ק י, קאַדיע — חשוונדיקע נעכט. לידער. ווילנער פ"ג פון ב. קלעצקין. ווילנע־וואַרשע. 1927 96 זז'

13. ר י י ז ע ן, שרה — לידער. פ"ג פון פאַראיין פון אידישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן. ווילנע. 1924 96 זז'

2 אַנטאָלאָגיעס

(לויטן א"ב)

14. א י ד י ש ע ד י כ ט ו נ ג א י ן א מ ע ר י ק א, די — ביז יאָהר 1919 — אַנטאָלאָגיע צוזאַמענגעשטעלט פון זישא לאַנדוי. פ"ג „אידיש". נ.־י. תרע"ט. 1919 (ציליע דראָפּקין; פּראַדעל שטאָק).

15. א י ד י ש ע ל י ד א י ן א מ ע ר י ק א, דאָס — 1923: — אַנטאָלאָגיע צוזאַמענגעשטעלט פון אננא מאַרגאָלין. נ.־י. 1924 (דראָפּקין; מלכה לי)

16. א י ן פ י י ע ר ד י ק ן ד ו י ע ר — זאַמלונג פון רעוואָלו־צאָינערער ליריק אין דער נייער יידישער דיכטונג. צונויפגעשטעלט און איינגעלייטעט פון ע. קאָרמאַן. מלוכה-פ"ג. קיעוו. צוגעגרייט דורכן פ"ג „קולטור־ליגע". תרפ"א (מאָלאָדאָווסקי)

17. ב ר ע נ ע נ ד י ק ע ב ר י ק ן — אַנטאָלאָגיע פון רעוואָלו־ציאָנערער ליריק אין דער נייער יידישער דיכטונג פון אוקראַינע. געזאַמלט און צונויפגעשטעלט מיט א פאָרוואָרט פון ע. קאָרמאַן. יידישער ליטעראַ־רישער פ"ג. בערלין. 2־טע אויפלאַגע פון „אין פייערדיקן דויער". 1923 (מאָ־לאָדאָווסקי)

18. נ י ו - י אָ ר ק א י ן פ ע ר ז ע ן — אַנטאָלאָגיע צוזאַמענ־געשטעלט פון מאַני-לייב (געדרוקט אין זמ"ב „דער אינזעל") ליט. זמ"ב „דער אינזעל". ערשטער בוך. ארויסג. פון פ"ג „אינזעל". נ.־י. 1918 (שטאָק)

19. פינף הונדערט יאָהר אידישע פּאָעזיע — אַנטאָלאָגיע געזאַמעלט און צונויפגעשטעלט פון מ. באַסין. פאָרוואָרט און לינגוויסטישע אָנמערקונגען פון ב. באָראָכאָוו. 2-טע אויפלאַגע. ארויסג. פון פ"ג „דאָס בוך". נ.־י. 1917 באַנד א׳ (געליע); באַנד ב׳ (ראָזא גאָלדשטיין; יהודית; פאאולא ר.; זעלדע קניזשניק; אננא ראַפּפּאָרט; שרה רייזען; שטאַק)

3 האַנטביכער

20. אידישע פּאָעטן — האַנטבוך פון אידישער דיכטונג. צוזאַמענגעשטעלט (מיט אַן אַריינפיר, אָפּטייטשונגען, באַמערקונגען און ביאָ־גראַפיש־קריטישע נאָטיצן) פון י. ענטין. ארויסג. פון דער פאָלקשול אָרגאַ־ניזאַציע פון אידיש-נאַציאָנאַלן ארבעטער פארבאַנד און פועלי-ציון. נ.־י. 1927 (יהודית; פאאולא ר.; קניזשניק; רייזען)

4 זאַמלביכער און פעריאָדישע אויסגאַבעס
(אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר)

21. יודישעס פאָלקס-בלאַטט — ביילאַגע צום „יודי־שען פאָלקס-בלאַטט". רעד — דר. ל. א. קאַנטאָר. ארויסג. — י. לע־ווי. סט.־פעטערבורג. ח׳ ניסן, תרמ"ח. 8(20) מערץ 1888 (גאָלדשטיין)

22. יודישע ביבליאָטהעק, דיא — א זש. פאַר ליט., געזעלשאַפט און עקאָנאָמיע. רד"ג און הערויסגעגעבען דורך י. ל. פרץ. וואַרשאַ. באַנד 1 תרנ"א. 1891 (גאָלדשטיין)

23. יודישע ביבליאָטהעק — באַנד 2 תרנ"ב. 1892 (גאָלדשטיין)

24. יוד, דער — צ"שר. פיר אַלע יודישע אינטערעסען (וו"ב פ"ג חברת „אחיאסף". קראקויא. 2־טער יאָהרג. תרס"א. נום. 39 1900 (קניזש־ניק)

25. יוד — 3־טער יאָהרג. נום. 5 און 8 1901 (קניזשניק)

26. צוקונפט, די — ח"זש. רעד. — פיליפ קראַנץ. ניו־יאָרק. 1905 (ראַפּפּאָרט)

27. צוקונפט — רעד. — מאָריםווינטשעווסקי. נ.־י. 1908 (ראַפּפּאָרט)

28. ראָמאַנצייטונג — א אילוסטרירטעס וו"ב פאַר ליט., קונסט און וויסענש. ארויסג. דורך מ. קרינסקי. וואַרשאַ. כ׳ איור, תרס"ח. נום. 18 8(21) מאי, 1908 (ראָזאַליא יאקובסאָן)

29. איראָפּעאישע ליטעראַטור — א וועכענטלי־כער זש. א"ר פון א. רייזען. וואַרשוי. פ"ג „פּראָגרעס". נום. 31 1910 (שרת רייזען)

30. גאָלדענע פונקען — זמ"ל. רד"ק פון נח פרילוצקי. וואַרשאַ. 1910 (פאאולא ר.)

31. **יודיש** — ליט.-קינסטלערישע זמ"ב. רעד. פון י. ל. פרץ. פ"ג „פראָגרעס". 1910 (ראָזא י.)

32. **לעבען און וויסענשאפט** — ח"זש. רעד. — ש. הורוויטש. ארויסג. — ז. ש. שרעבערק און ש. הורוויטש. 1־טער יאָהרג. 10־טער העפט. אפריל 1910 (יהודית)

33. **זאמלונג** — („פאַמיליען־קאַלענדאַר"; „פרייע טעג"; „פריה־לינגס־בלעטער"; „דאָס יאָהר") — ערצעהלונגען, גערדיכטע, ביאָגראפיען און וויסענש. ארטיקלען פון פערשיעדענע שריפטשטעלער מיט בילדער און צייכנונגען. וואַרשא. הויפּט־פערקויף אין פ"ג „פראָגרעס". תרע"א 1911 (יהודית)

34. **נייע לאנד, דאָס** — איל. וו"שר. פאר ליט., קונסט, קריטיק און קולטור. רד"ק פון אברהם רייזען. נ.־י. נומ. 7, 9 און 13 1911 (רייזען); נומ. 12 (יהודית); נומ. 14 (שטאָק)

35. **נייע לעבען, דאָס** — מאָנאטליכער, ליט.-וויסענש. זש. א"ר פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. נ.־י. באַנד 3 העפט 8 1911 (יהודית)

36. **נייע לאנד** — א וו"שר. רעד. — א. רייזען. נ.־י. נומ. 18 1912 (רייזען); נומ. 19 (רבקה ראָזענטהאַל); נומ. 25 (שטאָק); נומ. 29 (מרים שמ"ר־צונזער); נומ. 31 (רחל נאָוואָגרודסקא)

37. **ליטעראַרישע וועלט, די** — א וו"שר. פאר ליט. קריטיק, וויסענש. און קולטור. רעד. א. רייזען. נ.־י. נומ. 5 1913 (אסתר זיידלער; רייזען)

37 א. **צוקונפט** — רעד. — א. ליעסין, נ.־י. אויגוסט, 1913 (קניזשניק).

38. **נייע היים** — ערשטעס זמ"ב. „ליטעראַרישער פ"ג. נ.־י. 1914 (שטאָק)

39. **ליטעראַטור און לעבען** — „די נייע אידישע וועלט". — ליט.-געז. מ"שר. 2־טער יאָהרג. נ.־י. נומ. 4 1915 (אביגיל)

40. **צוקונפט** — ח"זש. רעד. — א. ליעסין. ארויסג. „פאָר־ווערטס"-אסס'ן. נ.־י. 1915 (קניזשניק; שטאָק)

41. **יידישע פאָלקסבלאַט** — וו"ב. רעדאַקטאָרען־ארויס־געבער: י. יעפּרויקין; נ. שטיף. פעטראָגראַד. נומ. 3 18 אָקט. 1917 (חנה לעווין)

42. **קונסט־רינג** — אלמאַנאַך. רד"ק פון ק. זינגמאַן. ערש־טעס בוך. פ"ג „אידיש". כאַרקאָוו. 1־טע אויפלאַגע. 1917; 2־טע אויפלאַגע — בערלין. 1922 (האנעלע)

43. **יוגענד** — זמ"ה פאר שענע ליט. און פרייען געדאנק. א"ר פון צבי כהן. ארויסג. — א. אקערבערג. לאָדז. אפריל 1918 (אוליניאָווער; חנה גערסאָן; שושנה טשענסטאָכאָווסקא; ראָזא יאקובאָוויטש; מירעל ערדבערג)

44. **אילוסטרירטע וועלט** — וו"זש. פאר ליט., קונסט און קולטור־פראגען. וואַרשא. 1919 (מרים וואָהלמאַן־שעראָטשעק)

45. וואָך, די — אַ וו"שר. פאַר ליט. און קולטור-פראגען. ווילנע. נום. 4 8 פעווראל (פעברואַר) 1919 (חנה ראָזין)

46. יודישער זשורנאַליסט, דער — ארויסג. פון יודישען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען פעראיין אין לאָדזש, 1919 (פייגע באָרענשטיין; ערדבערג)

47. צוקונפט — ח"זש. רעד. — א. ליעסין. אַרויסג. פון „פאָרווערטס"-אסס'ן. 1919 (דראַפּקין; לאה ק. האָפּמאַן)

48. שריפטען — זמ"ב. א דריי-מאָנאַט בוך. פ"ג „אַמעריקא". נ. י.—זומער 1919 (אידא גלאזער); הערבסט 1919 (גלאזער; דראפקין; ראשעל וועפּרינסקי; אסתר פּעווזנער; בערטא קלינג)

49. איינגנס — זמ"ב. 2-טער בוך. פ"ג „קולטור-ליגע". קיעוו 1919 (מאָלאָדאָווסקי)

50. אין זיך — מנ"ט זש. פאַר אינטראָספּעקטיווער ליט. אַרויסג. פון דער גרופּע „אין זיך". 1-טער יאָהרג. נ.-י. נום. 1, 3, און 4 (דראַפּקין); נום. 5 1920 (וועפּרינסקי)

51. געזאַנגען — זמ"ל. רד"ג — הערשעלע. העפט א' — „ליבע-ליריק". לאָדזש. תרע"ט-פּ. 1919 — 1920 (באָרנשטיין; מאַליע ביילין; שרה'טשע זילבערבערג; טשענסטאָכאָווסקא; ערדבערג; יוכבד שענפעלד)

52. אין נעבעל — זמ"ל. צוזאַמענגעשטעלט פון מאיר קויפּמאַן, בן שלום (ש. שניידער), מתיה דייטש. אַרויסג. פון יונגען שרייבער-פעראיין. שיקאַגאָ. (יאָר?) (פּעסי הערשפעלד)

53. געזאַנגען — זמ"ל. רד"ג — הערשעלע. לאָדזש. העפט ב' — „אומעט". טבת, תר"פ (שרה בוים)

54. יוגענד — אַ צ"שר. אַרויסג. פון אַ גרופּע יונגע שרייבער. שיקאַגאָ. מאי 1920 (הערשפעלד)

55. יודישע זאַמעלביכער — רד"ג דורך י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע. ווייסענבערג-פ"ג. 1920 (אולינאָווער; טשענסטאָכאָווסקא; יאַקובאָוויטש; ערדבערג)

56. יודישע פּרעסע, די — צענטראַל-אָרגאַן פון „מזרחי" (וו"ב) בערלין. 51-טער יאָהרג. 1920 (חנה גערסאָן-ראַבינאָוויטש)

57. סויטה-אַפריקאַנישער יאָהר-בוך — אַ מאַגאַזין פיר ליט., בעלעטריסטיק, וויסענש. און קריטיק. רעד. — נ. ד. האָפּמאַן. הערויסגעבער — מ. בענקענשטאַדט. קייפּטאון (דרום-אפיקע). שנת תר"פ. 1920 (בערטא בענקענשטאַדט)

58. רעזאָנאַנס — זמ"ה. אַרויסג. פון יונגען שרייבער-פעראיין. רעד.-קאָמיטע: מאיר קויפּמאַן, מ. דייטש, בן שלום, סעקרעטאַר. שיקאַגאָ. נום. 1. 1920 (הערשפעלד)

59. רינגען — זמ"ב. אויסגאַבע פון מיכאל וויכערט און אַלטער

קאציזנע. וואַרשע. באַנד 1 — 2 1920־1921 (ראָזא גוטמאַן; פּערל וואָלפינגער; מאַלאַדאָווסקי)

60. ווייספּע — ליט. זמ"ב. רד"ק — ק. זינגמאַן. פ"ג „קולטור". קאָוונע. ליטע. 1921; 2־טע אויפלאַגע — בערלין 1923 (גוטמאַן; יודיקא)

61. לאַגלען — ח"זש. ארויסג. פון י. גלאַטשטיין. נ.־י. ערשט יאָר. נומ. 2, 1921 (וועפּרינסקי)

62. פעלד, ס' — זמ"ל. העפט ד' פ"ג „ס'פעלד". לאָדזש. 1921 (בוים)

63. שריפטען — זמ"ב. נ.־י. פ"ג „אמעריקא". פרילינג 1921 (וועפּרינסקי)

64. אין זיך — מנ"ט זש. ארויסג. פון קולטור־פ"ג. נ.־י. רעד. — א. לעיעלעס. באַנד 2 נומ. 1 (דראַפּקין; אַנאַ מאַרגאָלין); נומ. 2 1922 (מאַרגאָלין)

65. אלבאטראָס — זש. פאר דעם נייעם דיכטער־און־קינסט־לער אויסדרוק. רעד. — אורי־צבי גרינבערג. וואַרשע. נומ. 1 1922 (אסתר שומיאַטשער)

66. באַרג ארוף — ליט. זמ"ל. פ"ג „ווידערוואוקס". קיעוו. נומ. 1 1922 (דבורה כאַראָל; דינה ליבקעס)

67. געדאַנק, דער — העפטען פאר ליט. און טעאטער. רד"ק — ס. פראַנקענטאַל. פ"ג „די טעאטער־וועלט". לאָדז. העפט א' תרפ"ב. 1922 (בוים)

68. וואָרט, דאָס — א זש. פון אידישען אינהאַלט און אידישען טאָן. רד"ג פון ש. צ. זעצער. נ.־י. תרפ"ב, 1־טער יאָהרג. נומ. 4 (ליבע בורשטין)

69. וועגן — זמ"ל פון פּאָעזיע און פּראָזע. פאראַנטוואָרטליכער רעד. און אר. — מ. שווארץ. העפט א' לאָדזש. 1922 (בוים; מרים ליוב)

70. יונג־שיקאַגאָ — זמ"ב. פ"ג „יונג שיקאַגאָ". 1922 (הערש־פעלד)

71. ניי־אידיש — מ"שר. פאר ליט. און קונסט. רד"ג פון א. רייזען. נ.־י. נומ. 1 (מאַרגאָלין; דראַפּקין; לין); נומ. 2־3 און 4־5 1922 (מאַרגאָלין)

72. עפּאָכע — א דריי־מאָנאַטליך זמ"ש פאר מאָדערנער ליט. רד"ג און ארויסג. פון י. י. סיגאַל, א. אלמי און א. ש. שקאָלניקאָוו. מאָנ־טרעאָל, קאנאדע. 1922 (אסתר סיגאַל)

73. פרויען־זשורנאַל — וואָכענבלאַט. נ.־י. 1922 (שרה רייזען)

74. רויערד — זמ"ב. רד"ק פון י. י. סיגאַל. ארויסג. פון פ"ג „רויע ערד". מאָנטרעאָל. נומ. 2 1922 (סיגאַל)

75. ש ט ר אָ ם -- כווידעש-העפטן. אויסגאַבע: פ"ג „שטראָם". מאָסקווע. נום. 3 1922 (שפרה כאַלאַדענקאָ; כאַראַל)

76. א ו י פ ג א נ ג — זמ"ל. לייטונג — יוסף טורקאָ. העפט א, לאָדזש. 1923 (אולינאָווער)

77. ב א ר ג א ר ו ף — ליט. זמ"ל. פ"ג „ווידערוואוקס". קיעוו. נום. 2 1923 (כאַראַל; ליבקעס)

78. א י ן ז י ך — מנ"ט זש. רד"ק פון א. לעיעלעס. ארויסג. פון פ"ג „אין זיך". נ.־י. באַנד 3 נום. 4 (דראַפּקין); נום. 7, 8, 9 1923 (מאַרגאָלין)

79. ו ו א ר ש ע ו ו ע ר א ל מ א נ א ך התרפ"ד — זמ"ב. ארויסג. דורך דער בעלעטריסטן-פאַריייניקונג. וואַרשע. תרפ"ד. 1923 (יאַקובאָ־וויטש; מאַלאַדאָווסקי; רחל ה. קאָרן)

80. נ י י - א י ד י ש — מ"שר. רד"ג פון א. רייזען. נום. 8־9 (מאַר־גאָלין; ברכה קודלי); נום. 10 1923 (דבורה עדן)

81. נ י י ע ל ע ב ן, דאָס — מ"זש. פאַר קולטור און געז. פראַגן. א"ר פון דר. חיים זשיטלאָווסקי און ש. ניגער. נ.־י. נום. 5 (מאַרגאָלין); נום. 11 1923 (וועפּרינסקי)

82. צ ו ק ו נ פ ט — ח"זש. נ.-י. רד"ג פון א. ליעסין. ארויסג. פון „פאָרווערטס-אסס'ן. נום. 7 און 9 1923 (דראַפּקין)

83. ר ו י ע ר ד — זמ"ב. רד"ק פון י. י. סיגאל. פ"ג „רויע ערד". מאָנטרעאָל. נום. 3 1923 (סיגאל)

84. ש ו ו ע ל ן — ח"זש. פאַר ליט. און קונסט. לאָדזש. באַנד 1 העפט 1 נאָוו. 1923 (ריקודה פאָטאַש; חיה־עלקע פרענקעל)

85. ש ט ר אָ ם — כווידעש-העפטן. פ"ג „שטראָם". מאָסקווע. נום. 4 1923 (עסטער כאַסים)

86. א ו י פ ג א נ ג — ח"זש. פאַר ליט. און קולטור-פראַגן. רד"ס פון יצחק ליבמאַן. 2־טער יאָרג. נ.־י. נום. 9 אָקט. 1924 (סיגאַל)

87. א י ל ו ס ט ר י ר ט ע ו ו אָ ך — זש. (וו"ב) פאַר וואָרט און בילד. 2־טער יאָהרג. וואַרשע. נום. 4 (6) (וואָהלמאַן־שעראָטשעק); נום. 6 (8) (פאָטאַש); נום. 21 (14) (פּאאולא פרילוצקא); נום. 13 (15) (אולינאָווער); נום. 20 (22) (ערדבערג); נום. 32 (34) (רייזען; וואָהלמאַן־שעראָטשעק); נום. 49 (51) 1924 (אסתר קופערשטאָק; רייזען)

88. ו ו אָ ר ט, דאָס — ח"זש. רד"ג פון ש. צ. זעצער. נ.־י. 4־טער יאָהרג. תרפ"ד. נום. 1, 2 (שפרה ווייס)

89. א י נ י י נ ע ם — א זש. פאַר ליט. און קונסט. רעד. — מ. באָגדאַנסקי. שיקאַגאָ. נום. 1 (הערשפעלד; ווייס; אידא גלאַזער־אַנדרוס); נום. 2 (הערשפעלד; ווייס; קודלי); נום. 3 (ווייס); נום. 4 (הערשפעלד); נום. 5 (הערשפעלד; ווייס; קודלי); נום. 6 1924 (הערשפעלד; ווייס; לאה ק. האָפמאַן)

90. ט אָ ג, דער — ט"צ. נ.־י. צעהן-יאָהריגע יובילעי-אויסגאַבע. נום. 3640 נאָוו. 23 1924 (מאַרגאָלין)

91. י י ד י ש ע ר ל י ט ע ר א ר י ש ע ר ק א ל ע נ ד ע ר התרפ"ה — רד"ק און ארויסג. פון דר. אנזעלם קליינמאַן. 3־טער יאָרג. לעמבערג. 1924 (רחל ה. קאָרן)

92. פ ע ד ע ר, ד י — ח"זש. פאַר ליט. און קונסט. רד"ק פון ז. וויינפּער. נ.־י. 5־טער יאָרג. נומ. 1 (לי); נומ. 7 (ווייס); נומ. 12 1924 (גלאַזער)

93. צ ו ק ו נ פ ט — ח"זש. נ.־י. רד"ג פון א. ליעסין. ארויסג. פון „פאָרווערטס"־אסס'ן. נומ. 7 (מאָלאָדאָווסקי); נומ. 9 1924 (שומיאַטשער)

94. ש ו ו ע ל ן — פערטל־יאָר־העפטן. באַנד 1 העפט 1 לאָדזש. 1924 (פּאָטאַש)

95. ש ט ר אָ ם — כוידעש־העפטן. פ"ג „שטראָם". מאָסקווע. נומ. 5־6 1924 (כאָראָל)

96. 1 9 2 5 — מ"זש. פאַר ליט. אונטער דער דירעקציע פון מיכל ליכט און נ. ב. מינקאָוו. נומ. 1 (דראַפּקין); נומ. 4־5 נ.־י. (כאַסיע קופּערמאַן)

97. א י ל ו ס ט ר י ר ט ע ו ו אָ ך — פאַר וואָרט און בילד. רעד. — א. גראפּמאן. קניסטלערישער טייל — ש. פייגנבוים. 3־טער יאָרג. וואַרשע. נומ. 6 (59) 5 פעב. 1925 (ריקודה פּאָטאַש־פוקס)

98. ז ו נ ל א נ ד — מ"שר. רד"ק פון י. ל. מאלאמוט. לאָס־אַנגעלעס (קאליפ.) תרפ"ה. נומ. 3, 4 1925 (קודלי)

99. י ו נ ג - ק ו ז נ י ע — זש. ארויסג. פון פּראָלעטארישן שרייבער־פאַראיין. נ.־י. באַנד 2 נומ. 1 (5) 1925 (ווייס; חנה ספּיקער)

100. ל י ט ע ר א ר י ש ע ב ל ע ט ע ר — איל. וו"שר. פאַר ליט., טעאַטער און קונסט. צווייטער יאָרג. רעד. — י. י. זינגער, פּרץ מאַרקיש, נחמן מייזיל און מלך ראַוויטש. פ"ג ב. קלעצקין. וואַרשע. נומ. 57 (מאַרגאַלין); נומ. 79 (מאָלאָדאָווסקי); נומ. 81 1925 (שומיאַטשער)

101. מ ע ר ב — זש. רעד. — יצחק האָראָוויץ. 1־טער העפט. לאָס־אַנגעלעס. פעב. 1925 (ווייס; קודלי)

102. פ א ר ג ר ו י ס א ו ן ק ל י י ן — איל. וו"זש. אין זיד (דרום) אַמעריקא. רד"ק פון: ל. מלאך און ש. גלאַזערמאַן. ארויסג. פון אַן אקציאָנערן־געז. בוענאָס־איירעס (אַרגענטינע). 4־טער יאָרג. נומ. 197 1925 (שומיאַטשער)

103. פ ע ד ע ר — ח"זש. נ.־י. רד"ק פון ז. וויינפּער. 6־טער יאָרג. נומ. 1 (לי); נומ. 2 (קלינג); נומ. 4 (גלאַזער); נומ. 5 און 11 1925 (לי)

104. צ ו ק ו נ פ ט — ח"זש. נ.־י. רד"ג פון א. ליעסין. ארויסג. פון „פאָרווערטס"־אסס'ן. נומ. 5 (מאַרגאָלין); נומ. 12 1925 (רבקה רויזנבלאַט)

105. ק א נ א ד ע — פּעריאָדיש־ליט. זש. רד"ג פון א קאָלעגיום. מאָנטרעאַל. נומ. 1 (סיגאַל; אײדא מאזע); נומ. 2 און 3 1925 רעד. פון י. ראַבינאָוויטש און א. ש. שקאָלניקאָוו (מאַזע; סיגאַל; רויזנבלאַט)

106. ר ו י ט ע ו ו ע ל ט, ד י — פּאָליטיש־געז., ליט.־וויסנש., צוויי־וואָכנטלעכער זש. פ"ג „טשערוואָני־שליאך". כאַרקאָוו. נומ. 2 (מירע בענקין); נומ. 3 מעלוכע־פ"ג פון אוקראַינע (כאַנע לעווין); נומ. 4 (אַניוטא

פּיאַטיגאָרסקאַיאַ); נום. 8 און 12 (לעווין); נום. 13 1925 (כענקין; סאָניע טומשינסקי)

.107 ק ו ל ט ו ר — וו״ב. א״ר פון ל. מילער. שיקאַגאָ. נום. 3 (קלינג); נום. 5 (הערשפעלד); נום. 18 1925־1926 (לי)

.108 ש ר י פ ט ע ן — א זמ״ב. רד״ג פון דוד איגנאַטאָוו. פ״ג „אַמעריקא“. ווינטער 1925־1926 (ווערפּרינסקי; לי)

.109 1926—מ״זש. פאַר ליט. נ.־י. נום. 1—2, 3, 4—5 (קופּערמאַן)

.110 א ו י פ ק ו ם , דער — ח״זש. פאַר ליט. און קולטור-ענינים. רד״ס פון ז. ווײַנפּער. 1־טער יאָרג. נ.־י. נום. 1 1926 (ווייס)

.111 א ו נ ד ז ע ר ב ו ך — צוויי-מ״זש. פאַר ליט. און קריטיק. רד״ק פון יצחק ליבמאַן. ערשטער יאָרג. פ״ג „אידיש לעבן“. נ.־י. נום. 2 1926 (קופּערמאַן)

.112 א ו ק ר א י נ ע — ליט.-קינסטלערישער אַלמאַנאַך. צונויפגעשטעלט: אַסאָציאַציע פון אידישע שרייבער אין אוקראַינע. קאָאָפּעראַטיווער פ״ג „קולטור-ליגע“. קיעוו. נום. 1 1926 (כאַלאַדענקאָ; כאַראַל; כענקין; ליבקעס; פּיאַטיגאָרסקאַיאַ)

.113 א י נ ז ע ר ה אָ פ ע נ ו נ ג — צוויי-וו״זש. לייטונג: — י. מ. ווייסענבערג. וואַרשע. נום. 6 (שרה בירנבוים); נום. 9 (חיה־הינדע לעווי); נום. 15 (בירנבוים); נום. 19 1926 (לעווי)

.114 א י ן ש פּ א ן — ח״זש. ווילנער פ״ג פון ב. קלעצקין ווילנע־וואַרשע. נום. 2 1926 (מאַלאַדאָווסקי)

.115 ב א ג י נ ע ן , דער — ח״זש. ארויסג. פון א גרופּע שרייבער. רד״ס פון א קאָלעגיום. 2־טער יאָרג. ברוקלין, נ.־י. נום. 3 1926 (עדן)

.116 ה א מ ע ר , דער — קאָמוניסטישער ח״זש. רעד.—קאָלעגיע: מ. אָלגין, י. מינדל, ק. מרמר, מלך עפּשטיין, שכנא עפּשטיין. נ.־י. נום. 1 און 4 (ווייס); נום. 5 (קודלי); נום. 7 1926 (כאַראַל; שומיאַטשער)

.117 ל י ט ע ר א ר י ש ע ב ל ע ט ע ר — דריטער יאָרג. רעד.— משה זילבורג און נחמן מייזיל. פ״ג ב. קלעצקין. וואַרשע. נום. 99, 100, 125 און 139 (מאַלאַדאָווסקי); נום. 113 (גלאַזער); נום. 115 און 120 (שומיאַטשער); נום. 128 1926 (ראַזא לאקס־פּרץ)

.118 פ י אָ נ ע ר ן - פ ר ו י , די — זש. ארויסג. פון דער פּיאָנערן פרויען-אָרגאַניזאַציע פאַר די פרויען-קבוצות אין ארץ-ישראל. נ. י. דעצ. 1926 (טילי פּרעס־מאַגיל)

.119 פ ע ד ע ר — ח״זש. רד״ק פון א קאָלעגיום: א. קארלין, ל. זיסעלמאַן, א. לוצקי. נ.־י. 7־טער יאָרג. נום. 2 (גלאַזער; לי); נום. 7 (לי); נום. 8־9 (לי; קודלי); נום. 10־11 1926 (ווייס; קודלי; לי)

.120 צ ו ק ו נ פ ט — ח״זש. רד״ג פון א. ליעסין. ארויסג. פון „פאָרווערטס“-אַסס׳ן. נ.־י. נום. 8 1926 (פריידעל)

.121 ק א נ א ד ע ר ו ו אָ כ נ ב ל א ט — פאַר קולטור און געז. ענינים. רד״ג פון א קאָלעגיום. מאָנטרעאָל. נום. 2 (מאזע); נום. 4 און 15 (רויזנבלאַט); נום. 8 (קלינג); נום. 10 1926 (מאזע)

.122 ר ו י ט ע ו ו ע ל ט — פּאָליטיש-געז., ליט.־וויסנש. ח״זש.

הויפּט-רעד. — מ. לעוויטאַן. רעדקאָלעגיע: מ. לעוויטאַן, ה. קאָזאַקעוויטש, ל. קוויטקאָ, מ. קיפּער, פּ. שפּראַך. מעלוכע-פ״ג פון אוקראַינע. כאַרקאָוו. נומ. 4 (19) (כאַראַל); נומ. 6־5 (21־20) (לעווין); נומ. 9 (24) (כאַראַל; כענ־קין; פּיאַטיגאָרסקאַיא); נומ. 12 (27) 1926 (לעווין)

122. א. וואָך, די — ליט., קונסט, טעאַטער און פּובליציסטיק. ערשטער יאָרג. ריגע. נומ. 7 (אסתר זשיטאָמירסקי); נומ. 8 1927 (חנה הור־וויץ)

123. וואַרשעווער שריפטן 1926 — 1927 — זמ״ב. אַרויסג. דורך דעם ליטעראַטן-קלוב ביים פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע. (מאַלאַדאָווסקי; רחל ה. קאָרן; רייזען)

124. אויפקום — ח״זש. נ.-י. צווייטער יאָרג. רעד. — ז. וויינפּער. נומ. 11 1927 (שומיאַטשער)

125. אונדזער בוך — צוויי־מ״זש. צווייטער יאָרג. רד״ק — יצחק ליבמאַן. נומ. 4 און 5, 1927 (קופּערמאַן)

126. אינזער האָפענונג — צוויי-וו״זש. לייטונג: י. מ. וויסענבערג. וואַרשע. נומ. 18 (שרה טענענבוים); נומ. 19 1927 (לעווי)

127. האַמער, דער — קאָמונ. ח״זש. נ.־י. נומ. 3 (ווייס; איטא שיקמאַן) נומ. 4 (גיטל מייזל; שומיאַטשער); נומ. 7 און 12, 1927 (שומיא־טשער)

128. ליטעראַרישע בלעטער — וו״שר. פערטער יאָרג. רעד. — נחמן מייזיל. פ״ג ב. קלעצקין. וואַרשע. נומ. 9 (שומיאַטשער); נומ. 11 (מאַלאַדאָווסקי); נומ. 27 1927 (קאָרן)

129. פעדער — ח״זש. רעד. — אהרן קאַרלין. נ.־י. נומ. 2־1 (לי); נומ. 4־3 (ווייס; לי); נומ. 5 1927 (גלאַזער; ווייס)

130. צוקונפט — ח״זש. רד״ג פון א. ליעסין. אַרויסג. פון „פאָרווערטס“-אַסס'ן. נ.־י. נומ. 1 (מאַרגאָלין); נומ. 2 און 12 1927 (פריוו־דעל)

131. קאַליפאָרניער אידישע שטימע — וו״צ. 6-טער יאָרג. רעד. — ד. גיסנעט. לאָס-אַנגעלעס, סאַן־פראַנציסקאָ, קאַליפ. נומ. 2 און 4 1927 (עטל גאָלדבערג)

132. קענעדער אָדלער — יובילעי-אויסגאַבע. 1907 — 1927 רד״ק דורך א קאָלעגיע פון ה. וואָלאָפּסקי, ב. ג. זאַק און י. ראַבינאָ־וויטש. מאָנטרעאָל. 30 אויג. 1927 (מאַזע; סיגאַל)

133. רויטע וועלט — ח״זש. רעד. — קאָלעגיע. כאַרקאָוו. מעלוכע-פ״ג פון אוקראַינע. נומ. 1 (כאַראַל); נומ. 3 (פּיאַטיגאָרסקאַיא); נומ. 4 (כענקין); נומ. 7 (פּיאַטיגאָרסקאַיא; לעווין); נומ. 9־8 (ליובע טשער־ניאַק)

134. רויערד — ליט. ח״זש. רד״ק פון א. ש. שקאָלניקאָוו. מאָנטרעאָל. נומ. 1 1927 (סיגאַל)

135. שטערן — ליט.־קינסטלערישער און פּאָליטיש-וויסנש. ח״זש. דריטער יאָרג. פ״ג „שול און בוך“. ווייסרוסלענדישע אָפּטיילונג. מינסק. מאַי־יון (יוני) נומ. 6־5 1927 (סאָניע טוטשינסקי)

5 פאַרשיידענע אויסגאַבעס *

(לויטן א"ב)

136. אָבענד־בלאַט — ט"צ. נ.־י. 1900 (ראַטנער־בערקאָוויטש)

137. אונזער טריבונע — וואַרשע (יאַקובאָוויטש)

138. אונזער פֿאָלקסצייטונג — ט"צ. וואַרשע (קאָרן)

139. אידישע אַרבייטער וועלט, די — רעד. — ק. מרמר. שיקאַגאָ (הערשפעלד)

140. אידישע וואָרט, דאָס — וויניפעג. קאַנאַדע. 1918 (טילעס)

141. אידישע וועלט — פילאַדעלפיא. (פריידע בעלאַוו)

142. אַמעריקאַנער, דער — וו"ב. נ.־י. (בורשטין; בעלאָוו; ראַטנער־בערקאָוויטש 1920; רבקה גאַלין 1924)

143. אָנהויב, דער — נ.־י. (דראַפּקין)

144. אַפריקאַנער, דער — וו"ב. יאָהאַנעסבורג. דרום־אַפריקע רחל־רבקה פייפערט 1914 און 1923; בענקענשטאַדט 1917)

145. אַרבייטער צייטונג, די — וו"צ. נ.־י. 1893 (ראַפּאָפּאָרט)

146. ביים פייער — זמ"ל. נ.־י. (קלינג)

147. גערעכטיגקייט — וו"ב. נ.־י. (בורשטין; פריידעל)

148. דרום־אַפריקע — יאָהאַנעסבורג. 1923 (פייפערט)

149. היינט, דער — ט"צ. וואַרשע. (יאַקובאָוויטש)

150. וואַרהייט, די — ט"צ. נ.־י. א"ר פון לואיס מיללער. 1916 (קלינג)

151. ווילנער טאָג — ט"צ. ווילנע. 1923 (פריידעל)

152. ווינטער — זמ"ה. א"ר פון פאלק היילפערין (חנה לעווין)

153. וועגען — נ.־י. (קלינג)

154. וועקער, דער — ט"צ. מינסק 1917 (יהודית); 13 אויג. 1925 (כענקין)

155. וועקער, דער — וו"ב. נ.־י. (ראַטנער־בערקאָוויטש)

156. טאָג, דער — ט"צ. נ.־י. (בעלאָוו; דראַפּקין; יאַקובאָוויטש; לאה קאַפּילאָוויטש־האָפמאַן; שטאָק)

157. טאַגעבלאַט, דאָס — ט"צ. לעמבערג (קאָרן)

158. יונגע גוואַרדיע — אוקראַינע. 1925 (פּיאַטיגאָרסקאַיאַ)

159. יידישע טאַגעבלאַט, דאָס — נ.־י. (בעלאָוו)

160. יעצטיגע צייט — א"ר פון סאָלניס. קאַליש. פּוילן (יאַקובאָוויטש)

---

* אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג זיינען פאַרצייכנט אויסגאַבעס, וואָס דער צוזאַמענשטעלער האָט זיי אַליין נישט געזען. זיי זיינען גענומען פון ז. רייזענס „לעקסיקאָן“ און פון איניקע פריוואַטע מיטטיילונגען פון די דיכטערינס.

161. לאָדזער טאגעבלאט — ט"צ. 1920 (גערסאָן־ראַבינאָוויטש; ריקודה־פּאָטאַש)

162. לובלינער טאָגבלאט — ט"צ. (יאקובאָוויטש)

163. ליטעראַרישע בילאַגע — צו דער ט"צ. „סאָם־פּאָן". קיעוו. 1923 (כאַראַל)

164. מאָרגען־זשורנאַל — ט"צ. נ.־י. (בורשטין)

165. נייע וואָרט, דאָס — יאָהאַנעסבורג. 1916 (פּייפּערט)

166. נייע וועלט — נ.־י. 1917 (דראַפּקין; וועפּערינסקי; מאַר־גאַלין)

167. נייע לעבן — ט"צ. אָדעס. אוקראַינע. 1919 (רויטבלאַט)

168. נייע פאָלקסבלאט — לאָדז. 1924 (פּאָטאַש)

169. נייע צייט — יאָהאַנעסבורג. 1912 (גאָלדע ברענער)

170. פּאָעזיע, די — נ.־י. 1919 (דראַפּקין; וועפּרינסקי)

171. פּשעמישלער פאָלקסשטימע — גאַליציע. 1919 (קאַרן)

172. פאָלקסבלאט — לאָדז. (יאקובאָוויטש)

173. פאָלקספריינד — פּיטסבורג (בעלאָוו)

174. פּראָגרעס — ט"צ. לאָס־אַנזשעלעס, קאַליפ. 1915 (גאַלין)

175. פאָרווערטס, דער — ט"צ. נ.־י. 1900 (ראַטנער־בערקאָוויטש)

176. פרייהייט — ט"צ. נ.־י. 1924, 1925, 1926, 1927 (שרת באַרקאַן; אסתר בעקערמאַן; גאָלדבערג; ווייס; וועפּרינסקי; רחל זאַק; טילעס; שרה פעל־יעלין; קלינג; ראַטנער־בערקאָוויטש; איטא שיקמאַן; שומיאַטשער)

177. פרייטאָג — וו"ב. לאָדז. 1923, 1924 (פּאָטאַש)

178. פריינד, דער — וו"ב. נ.־י. (טילעס; מלכה חפץ־טוזמאַן)

179. פריינד, דער — ט"צ. פּעטערבורג און וואַרשע. (קניזשניק; רייזען)

180. פרייע ארבייטער שטימע — וו"ב. נ.־י. 1915, 1916, (גאלין); 1925, 1926, 1927, (גלאַזער; דבורה דוואָרקין; ווייס; וועפּרינסקי; לין; מאַרגאָלין; דבורה עדן; קודלי; קופּערמאַן; ראַטנער־בערקאָוויטש; שטאָק)

181. ציוניסט, דער — יאָהאַנעסבורג. 1914 (פּייפּערט)

182. קאָמוניסטישע פאָן — ט"צ. קיעוו. 1922 (ליבקעס)

183. קוואַל, דער — מאָנטרעאָל (סיגאַל)

184. קונדס, דער — וו"ב. נ.־י. 1918 (הערשפעלד)

185. קענעדער אָדלער, דער — ט"צ. מאָנטרעאָל. 1926 (מאַזע)

ב — ליטעראַטור

1 שטודיעס און ליטעראַטור־געשיכטע

(לויטן א"ב)

186. ו ו י נ ע ר, לעאָ — The History of Yiddish Literature in the nineteenth century by Leo Wiener. London. MDCCCXCIX.

187. נ י ג ע ר, ש. — שטודיעס צו דער געשיכטע פון דער יודי־שער ליטעראַטור. א — די יודישע ליטעראַטור — און די לעזערין. אין דעם „פנקס" תרע"ב. יאָהרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יודישער לי־טעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע. ערש־טער יאָהרגאַנג. ווילנער פ"ג פון ב. קלעצקין. ווילנע. תרע"ג.

188. ע ר י ק, מאַקס — בלעטלעך צו דער געשיכטע פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור און קולטור. 1. — דער „בראַנטשפּיגל" — די ענציקלאָפּעדיע פון דער יידישער פרוי אין 17־טן יאָרהונדערט. אין זמ"ב „צייטשריפט". בוך 1. מינסק. ארויסג. פון אינסטיטוט פאַר ווייס־רוסלענדישע קולטור. 1926

189. פּ י נ ע ס, מ. דר. — די געשיכטע פון דער יודישער ליטע־ראַטור ביז'ן יאָהר 1890. פ"ג ב. שימין. וואַרשא. תרע"ב. 1911

190. פ ר י ה אָ ף, סאָלאָמאָן ב. — Solomon B. Freehof — Devotional Literature in the Vernacular. Reprinted from Yearbook, Vol. XXXIII. Central Conference of American Rabbis. 1923

191. ר ע מ י, נאהידא — The Jewish Woman. Authorized translation by Louise Mannheimer with a preface by Prof. Dr. Lazarus. Fourth Edition. Bloch Publishing Co. "The Jewish Book Concern." New-York, 1923

192. ש ו ל מ א ן, אלעזר — שפת יהודית-אשכנזית וספרותה. מקץ המאה הט"ו עד קץ שנות המואה הי"ח. יצא לאור ע"י בני משפחתו של המחבר המנוח בהשגחת י. ח. טביוב. ריגא. בדפוס אלי' לעווין. תרע"ג.

2 אַרטיקלען און רעצענזיעס

(לויטן א"ב)

193. א ש ר — אין „דער פאַרבאַנד". מ"זש. אונטער דער אויפ־זיכט פון דער פעדערייישאָן פון פוילישע אידען אין אמעריקא. 2־טער יאָרג. נ.־י. נום. 14 1925 (וועגן יאַקובאָוויטשס — „מיינע געזאַנגען")

194. ג ר אָ ב א ר ד, ב. — אין „צוקונפט". נ.־י. נום. 3 1925 (וועגן אוליניאָווערס „דער באָבעס אוצר")

195. ד אָ ב ר ו ש י ן, י. — דאָס נייע ליד (זעקס יאָר דיכטונג) אין זמ"ב „נייערד". מאָסקווער קאָלעקטיוו פון אידישע אָקטיאַבר־שריי־בער. נום. 1 מאָסקווע. 1925 (וועגן כאַראַלס לידער)

196. וויִנטשעווסקי, מאָרים — הקדמה צו לאה ק. האָפ־מאַנס בוך „קליינע אין דער גרויסער וועלט“. נ.־י. 1922

197. ווייִנפער, ז. — אין „דער אויפקום“. נ.־י. נומ. 3 1927 (וועגן הערשפעלדס „קארעלן“)

198. זאַראַמבּ, ש. — אין „ליטעראַרישע בלעטער“. וואַרשע. נומ. 31 1927 (וועגן מאַלאַדאָווסקים „חשוונדיקע נעכט“)

199. טשאַרני, דניאל — די יידישע ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין „ליט. בלעטער“. נומ. 3 1927 (וועגן בענקין און כאַלאָדענ־קאָס לידער)

200. יאַנאָווסקי, ש. — אין „פרייע ארב. שטימע“. 1924 (וועגן פראַדעל שטאָק)

201. י. ב. — אין „ליט. בלעטער“. נומ. 124 1926 (וועגן הערש־פעלדס „קארעלן“)

202. י. ק. — אין „נײַ-אידיש“. נ.־י. נומ. 11־12 1923 (וועגן יודיקאַס „נײַע יוגנט“)

203. לעיעלעס, א. — אין „אין זיך“. נ.־י. נומ. 3 1922 (וועגן ציליע דראַפּקינס לידער)

204א. מלאך, ל. — ליכטיקע פאַסן. אין „די פרעסע“, ט“צ. פעלדס „קארעלן“)

204א. מלאך, ל. — ליכטיקע פאַסן אין „די פרעסע“, ט“צ.
בוענאָס-איירעס (ארגענטינע). 18 דעצ. 1927 (וועגן ראָזאַ גוטמאַנס בוך „פאַר גאָר דעם נאָענטסטן“)

205. מר — אין „נײַע פאָלקסצייטונג“ — ט“צ. וואַרשע. ליטעראַ־רישע בײַלאַגע, נומ. 174 1927 (וועגן מאַלאַדאָווסקים „חשוונדיקע נעכט“)

206. מרמר, ק. — אין „פרייהייט“. 26 דעצ. 1926 (וועגן הערש־פעלדס קארעלן“)

207. נוסינאָוו, י. — אין „רויטע וועלט“. כאַרקאָוו. נומ. 9 1926 (וועגן כאַלאָדענקאָ, ליבקעס און פּיאַטיגאָרסקאַיאַס לידער)

208. ניגער, ש. — פרויען-ליריק אין „דער טאָג“. נ.־י. 24 פעב. 1924 (וועגן יודיקאַס „נײַע יוגנט“ און גוטמאַנס „פאַר גאָר דעם נאָענטסטן“)

209. ניגער, ש. — אין „צוקונפט“. נ.־י. נומ. 5 1926 (וועגן וועפּרינסקי און מלכה לי׳ס לידער)

210. עליאַשעוו, אסתר, דר. — הקדמה צו יודיקאַס בוך „מענטש און צייט“. קאָוונע. 1925

211. פרילוצקי, נח — אין זמ“ה „דער יונגער גייסט“. וואַר־שע. (וועגן פּאַולא ר.)

212. פרץ, י. ל. — אין „ראָמאַן-צייטונג“. וואַרשע. (וועגן פּאַ־אולא ר.)

PUBLIC LIBRARY, TORONTO

213. פ י י ג י ן, ז. — אין זמ"ב „וויספע". קאָוונע. 2־טע אויפ־לאַגע. בערלין. 1923 (וועגן יודיקאַס „נייע יוגנט")

214. פ ר י ש מ א ן, דוד — הקדמה צו אוליצקאָוועס בוך „דער באַבעס אוצר". וואַרשע. תרפ"ב.

215. ק אַ ר מ א ן, ע. — אין „ביכער-וועלט". וואַרשע. נומ. 1 1922 (וועגן אוליצקאָוועס „דער באַבעס אוצר"); נומ. 6 1922 (וועגן גלאַזער־אַנדרוס „אין האַלב־שאָטן", דראַפּקין און וועפּרינסקיס לידער)

216. ק אָ ר ן, רחל ה. — אין „ליט. בלעטער". נומ. 6 1924 (וועגן יאַקובאָוויטשס „מיינע געזאַנגען"); נומ. 48 1925 (וועגן גוטמאַנס „פאַר גאָר דעם נאָענטסטן")

217. ר א וו י ט ש, מלך — אין „ביכער וועלט". נומ. 2 1923 (וועגן שטאָק)

218. ר א וו י ט ש, מלך — מיידלעך, פרויען, ווייבער — יידישע דיכטערינס. אין „ליט. בלעטער". נומ. 21 1927

219. ר י י ז ע ן, א. — הקדמה צו לאה ק. האָפּמאַנס בוך „אין קינדערלאַנד". נ.־י. 1921

220. ש. ז. — אין „ליט. בלעטער". נומ. 5 1927 (וועגן וועפּרינסקיס „רוף פון פליגל")

221. ש ט אָ ק, פראַדעל — וואָס איז פּאָעזיע? אין זמ"ב פאַר פּאָעזיע „פון מענש צו מענש". רעד. — מ. ל. האַלפּערן. פ"ג „ניו־יאָרק". נ.־י. (יאָר?)

222. (א נ אָ נ י ם) — אין „פרייע אַרב. שטימע". נ.־י. 31 דעצ. 1926 (וועגן וועפּרינסקיס „רוף פון פליגל")

3 ביבליאָגראַפיע פון דער עלטערער יידישער

ליטעראַטור און ביאָגראַפיעס

223. ב אָ ר אָ כ אָ וו, ב. — די ביבליאָטייק פון יידישן פילאָלאָג פירהונדערט יאָר יידישע שפּראַכפאָרשונג. אין „פּנקס" תרע"ב. ווילנער פ"ג פון ב. א. קלעצקין. ווילנע. תרע"ג.

223. ב אָ ר אָ כ אָ וו, ב. — די ביבליאָטייק פון יידישן פילאָלאָג. באַמערקונגען צו די לידער פון בוך א' פון באַסינס אַנטאָלאָגיע. נ.־י. באַסינס אַנטאָלאָגיע. 2־טע אויפלאַגע. 1917

225. ר י י ז ע ן, זלמן — לעקסיקאָן פון דער יודישער ליטעראַטור און פּרעסע. רד"ק פון ש. ניגער. ארויסג. פון דער פ"גס־געז. „צענטראַל". וואַרשוי. תרע"ד, 1914

226. ר י י ז ע ן, זלמן — לעקסיקאָן פון דער יידישער ליט., פּרעסע און פילאָלאָגיע. צווייטע אינגאַנצן איבערגעאַרבעטע פאַרמערטע און

פאַרפולשטענדיקטע אויסגאַבע. ערשטער באַנד (א — י) ווילנער פ"ג פון ב. קלעצקין. תרפ"ו. 1926 צווייטער באַנד (כ — פּ) 1927

227. שטיינשניידער, מאָריץ — Steinschneider, Moritz — Catalogus librorum Hebraeorum in Bibliotheca Bodleiana, 2 Bde. Berlin. 1852-60. CXXXII -|- 3104 (col.) -|- Cpp.

228. שטיינשניידער, מאָריץ — Steinschneider, Moritz — Juedisch-deutsche Literatur — in: Serapeum — Zeitschrift fuer Bibliotekswissenschaft, Handschriftenkunde und aeltere Literatur. Leipzig. 1848-9.

4 איבערזעצונגען פון די ווערק פון יידישע דיכטערינס אויף אַנדערע שפּראַכן

העברעאיש

229. העולם — יאָרג. 15 תרפ"ח נומ. 15 1927 (אסתר שומיאטשער — איבערגעזעצט פון כתב־יד דורך ז. שניאור)

ענגליש

230. Great Yiddish Poetry — Edited by Issac Goldberg. Little Blue Books No. 448. Haldeman-Julius Company. Girard. Kansas. 1923
(פראַדעל שטאָק — איבערזעצונג דורך — Elbert Aidline)

231. Modern Yiddish Poetry — An anthology. Edited by Samuel J. Imber. The East and West Publishing Co. New-York. 1927
(ציליע דראַפּקין; אַנאַ מאַרגאָלין; רחל ה. קאָרן; פראַדל שטאָק)

פּויליש

232. Antologia Poezji Zydowskiej—przelozyl i zebral S. Hirszhorn. Wydawnictwo "B-cia Lewin-Epstein i S-ka". Warszawa. 1921
(מרים אולינאָווער; פּאַולא ר.; שרה רייזען — איבערגעזעצט דורך — ש. וואַגמאַן און ש. הירשהאָרן)

אינהאלט

אינהאַלט

א

אביגיל — — — — — 107־106
אולינאָווער, מרים — — — 146־134

ב

באָרנשטיין, פייגע — — — — — 119
בוים, שרה — — — — — 120
בורשטין, ליבע — — — — — 208־204
ביילין, מאַליע — — — — 121
בלאָך ,אַננאַ — — — — — 132־131
בענקענשטאדט, בערטאַ — — — 180

ג

גאָלדבערג, עטל — — — — — 281
גאָלדשטיין, ראָזאַ — — — — 46־41
גאלין, רבקה — — — — 154־149
גוטמאַן, ראָזאַ — — — — 216־242
גלאזער, אידא — — — — 178־175
געלה — — — — — — — 18
גערסאָן־ראַבינאָוויטש, חנה — 111־109

ד

דראַפקין, ציליע — — — — 168־162

ה

האָפמאַן, ק., לאה — — — 127־123
הערשפעלד, פעסי — — — 184־179

ו

וואָהלמאַן־שעראָטשעק, מרים — 118
וואָלפינגער, פערל — — — 211־209
ווייס, שפרה — — — — 241־238
וועפּרינגסקי, ראשעל — — 174־169

ז

זיידלער, אסתר — — — — 105
זילבערבערג, שרה׳טשע — — 122

ט

טוטשינסקי, סאָניע — — 318־315
טילעס, איידא — — — — — 188־185

טש

טשאַרני, ס., פריידל — — 265־260
טשענסטאָכאָווסקא, שושנה — 115־112
טשערניאק, ליובא — — — — 334

י

יאַקובאָוויטש, ראָזאַ — — 88־84
יאקובסאָן, ראָזאַליא — — — 71
יהודית — — — — — — — 70־62
יודיקא — — — — — — — 237־231

כ

כ״ץ, חנה — — — — — — 38־20
כאָלאָדענקאָ, שיפרע — — 302־300
כאסים, עסטער — — — 304־303
כאָראָל, דוואוירע — — — 299־291
כענקין, מירע — — — 314־310

ל

לאקס־פּרץ, ראָזע — — — 284־282
לי, מלכה — — — — — 254־247
ליבקעס, דינע — — — — 309־305
ליוב, מרים — — — — — 133
לעווין, כאַנע — — — — 324־319

מ

מאזע, איידא — — — — — 275־271
מאַלאָדאָווסקי, קאדיע — — 198־190
מאַרגאָלין, אַנאַ — — — — 218־212
מייזל, גיטל — — — — 288־285

ס

סיגאַל, אסתר — — — — — 224־219

ע

ערדבערג, מירעל — 116

פ

פאאולא ר. — 61-59
פאַטאש־פוקס, ריקודה — 259-255
פאַן, טויבה — 7
פיאטיגאָרסקאַיאַ, אַניוטאַ — 330-325
פעװזנער, אסתר — 189

ק

קאָרן ה., רחל — 203-199
קודלי, ברכה — 270-266
קופערמאַן, כאַסיע — 278-276
קלינג, בערטאַ — 161-155
קניזשניק, זעלדע — 57-51

ר

ראָזענטהאל, רבקה — 102
ראטנער־בערקאָוויטש, דזשעני — 130-128
ראַפּאָרט, אננא — 50-47
רויזל פישלס — 5
רויזנבלאַט, רבקה — 280-279
רויטבלאַט, הינדע — 333-331
רייזען, שרה — 83-75

ש

שומיאטשער, אסתר — 230-225
שטאַק, פראַדעל — 101-93
שמ"ר־צונזער, מרים — 104
שענפעלד, יוכבד — 117

פסיידאָנימען

נעמען	פסיידאָנימען
אויסלענדער, מירע	מירע בענקין
בלאָך, סטעלא	עטל גאָלדבערג
בערנשטיין, רחל	יהודית
בראהינסקי, ראשעל	ראשעל װעפּרינסקי
גלאָזער, אידא	אידא גלאָזער־אַנדרוס
האָפּשטיין, שיפרע	שיפרע כאַלאָדענקאָ
הירשביין, אסתר	אסתר שומיאטשער
טשארני, פריידל ס.	פריידל
יאקובאָוויטש, ראָזא	ראָזא י.
לעבענסבוים, ראָזע	אנא מארגאָלין
לעווין, כאַנע	האַנעלע ?
מישקאָווסקי, רבקה	רבקה גאלין
פאַטאש-פוקס, ריקודה	ריקודה פאָטאַש
פאָמעראַנץ, פעסי	פעסי הערשפעלד
פרילוצקי, פערל	פאאולא ר.
ציק, יהודית	יודיקא
קאָפּילאָוויטש, לאה	לאה ק. האָפמאַן
ראסקין, רעי	רבקה רויזנבלאַט
ראפּאָפּאָרט, מלכה	מלכה לי
ראַפּאָפּאָרט, אננא	אנא זיף
שעראטשעק, מרים	מרים װאָהלמאַן־שעראטשעק
שאפּיראָ, דינע	דינע ליבקעס
שאטאַן, מירעל	מירעל ערדבערג
שקאָלניקאָוו, אסתר	אסתר סיגאַל



א

אָ, הייליגער בורא, קניזשניק — 57
א זינג טון וועגן שטערנדלעך, טוטשינסקי — 316
אָ, טעג, רויטבלאַט — 331
אָ, לאָ'מיר געניעסען, ראַפּפּאָרט — 49
א מאַמע זיין, מאַזע — 274
אָ, מיין שפּראַך, ווערינסקי — 172
אוי, דורך דיר כ'האָב אַ שפּאַן געטאָן, כאַראַל — 297
אוי, ווייטן, צעוויגט זיך, כאַראַל — 296
אוי, ניט קיין שוועלבעלעך, כאַראַל — 299
אויב וועסט קומען צו מיר, טשערניאק — 334
אויפן בוידעם אין וויכן היי, לי — 253
אויפן היימישן ברעג, לאקס-פּרץ — 282
אויפן וואַסער זילבערשיין, גלאַזער — 178
אויפן ראַנד, גאלין — 149
אונטער שלאָס, קניזשניק — 55
און אַלע פּנימער אין רויך, מארגאָלין — 214
און ווען דיין נשמה, קניזשניק — 56
און—עס קאָן זיין, קלינג — 155
און ענג איז מיין שטיבל, כאָראַל — 295
און שטיל איז געוואָרען, רייזען — 77
אַז איך וויים ניט דעם וועג, קלינג — 159
אַז מיינע פריידן, כאַלאָדענקאָ — 302
אַטוואָצק, מאַלאָדאָווסקי — 196
איבער דער אָונטיקער עוועניו, מאַרגאָלין — 212
איך און מיין כאַווערטע, כענקין — 314
איך אַנטלויף פון דיר, צייט, יודיקא — 235
איך בין אַ דערטרונקענע, דראַפּקין — 167

איך בין אַ צירקוס־דאַמע, דראַפּקין — 163
איך בין ווי מיין קלייד, וועפּרינסקי — 169
איך בין פויל, כאַלאַדענקאַ — 301
איך ברויך נישט קיין פריהלינג, יאקובסאָן — 71
איך האָב געטראַכט פון דיר, רויזנבלאַט — 279
איך האָב דיך ליב, גוטמאַן — 244
איך האָב דיך נאָך נישט געזען, דראַפּקין — 167
איך וואָלט וועלן, קלינג — 160
איך ווייס, טשאַרני — 263
איך ווייס ניט פאַרוואָס, וועפּרינסקי — 171
איך וויל נאָך איין מאָל מיין פּען רייבן, כ"ץ — 30
איך וועל אַנטלויפן, דראַפּקין — 168
איך וועל אַרומנעמען מיינע אַקסל, וועפּרינסקי — 171
איך טרינק פון מזלס בעכער, רייזען — 81
איך ליב אַ דערוואַקסענעם, גוטמאַן — 244
איך ליג אין האמאק, דראַפּקין — 164
איך טרינק פון מזלס בעכער, רייזען — 81
איך ענדיג מיין וועבּן, יהודית — 65
איך צעפּלעכט מיינע האָר, גוטמאַן — 243
איך רו שוין לאַנג, רייזען — 80
איך שלאָף שוין לאַנג, יהודית — 65
אין אַ ווינקעל פון מיין הארצען, יהודית — 62
אין אַ לויטערן באַגינען, ליבקעס — 309
אין אָנדענק, בורשטין — 208
אין גאָרטן, פּיאַטיגאָרסקאיא — 328
אין דער בלויקייט בליען בלומען בלאַסע, גוטמאַן — 244
אין דער דינקייט, קודלי — 269
אין ווייטן האָריזאָנט, ראטנער־בערקאָוויטש — 128
אין ווינטן, יודיקא — 232
אין זיין אייגן גאָלד צעגאַנגען, לי — 252
אין יאָך, ליבקעס — 307
אין לאַבירינט, גלאזער — 177
אין לבנון־וואַלד, גערסאָן־ראַבּינאָוויטש — 110
אין מאָרגען־באַגינען, ערדבערג — 116
אין מידבּער מיין מאמע, כאַראַל — 293
אין נעכט ווען איך בין וואַך, מאַלאַדאָווסקי — 194
אין פּאָנים שפּרינגען כוצפּעדיקע בליקן, לעווין — 322
אין קאַפּע, מאַרגאָלין — 213
אין שאָטען, גאלין — 150
אין שמאָלן וועג, מאזע — 271

אינ׳ם שטילען אָבענד־וויגד, שטאָק — 96
איצט אַליין אין קאפע, מאַרגאַלין — 213
איר ווישט מיט רויער האַנט דעם שווייס, שומיאטשער — 230
איר ליבה פרומה ווייברן, כ״ץ — 36
איר, מיין לידער־קראַנץ, רייזען — 82
איינזאַם, בלאָך — 131
איינש האב איך גיאכט, כ״ץ — 25
איין היפשה דרשה, כ״ץ — 21
איין שין ליד נייא גימאכט, פאן — 7
אַלבאַטראָס, שומיאטשער — 225
אלטע זאָג, די, אולינאָווער — 139
אָליעסקאָ און מיקאָלא, הערשפעלד — 181
אַלע כוידעש, כאַלאָדענקאָ — 300
אַמאָל איז אַ שטיינערנער טרעפ, מאָלאָדאָווסקי — 192
אַנטיקעלעך, אולינאָווער — 134
אָן אַ סטאַציע, יאקובאָוויטש — 86
אָפגעשיטע בלעטער, מאָלאָדאָווסקי — 195
אַרוף אַף פעלזיקן שטיין, כאַראַל — 293
אָרעמס, וואָס שליידערן אנקער, שומיאטשער — 229

ב

בא אַ בירגערין אַזאַ מין וואוילע, לעווין — 323
באַ הימלען, ליבקעס — 308
באַלאָדן מיט מאַסע פון עפל, פיאטיגאָרסקאיא — 329
באַליידיקט, לי — 248
באם שוואַרצן יאַם, רויטבלאַט — 332
ביבלישע מאָטיווען, יאקובאָוויטש — 89
ביידע, בורשטין — 207
ביים זון־אונטערגאַנג, באָרנשטיין — 119
באַם יאַם, כאַראַל — 296
ביים ים, שטאָק — 95
ביים לאָדן אַ שיף, שומיאטשער — 229
ביים פענסטער, קניזשניק — 52
ביי פאַרמאַכטע וועגן, יודיקא — 234
בלום, א, טילעס — 186
בערג־שטילקייט, גאלין — 150
בראָדוועי אַוונט, מאַרגאַלין — 215
בריוועל, א, פאאולא ר. — 61
ברייטע הימלען, יהודית — 63
בריק, דער, קופערמאַן — 277

ג

גאָט׳ס שפּיעלצייג, האָפּמאַן — 126
גאָס, וואָלפינגער — 209
גאָסנקינדער, לעווין — 322
גורל, יאַקובאָוויטש — 91
גיהון, גערסאָן־ראַבינאָוויטש — 111
גייט שלאָפן, לי — 250
געבוירן, פּיאַטיגאָרסקאַיאַ — 326
געבענטשט זיי! בוים — 120
געה איך מיר אין גערטענדעל, טשענסטאָכאָווסקאַ — 112
געלעבט האָט זיך אַ ווייבעלע, טשענסטאָכאָווסקאַ — 114
גענגסטער, דער, מאַרגאָלין — 215
גענוג, רייזען — 77
געסט, ליבקעס — 306
גערן אומגערן, וועפּרינסקי — 171
גראָוע כאַלעמען שטיבלעך, כאַראַל — 294
גרוי, לייב — 133
גרינע קוועלנדע כוואַליעס, כאַראַל — 296

ד

דו ביסט אין מיין נעכטען, רייזען — 78
דו בעטסט מיך, גוטמאַן — 243
דו האָסט מיך צוגעדריקט צו זיך, קלינג — 160
דו דערמאָנסט מיר, קלינג — 161
דו דערנידעריקסט מיך היינט, דראַפּקין — 165
דו זאָגסט, מייזל — 286
דו טראָגסט דאָס האַרץ, שטאַק — 98
דו קוועלסט, איך קוועל, דראַפּקין — 166
דורותדיקע בריק, וויים — 238
דורך אַלע מיינע טואונגען, גאָלדבערג — 281
די זון געהט אויף, ראַפּאַפּאָרט — 47
דיינע טריט, פּיאַטיגאָרסקאַיאַ — 336
דיין בליק, מייזל — 287
דיין וואַליזע, פּאַטאַש־פּוקס — 255
דיין קאָפּ, מייזל — 285
דינסטמיידל, דאָס, פּאַטאַש־פּוקס — 257
דיר, קאָרן — 199
דער באַבעס זעהונג, אולינאָווער — 136
דערוואַכונג, לי — 253
דער פאַרהאַנג אין שטיבעל אין מיינעם, שטאַק — 100

ה

האָט ווידער זון, כענקין — 312
האָט זיך לייב געריסן, שומיאַטשער — 228
האַרבסט, כענקין — 312
האַרבסט, מאַרגאָלין — 216
חבל הבלים, רייזען — 82
הגר, יאַקובאָוויטש — 90
הויקער, וואָלפינגער — 209
חיים, כאַראָל — 294
היינט ביינאַכט, לי — 247
היינט וועלן בוימער, פּיאַטיגאָרסקאַיא — 330
היינט לעגינס בילדה, לעווין — 320
היים זיינען זאַמדן, כאַראָל — 292
הימל — קאָרנבּרויט אַ קראַיעץ, לעווין — 321
העי, איר הערט מיך אַלע, טוטשינסקי — 315
העי, ליבּער, זאַג, יודיקא — 231
הערט צו איר ליבּן מאַנין אונ׳ וויבר, כ״ץ — 22

ו

וואוהין, בּורשטין — 208
וואונדער, בּורשטין — 206
וואָלקענס, קניזשניק — 55
וואָס איך זאָג און טו, דראַפּקין — 165
וואָס אַרט מיך, יאַקובאָוויטש — 92
וואָס ווייסטו? גוטמאַן — 242
וואָס זיינען אַלע מיינע לידער, טשאַרני — 265
ווי אַ דיבּינק גרעזעלע, פּיאַטיגאָרסקאַיא — 326
ווי אַ טויבּ, רויזנבּלאַט — 280
ווי אַ נישטגעטראָגן קלייד, קלינג — 161
ווי אַ פויגעלע, זיידלער — 105
ווי בּייז דו בּיזט, מיין פריינד, שטאָק — 98
ווי דאָס ווילדגראָז, טשאַרני — 261
ווינטער, קאָרן — 202
ווינטער, קניזשניק — 53
ווינטער־עכאָ, א, שטאָק — 94
ווינטערפרימאָרגן אין די קאָלאָראַדער בּערג, א, ראַטנער־בּערקאָוויטש — 129
ווי קאָן עס זיין, יאַקובאָוויטש — 91
ווייגען קינדער דורך די נעכט, מאַזע — 273
ווייסע גענז, הערשפעלד — 181
ווייען, שומיאַטשער — 227

וועגן, ווייס — 240
וועט דער מזל וועלן, רייזען — 79
וועלכער גוטער חלום, רויזנבלאַט — 279
ווען אַ באָרוויסע, באָראַל — 291
ווען איך וועל איינשלאָפן, טשאַרני — 262
ווען איך זאָל קינדערלעך געבוירן, וועפּרינסקי — 173
ווען מיך טרעפט דיין קינדערש בליק, גאלין — 152
ווען עס הויבט זיך אָן דער טאָג, קלינג — 157
ווען צוגן גייען אָפּ, פּאָטאַש־פּוקס — 256
ווער ביסטו? פּאאולא ר. — 60
ווערעטענעס, טומשינסקי — 315

ז

זאָג מיר עפּעס, גוטמאַן — 245
זאָלן ווערן ווייס, ווי זילבער, פּיאטיגאָרסקאַיא — 327
זומערדיקער רעגן, קאָרן — 200
זון, האָסט דאָ צעהאַנגען, טומשינסקי — 317
זייגער, דער, האָפמאַן — 124
זיידעשי, דער, אולינאָווער — 145
זיי פרוכטבאַר ווי די ערד, טשאַרני — 263
זכרונות של פּסח, גאָלדשטיין — 41
זעאונגען, שומיאטשער — 226

ח

חומש־נאַכט, א, אולינאָווער — 143
חלומות איינגעפּלאָכטן אין כלה־צעפּ, שומיאטשער — 227
חשון, קאָרן — 202

ט

טאָג, א, וועפּרינסקי — 170
טאָג, טילעס — 188
טאָמער וועט דאָס לעבן, קלינג — 158
טאָפּאָלן ווייסע, די, רייזען — 79
טויערן, הערשפעלד — 180
טונק זיי איין אין מיינע האָר, גוטמאַן — 245
טעג, ליבקעס — 305
טרוקענער געוויין, גלאַזער — 176

טש

טשאַדרע, באָראַל — 291

י

יאָרן, טשאַרני — 261
יאָרן, מאַרגאָלין — 217
יוגנט, כּענקין — 310
יודישע מוזע, דיא, גאָלדשטיין — 45
יונג יאָר, בּורשטין — 204
יונגער שרעק, בּורשטין — 207
יחוס־בּריוועלע, דאָס, אָלינאָווער — 134

כ

כּפּרות, קניזשניק — 51
כ׳גיי נעבּן פּלויט, לאַקס־פּרץ — 284
כ׳האָבּ געטרונקען, אביגיל — 106
כ׳האָבּ ג טרונקען, אביגיל — 106
כ׳האָבּ געמיינט, יאַקובּאָוויטש — 85

ל

ליד, א, סיגאַל — 223
ליד, דאָס, וועפּרינסקי — 169
לידעלעך פאַר דיר, גוטמאַן — 244
לידער אין ווינט, מאַזע — 275
לעבּן, לאָז מיך ניט פאַרגיין, טשאַרני — 261
לעבּן מיינס, ווייס — 241
לעבּענספרייד, די, ראָזענטאַהל — 102
לעגענדע, גערסאָן־ראַבּינאָוויטש — 111
לעצטער קלאַנג, דער, גלאַזער — 176
לעשן זיך שייטערס, כּאַראַל — 292

מ

מאַיסע, א, כּאַראַל — 297
מאַנבּלום, בּורשטין — 207
מאַראַנצן, קודלי — 267
מאָרגענפרי, לאַקס־פּרץ — 283
מאָרגען, קניזשניק — 56
מואב־בּערג, די, גערסאָן־ראַבּינאָוויטש — 109
מוטער־ליד, מאַזע — 273
מוטער ערד, מאַרגאָלין — 216
מזרח, גערסאָן־ראַבּינאָוויטש — 109
מיט גוטסקייט שטראָפּסטו, שטאָק — 99

מיט הויכל גוטש ית׳, רויזל פישלס — 5
מיט פריש האָט אויפגעקאָכט, כענקין — 313
מיטן פראָסטיקן שיין פון די לאָמפן, מאַרגאָלין — 214
מיר שפּאַנען, רויטבלאַט — 332
מיינע אָרעמס, בוים — 120
מיינע הענט, דראַפּקין — 163
מיינע טעג, ווייס — 240
מיין אויג האָט פאַרלוירן, רויטבלאַט — 331
מיין בלוט, כאַלאַדענקאָ — 301
מיין גערטנער, סיגאל — 220
מיין געשאַנק, מייזל — 285
מיין דאָקטאָר, גאלין — 151
מיין היים, מאַרגאָלין — 217
מיין זיין, יודיקא — 233
מיין טאַטע, מאַזע — 272
מיין טיש, קלינג — 156
מיין לעצטע ליכט, קניזשניק — 55
מיין מאַמע, דראַפּקין — 162
מיין מאַן איז אין אַמעריקע, קניזשניק — 57
מיין מיידעלע, גאלין — 153
מיין פּרינץ — דער בעקער, סיגאל — 222
מיין פריהלינג, וואַהלמאַן־שעראַטשעק — 118
מיין קינדס קבר, מאַזע — 275
מיין שטעטל, הערשפעלד — 184
מצבה, א, מאַלאַדאָווסקי — 198

נ

נאַכט, די, יהודית — 64
נאַכט־וואַנדלערין, די, יאקובאָוויטש — 87
נאָקטורן, הערשפעלד — 179
נויג איך זיך צום בוים, כענקין — 311
נור טרעהרען, גאָלדשטיין — 44
ניטאָ קיין וואַסער שוין אין קרוג, כאַראַל — 292
ניט באַהאַלטן זיך וויל איך, פּיאַטיגאָרסקאיא — 326
ניט לאָז מיך אונטערגיין, מאַלאַדאָווסקי — 197

ס

סאָנעט, קופּערמאַן — 278
סאָנעטן, שטאַק — 98

ס'איז גוט דעם קאָפּ באַהאַלטן, מאַלאַדאָווסקי — 197
ס'איז נעכט אַזוינע פּרילינגדיקע דאָ, מאַלאַדאָווסקי — 193
ס'האָבן קינדער אין זאַמד היינט געשפּילט, מאַזע — 274
ס'האָט דער ערשטער פּרילינגס־טאָג, רייזען — 75
סניטקאָוו, רויטבלאַט — 333
סע מרוקעט אין מיר אַ בעהיימע, באַסים — 303
סערענאַדע, שטאָק — 93

ע

עס איז אַפּריל, מאַרגאָלין — 212
עס איז אַ שניי אַ שטילער, רייזען — 78
עס געהט זיך אַ סאָלדאַטעל, בענקענשטאַדט — 108
עס וועט אין מיר וואַקסן, באַלאַדענקאָ — 300
עס וועלן די פּרויען פון אונזער משפּחה, מאַלאַדאָווסקי — 190
עס פאַלט אַראָפּ, טשאַרני — 262
עס פלאַמט און לעשט זיך, טשאַרני — 264
עד, זאָל זיין, אַז אַליין, טוטשינסקי — 318
עקרה, די, יאַקובאָוויטש — 87
ערב, ליבקעס — 306
ערגעץ רופט מען, בענקין — 311
ערד האָט אָפּגעאָטעמט, פּיאַטיגאָרסקאַיאַ — 328
ערשטער מאַי, בענקין — 312

פּ

פּאָעמע פאַר דער יוגענד, יהודית — 67

פ

פאַראַן אַזאַ מין שטאָט, מייזל — 286
פאַרביי אונזער שטוב, קאָראָל — 295
פאַרטאָג, לי — 248
פאַר כלות אָרימע, מאַלאַדאָווסקי — 192
פאַרלאָזטע פרויען, מייזל — 288
פאַרנאַכטען, שטאָק — 96
פון יענער זייט וואַנט, ליבקעס — 307
פון כלה־סדור, יאַקובאָוויטש — 84
פון מיינע שלאַנקע גלידער, וועפּרינסקי — 173
פון צפון־זייט האָט זיך אַ ווינטעל, שמ"ר־צונזער — 104
פינגער, אביגיל — 107
פינפטע עוועניו פאַרנאַכט, מאַרגאָלין — 212

פיס, וואָלפינגער — 210
פלאַטערט אַ ווינטעל, שטאָק — 95
פליהסט אום, דו בין, שטאָק — 97
פליסט אַ שטראָם, גלאזער — 175
פערבלאָנדזשעטע, די, האָפמאַן — 123
פערדעלע, דאָס, האָפמאַן — 125
פראַסטיקע פליטערלעך, פּאַטאַש־פּוקס — 258
פרוי, איך הער צום מאַן דיין רוף, שומיאטשער — 227
פרויען־לידער, מאָלאָדאָווסקי — 190
פרי, ליבקעס — 305
פריהאַרבסט, סיגאל — 221
פרילינג, קודלי — 266
פרימאָרגן, יודיקא — 237
פרימאָרגן אין דאָרף, קאָרן — 200
פרעג נישט, ביילין — 121

צ

צווייגלעך נאָך פאַרטריקנטע, הערשפעלד — 180
צואה, די, אולינאָווער — 140
צו דעם וועל איך קומען, מאָלאָדאָווסקי — 191
צו דער זון, ערדבערג — 116
צו מיין טאַטען, יאקובאָוויטש — 88
צו מיין פאָלק, גאָלדשטיין — 43
צו שטייער, לעווין — 319
צוליב טאַטע־מאַמע, מאַזע — 271
צומאָרגענס, אולינאָווער — 144
צום בלויען יינגל, סיגאל — 219
צום „בעשוי“, אולינאָווער — 138
צום דיכטער, יהודית — 66
צום וואַגאַבונד, טילעס — 185
צום ליבָן, יודיקא — 236
צום מאַן, ווייס — 239
צום נזיר, קודלי — 269
ציגיינערין, פּיאטיגאָרסקאיא — 325
ציגיינערקעס, הערשפעלד — 182
צי זאָל איך מיך פערבאָרגען, שטאָק — 100
צייט־מאָטיוו, שטאָק — 97
צעוויקלען זיך קנאָספּען, כּאָלאָדענקאָ — 302

ק

קאַטעדראַל, דער, קופּערמאַן — 276
קאַרשעלע, דאָס, אוליגאָווער — 135
קויפט פּאַפּיראָסן, לי — 251
קומט אומרו אין נאַכטיקע שעה'ן, טשאַרני — 260
קום! זילבערבערג — 122
קום! פּאַאולא ר. — 59
קום צו מיר, קלינג — 158
קינדער, מאַזע — 273
קינדער־לידער, האָפמאַן — 124
קינדער מיינע, לי — 249
קלאַפּ ניט אָן אין מיין טיר, פּיאַטיגאָרסקאַיא — 76
קעמלען 31, קאָרן — 203

ר

רוף, דער, בורשטין — 206
רויטע פּאַרנאַכטן, לי — 252
רחל, יאַקובאָוויטש — 89

ש

שבת, אוליגאָווער — 141
שווימט אָן אַ וואָלקענדעל, טוטשינסקי — 316
שוועסטער מיינע, קלינג — 159
שווער צו גיין, מאַזע — 272
שטילע גאַסן, בענקין — 312
שטיפמוטערלעך, קודלי — 267
שטיפערדיגע אינגעלעך, טשענסטאָכאָווסקא — 113
שטעקעלעך, ריגגעלעך, כאָראָל — 294
שטערען, אוליגאָווער — 142
שיכפּוצערס חלום, א, האָפמאַן — 127
שלאָפנדע קינד, דאָס, גאָלדשטיין — 46
שליחות, א, אוליגאָווער — 145
שליסל מיינע, די, פּעווזנער — 189
שמעקט די ערד מיט פרילינג, פּיאַטיגאָרסקאַיא — 328
שניטער, סיגאל — 224
שניי, וועפּרינסקי — 170
שנעל בליט אָפּ דאָס פעלד, רייזען — 80
שעה'ן, בורשטין — 206

שעלט ניט, שומיאטשער — 228
שפּעטיגע רויז, א, קניזשניק — 54
שרייען וואָלט איך, שענפעלד — 117

ת

תחית המתים, ראַפּפּאָרט — 48
תפילה, געלה — 18
תפלה לשבת, כ״ץ — 20

L. M. Stein Publisher
426 South Clinton Street
Chicago, Illinois
24

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.
A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

LIBRARY, TORONTO

APR 15

3552 אנטילאגיע.

ע. קארמאן

יידישע דיכטערינס אנטילאגיע

APR 15 7[illegible] 3860

#3552